STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00616

ZIKHROYNES FUN MAYN LEBN

Chaim Zhitlowsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Marvin & Ilene Weinreb
in memory of
their grandparents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר. חיים זשיטלאָווסקי
געזאַמלטע שריפטן

דר. חיים זשיטלאָווסקי

זכרונות פון מיין לעבן

דריטער באַנד

ארויסגעגעבן פון
דר. חיים זשיטלאָווסקי פאַרלאַג־קאָמיטעט
ניו־יאָרק

Copyright by
DR. CHAIM ZHITLOWSKY
New York, 1940

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York
255

אינהאַלט

באַנד 3

די ערשטע טעג אין פּעטערבורג 7
מיין לעבן און מיינע ערשטע באַגעגענישן אין פּעטערבורג 13
„מאַכט אַ וואַרע — ס'גייט דער נייער דור!" 18
דער אַמאָליקער סטודענט־רעוואָלוציאָנער אין רוסלאַנד 24
דער טעראָריסטישער אַטענטאַט אויף צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן...... 30
מיינע ערשטע טריט אין שטודירן יידישע געשיכטע 36
קלאַסנקאַמף אין תּלמוד 41
אַ קאָמוניסטישע סעקטע אין ארץ־ישׂראל מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק 47
נביאים און נבואה מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק 53
די איסיים און די קריסטן אין צייט פון חורבן 58
דער גלויבן אין משיחן און די נאַטור־געזעצן 64
אַ פילאָסאָפישער קוק אויף דער יידישער געשיכטע 70
איך שטודיר געשיכטע צו זיין אַ גוטער רעוואָלוציאָנער און ווער אַ גוטער ייד 75
צווישן אַסימילאַטאָרישער יידישער אינטעליגענץ אין דער אַמאָליקער רוסלאַנד 80
מיינע שווערע טעג אין פּעטערבורג 86
לעצטע טעג אין פּעטערבורג און די צוגרייטונג פון מיין בוך „געדאַנקען" 92
מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט רוסישע „טאָלסטאָיאַנער" 99
„מסירת־נפש" און „מסירת־נשמה" 104
געזעגנט זיך מיט דעם „טאָלסטאָיאיזם" 109
די ערשטע אָפּרופן אויף מיין ערשטער שריפט 115

ווי דער „וואסכאד" און נאך זשורנאלן האבן זיך אפגערופן אויף
מיין ערשטער שריפט 121
ש. דובנאווס קריטיק און מיין ענטפער 126
מיין יידישער סאציאליזם און דער אנטיסעמיטיזם 131
ווינטערצייט 137
לעצטע טעג אין רוסלאנד 142
אין ווילנע ערב מיין פארלאזן רוסלאנד 147
אויף דער זייט און אויף יענער זייט גרענעץ 152
מיינע איבערלעבונגען די ערשטע טעג אין בערלין 158
די רעפארמער און די ארטאדאקסן אין בערלין 163
מיט די פרומע קריסטן אין בערלין 169
מיין ערשטע שריפט אין דייטש 178
מיט פראפעסאר הערמאן שטראק 183
שאלות און ענטפערס 188
די גליקלעכע מאמענטן פון מיין לעבן 194
נאך א קאפיטל זכרונות פון א יידישן סאציאליסט 199
דער מארקסיזם טרייבט צו ריינער פילאסאפיע 204
„איין מענטש איז אזויפיל ווערט, ווי די גאנצע וועלט" 209
ווי אזוי מען האט מיך „איידל" ארעסטירט און „פריינטלעך"
ארויסגעשיקט פון בערלין 214
עטלעכע גליקלעכע וואכן אין מיין לעבן 220

די ערשטע טעג אין פעטערבורג

סוף האַרבסט 1886 בין איך געקומען קיין פעטערבורג, ווי עס האָט זיך נאָך גערופן די דאַמאָלסטיקע רוסישע הויפּטשטאָט. פאַרפאָרן בין איך צו מיין קוזינע, פאַולינע ליאַכאָווסקי, אַ שנור ביי אַ רייכן פּעטערבורגער סוחר. זי האָט מיך באַלד געבראַכט צו איר שווער, וואו איך האָב געדאַרפט זיין אַ גאַסט אויף דער שבת־מאָלצייט (דאָס איז געווען אַ פרייטאָג). די ליאַכאָווסקיס האָבן פאַרנומען אַ גרויסע און — לויט מיינע דעמאָלטיקע השגות — אַ לוקסוריעז־איינגעאָרדנטע וואוינונג. די משפחה איז אָבער געווען אַ קליינע: דער פאָטער, די מוטער — אַ מרה־שחורהדיקע, פאַרשוויגענע יידענע, — דער יינגערער זון — אַ סטודענט אויף דעם יורידישן פאַקולטעט — און אַ פּלימעניק פון ווילנע — אַ סטודענט־מעדיקער.

די קינדער זיינען נאָך ניט געווען אין דער היים. דער פאָטער האָט זיך אַנטשולדיקט און איז באַלד ערגעץ אַוועק. פאַולינע איז אויך אַוועק צו זיך. די מוטער האָט זיך צוריקגעצויגן אין איר צימער, און איך בין געבליבן אַליין, אינעם זונס קאַבינעט.

ביז צום אָוונט־ברויט איז נאָך געווען ווייטלעך, האָב איך באַשלאָסן ניט צו פטרן קיין צייט און אָנהייבן עפּעס טאָן. דאָס פּאַסיקסטע פאַר מיר איז דעמאָלט געווען צו באַזוכן ראַבינאָוויטשן, דעם מיטרעדאַקטאָר פון דעם „רוסקי יעווריי", צו וועמען ז. קאַפּלאַן פון ריגע האָט מיר געגעבן אַן אַריינפיר־בריוו.

איך בין אַריין אין ראַבינאָוויטשעס קאַבינעט, וואו ביי אַ גרויסן שרייב־טיש איז געזעסן איינגעהויקערט אַ באַיאָרנטער ייד, מיט אַ סימפּאַטישן, אויסגעשפּראָכן־סעמיטישן פּנים, מיט אַ גרוילעך־שוואַרצער באָרד. איך געדענק ניט, ווי אַזוי דאָס האָט זיך געמאַכט, אָבער, נאָך אַ ווײַלע פון אונדזער געשפּרעך, האָט ער פון טיש־קעסטל אַרויסגענומען אַ מאַנוסקריפּט און האָט מיר געגעבן פאָרלייענען זיינע אַפאָריזמען אין דייטש (איך ווייס ניט, צי זיי זיינען שוין ערגעץ־וואו אָפּגעדרוקט געוואָרן).

דעמאָלט האָב איך קיין ברעקל השגה ניט געהאַט, אַז דאָס זיצט פאַר מיר איינער פון די זעלטנסטע דערשיינונגען, וואָס די העברייאישע

השכלה אין רוסלאַנד האָט אַרויסגעבראַכט. אָן אַ וועלכער עס איז סיס־טעמאַטישער פאָרבילדונג, האָט ער זיך נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן פאַר־אינטערעסירט מיט די אָנאָרגאַנישע נאַטור-וויסנשאַפטן און, אויסלער־נענדיק זיך די דייטשע שפּראַך, האָט ער באַרייכערט די העברייאישע ליטעראַטור מיט אַ היפּש ביסל ערנסטע ווערק וועגן מעכאַניק, פיזיק און כעמיע, וואָס זיינען געשטאַנען, — ווי מ׳זאָגט צו זייער שבח, — אויף דער הייך פון דער דעמאָלטיקער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. אָבער ניט נאָר אויף יענער הייך. עס ווערט פאַרזיכערט וועגן אים, אַז אין זיין ווערק וועגן מאַגנעטיזם, האָט ער שוין דעמאָלט זיך איינגעשטעלט פאַר דעם געדאַנק, אַז מאַטעריע און ענערגיע זיינען אייך־און־דיזעלביקע זאַך — אַ געדאַנק, וואָס איז ערשט אין אונדזערע צייטן באַוויזן געוואָרן, אַ דאַנק די אַרבעטן פון אַן אַלבערט איינשטיין.

פון אָט דעם באַטייט ראַבינאָוויטשעס, ווי אַ זעלבסטשטענדיק דענ־קענדיקן געלערנטן, האָב איך דעמאָלט גאָרנישט ניט געוואוסט, און — וואָס זאָל איך מיך שעמען אויסצוזאָגן? — איך האָב אויף דער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער שאַפונג אין העברייאיש, מיט אירע סלאָנימסקיס, ראַ־בינאָוויטשעס און זאַסניצעס, געקוקט ווי אויף אַ מלמדישער בטלנות, העכסטנס ווי אויף אַ משכילימשער פריגייסטעכץ, וואו „אמונה״ און „חכמה״ גייען „שלובי זרוע״ — אָרעם אין אָרעם.

אָבער ראַבינאָוויטש האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. אמת, איך האָב געזען, אַז דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט האָלט געהערט צו ווערן און וואָס שעצט אַ סימפּאַטיזירנדיקן צוהערער. אָבער מיין צוהערערישע נייגיר איז טאַקע ניט געווען קיין געקינצלטע. איך האָב באמת מיט גרויס אינטערעס זיך איינגעהערט אין זיין שמועס וועגן פאַר־שיידענע ענינים, וואָס זיינען מסתמא געווען ענטפערס אויף מיינע עטלעכע פראַגן, ביז מיר זיינען אַרויף אויף זיינע אַפּאַריזמען, וועלכע ער האָט גענומען פאָרלייענען פאַר מיר. זיין געשפּרעך איז געווען אַ געמיש פון רוסיש, יידיש און דייטש, אָבער די שפּראַך פון זיינע אַפּאָריזמען איז געווען, ווי מיר געדענקט זיך, אַ געשליפענער, ריין-ליטעראַרישער דייטש. אייניקע פון זיי זיינען באמת גאַנץ געראָטן און טיף און עטלעכע זיינען פאַרבליבן אין מיין זיכרון זייער אַ לאַנגע צייט.

מיר האָבן אַליין ניט באַמערקט, ווי שפּעט איך האָב זיך פאַרזעסן ביי אים. מיט גרויס אומווילן האָב איך מיך דערמאָנט, אַז מען וואַרט אויף מיר ביי די ליאַכאָווסקיס, און כ׳האָב גענומען אַפּשייד, פאַרענדיקנ־דיק מיין ערשטן און לעצטן באַזוך ביי אים.

דעם לעצטן דערפאַר, ווייל אין מיינע אייגענע ענינים האָט ער ווייניק וואָס געקאָנט טאָן פאַר מיר. אויסצוהעלפן מיר אין שטודירן יענע פראַגן פון דער יידישער געשיכטע, וואָס האָבן מיך געאינטערעסירט, האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס. אויך ער האָט צוגעגעבן, אַז דער בעסטער בעל־עצה און פירער אין אָט דעם פרט דאַרף פאַר מיר זיין אברהם הרכבי. די בעסטע רעקאָמענדאַציע אָבער צו יענעם יידישן געלערנטן קען מיר געבן ליאַכאָווסקי. ניט איינמאָל האָט זיך מיר געוואָלט נאָכאַמאָל אַריינצוכאַפּן צו אים גלאַט אַזוי. אָבער טיילס האָב איך ניט געהאַט די העזה אַוועקצונעמען מיר־נישט, דיר־נישט די צייט ביי אַ פאַרנומענעם געלערנטן מענטשן און טיילס האָב איך אַלעמאָל אין פעטערבורג געהאַט עפּעס בילכערס צו טאָן.

דער איינציקער וויזיט צו ראַבינאָוויטשן — מיין ערשטער שריט אין דער גרויסער בייער וועלט — האָט אויף מיר געמאַכט אַ היפּשן רושם. ער האָט אַריינגעטראָגן אַ שפּעלטעלע אין יענעם ביטול, וואָס איך האָב געהאַט צו דער השכלה און צו דער רוסיש-יידישער פּובליציסטיק. ס'האָט מיך פּסיכיש נעענטער געמאַכט צו דער גאַנצער יידישער וועלט, וואָס איז געלעגן דרויסן פון מיין רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער ספערע. זיצט זיך דאָ אין פעטערבורג אַן איינגעהויקערט יידעלע מיט אַלגעמיין־מענטשלעכע געדאַנקען־וועלטן און וועלט־געדאַנקען אין זיין קאָפּ: און ווען פאַרשריבן אויף פּאַפּיר, האַלט ער זיי ביי זיך אין טיש־קעסטל! פאַרוואָס ניט פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע? אָבער — וואו? און אין וועלכער שפּראַך? אין רוסיש? אָבער די רוסיש-יידישע פּרעסע קאָן האָבן צו טאָן נאָר מיט ריין־יידישע ענינים. אין דער העברייאישער? אָבער — משמעות — זי איז נאָר פאַר ישיבה־בחורים, וואָס דאַרפן געפיטערט ווערן מיט פּאָפּולאַריזאַציעס. און העברייאיש איז דאָך אויך ניט קיין נאַטירלעכע זאַך פאַרן געדאַנק. אָט האָט דאָך ראַבינאָוויטש געשריבן זיינע אַפאָריזמען ניט אין העברייאיש, נאָר גאָר אין דייטש. אָט, ווען מיר וועלן אָנהייבן צו שאַפן אונדזער קולטור אין אונדזער פאָלקסשפּראַך, אין יידיש, דעמאָלט וועלן אויך די ראַבינאָוויטשעס (פון די קומענדיקע דורות) האָבן אַ פרייע וועלט פאַר זיך, וואו אַרויסצוברענגען זייערע געדאַנקען און אויסצולעבן זיך אַלגעמיין־מענטשלעך.

ווען איך בין געקומען צו די ליאַכאָווסקיס, בין איך באַלד געוואָרן אַביסעלע קאַלטלעך. די פאַמיליע האָט געוואַרט אויף מיר, האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן און איז געווען אַביסל אָנגעבלאָזן אויף מיר. מיין אונטער־ברויט האָב איך געמוזט עסן אַליין ביי דעם אַלגעמיינעם טיש. אָבער

מיין באַריכט וועגן דעם וויזיט ביי ראַבינאָוויטשן האָט געמאַכט צעגיין דאָס ביסל אייז, און דער אַלטער ליאַכאָווסקי האָט זיך אויך פונאַנדערגערעדט. איך בין, משמעות, געווען גאַנץ באַגייסטערט פון מיין נייער באַקאַנטשאַפט. ליאַכאָווסקי האָט אָט די באַגייסטערונג ניט געטיילט, אָבער אויך ער האָט צוגעגעבן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ביז גאָר קלוגן מענטשן.

מיט די סטודענטן האָט זיך יענעם אָוונט ניט געמאַכט פונאַנדערצורײדן זיך. באַלד איז געקומען פּאַולינע מיט איר מאַן, נעמען מיך צו זיי אַהיים. ערשט אויף מאָרגן זיינען מיר געזעסן אין מיטיאַס קאַבינעט (מיטיאַ איז געווען ליאַכאָווסקיס זון) און געפּלאַפּלט אויף וואָס די וועלט שטייט און אין דער וועלט אַריין. אויך נאָך אַ יונגערמאַן איז געקומען מיט אַ וויזיט צו זיי. מען האָט ביי מיר גאָרנישט ניט געפרעגט, האָב איך אויך גאָרנישט ניט געדאַרפט דערקלערן. מיר האָבן גערעדט, ווי מיר וואָלטן שוין געווען באַקאַנט פון יאָרן. עס האָט מיך דערנאָך, קומענדיק אַהיים, געוואונדערט, וואָס איז דעם גאַנצן געשפּרעך איז אפילו ניט אַרויפגעשוואומען קיין רייד אויף דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אָדער אויף דער יידישער פראַגע, אָדער אויף אַ וועלכן עס איז אַלגעמייןטעאָרעטישן ענין. דערקלערט האָב איך דאָס דערמיט, וואָס די סטודענטן זיינען געווען זייער פאַרזיכטיק מיט אַ מענטשן, מיט וועמען זיי זיינען נאָר וואָס באַקאַנט געוואָרן, און אפשר איז דער צוגעקומענער גאַסט געווען אַ שטער.

שפּעטער, אין אָוונט, זיינען נאָך געסט צוגעקומען אין ליאַכאָווסקיס הויז. מיר האָבן זיך צוגעזעלנט צו זיי. אָבער אויך זייער גאַנצער געשפּרעך איז געווען אַזאַ אויבערפלעכלעכער, אַזאַ נישטיקער, גאָר ניט צו פאַרגלייכן ניט נאָר מיט אונדזערע שמועסן אין דער פּראָווינץ, אפילו ניט מיט יענעם אָוונט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ריגע אין ז. קאַפּלאַנס הויז. ניט קיין תורה, ניט קיין חכמה און ניט קיין פּאָליטיק. און די יוגנט האָט זיך אויך לוסטיק באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער פלוידעריי. אַ נס נאָך, וואָס ליאַכאָווסקי האָט איינגעלאַדן אַן אַלטן יידישן מוזיקער, דעם באַרימטן ווי מען האָט מיר געזאָגט, צימבאַליסט, סווערדלאָוו. דאָס איז באמת געווען די בעסטע „נומער" פון דעם אָוונט. ווי נאָר מען האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר אים און זיין צימבל ביים טיש, זיינען אַלע אַנטשטומט געוואָרן ווי פאַרגליווערטע. און ווי נאָר ער האָט זיך אַביסעלע אַ לאָז געטאָן מיט זיינע שטעקעלעך איבער די סטרונעס, זיינען אַלע אַריין אין אַן אָנגעשפּאַנטער דערוואַרטונג. געשפּילט האָט ער פריער

נאָר יידישע זאַכן: וואַריאַציעס אויף „אליהו הנביא", „וואָלעכלעך", „באַזעצנס" וכדומה. מייסטערהאַפט, צויבערהאַפט האָט ער געשפילט. עס איז געווען אַ חידוש, ווי אַזוי ער האָט פון אַזאַ אָרעמען, „טרוקענעם" אינסטרומענט געקאָנט אַרויסברענגען אַזוינע געפילפולע טענער.

— און מיינט איר, איך קאָן ניט שפּילן אויך אייערע זאַכן? — האָט ער זיך געווענדעט צו אונדז, צו דער יוגנט, און האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ פּאָר אַריעס פון אָפּערעס און לערמאָנטאָווס „וויכאָזשו אָדין יאַ נאַ דאָראָגו" („כ׳גיי אַרויס, נאָר איך אַליין, אין וועג"). מאָלט אייך, פּאַר אַזוינע זאַכן איז טאַקע די צימבל ניט באַשאַפן געוואָרן. אָבער אויך לערמאָנטאָווס ליד, געשפּילט פּיאַניסימאָ, און אָן אַקאָמפּאַנימענט, האָט געוועקט אַ זיסן טרויער ביי מיר. איך האָב פּלוצלונג דערשפּירט, ווי פאַראיינזאַמט איך בין אין אָט דער סביבה. און דאָס איז ניט געווען יענער, מיר אַזוי אָפט באַקאַנטער געפיל, פּונקט ווי דאָס לעבן וואָלט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיין וואָגן און זיך אַוועקגעטראָגן ווייטער, איבער־לאָזנדיק מיך איינעם אַליין, ליגנדיק ערגעץ אויפן ראַנד פון אַ וועג. ניין. איך האָב מיט אַלע חושים געשפּירט, אַז איך בין אַליין אַרויס אין וועג און — ווי עס זינגט זיך ווייטער ביי לערמאָנטאָוון „סקוואָז טומאַן קרעמניסטי פּוט בליעסטיט" („דורכן נעפּל גלאַנצט דער וועג פון קיזל־שטיין").

איך האָב מיך טאַקע ניט געקאָנט צונויפלעבן, אַריינלעבן זיך אין אָט דער סביבה. פּאַר די פּאָר וואָכן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי מיין קוזינע און אין ליאַכאָווסקיס הויז, בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט פּע־טערבורגער האַלב־אַסימילירטע און גאַנץ־אַסימילירטע יידן. צווישן די לעצטערע אויך מיט דעם פּאַרפּאַלק כוואָלסאָן. ער, דעם פּראָפעסאָר כוואָלסאָנס אַ זון, אַ בלאָנדער אַפּאָלאָן מיט אַ יידישער קרומער נאָז, דער־צו נאָך אַ שטענדיק פאַרלייגטער; זי — אַ קלוגע, באַרעדעוודיקע „גראַנד דאַם". אָסור, אויב איך האָב פאַר דער גאַנצער צייט געהערט פון זיי, פון אַלעמען, לאָז זיין איין וואָרט, וואָס זאָל זיך האָבן אַרויסגע־הויבן פון דער שטויביקער, טאָג־טעגלעכער נישטיקייט.

צום גליק איז אפילו אין יענע ערשטע פּאָר וואָכן מיין לעבן ניט געווען איינגעשלאָסן אין אָט דעם וועלטעלע פון די פּעטערבורגער רוסיש־יידישע באַלעבאַטים — אַ וועלטעלע, וואָס פון איין זייט האָט זי, דורך דעם אַלטן ליאַכאָווסקי, זיך געגרענעצט מיט דער יידישער אינטעליגענ־ציע און דער יידישער כלל־טוערײ, און פון דער אַנדער זייט, דורך דער

שטודירנדיקער יוגנט, איז זי שוין געווען אויף דער שוועל פון דער גע־ווינלעכער רוסישער ליבעראַלער געזעלשאַפט.

אַ דאַנק מײַנע פאַרבינדונגען מיט דער רוסישער שטודירנדיקער יוגנט און מיט דער רעוואָלוציאָנערער וועלט און אַ דאַנק מײַן אַרבעט אין דער ביבליאָטעק, האָב איך געקאָנט לעבן מחוץ פון אָט דער סביבה, אַפילו שוין אין די ערשטע פּאָר וואָכן, ווען איך האָב, אַזוי צו זאָגן, דרויסנדלעך געוואוינט אין איר און געהערט צו איר.

מיין לעבן און מיינע ערשטע באַגעגענישן אין פעטערבורג

אין פעטערבורג האָט דעמאָלט געשטודירט מיינע אַ גוטע באַקאַנטע פון וויטעבסק, אַ קריסטין ווישינסקאַיאַ (ווערט דערמאָנט אויך אין אב. קאַהאַנס זכרונות), אַן אינטימע פריינדין פון די דוכאָוויטשעס און די לאַכאָווס, אַ זעלטן-סימפּאַטישע פרוי, וואָס האָט געטראָגן אויף אירע אַקסלען אַ היפּש ביסל שווערע לעבנס-פּעקלעך. עס האָבן אָבער פון איר תמיד אַרויסגעשיינט שטראַלן פון פרייד, לעבנס-לוסט און ליבע צו יעדן מענטשן.

איר האָב איך געדאַרפט איבערגעבן גרוסן פון אירע וויטעבסקער פריינד, און זי האָט מיך אויך געדאַרפט צונויפפירן מיט דעם סטודענט גרינעוויצקי, אַ „נאַראָדאָוואָליעץ״, צו וועמען קאָליאַ האָט מיר געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע. פון איר האָב איך אויך געהאָפט אַריינגעפירט צו ווערן אין דעם קרייז פון דער סטודענטישער יוגנט, וועלכע איך האָב נאָך באַטראַכט פאַר דעם וויכטיקסטן, אויב ניט דעם איינציקן קרייז, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן און וואָס שטעלט צו די רעקרוטן צו דער „נאַראָדאָוואָלישער״ אַרמיי.

מיין צווייטער וויזיט אין פעטערבורג איז דעריבער געווען צו איר. אין אַן אָוונט האָב איך זי באַזוכט און האָב טאָקע אָנגעטראָפן אין דעם גרויסן צימער אַ היפּש ביסל סטודענטן און סטודענטקעס. ווישינסקאַיאַ האָט זיך זייער דערפרייט מיט די גרוסן, האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם עולם און מיך איינגעלאַדן צום טיי-טיש. דאָס איז ניט געווען קיין וועלכער עס איז קרייזל, ווי איך האָב פריער געמיינט, טאָקע באמת נאָר באַקענטע, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען צו אַ גלעזל טיי.

איך בין פאַרבליבן אויף דעם גאַנצן אָוונט און האָב זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן. אויך דאָ האָט מיך געוואונדערט, וואָס אין זיי האָט זיך ניט דורכגעוואָרפן אפילו קיין רמז אויף „פּאָליטיק״, „רעוואָלוציע״ און אַלע יענע פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיי און אין וועלכע עס

האָט זיך געקאָכט אונדזער יוגנט אין דער פּראָווינץ. איך האָב דאָס בשום אופן ניט געקאָנט דערקלערן דורך אַ קאָנספּיראַטיוון צוריקהאַלט אין דעם ביי־זיין פון אַ פרעמדן, ווי איך האָב דערמיט געפּרואווט זיך דערקלערן די פאַרשוויגנקייט אין פּאָליטישע ענינים ביי די סטודענטן ליאַכאָווסקיס. ווישינסקאַיאַ האָט מיך גוט געקענט און געוואוסט, אַז איך בין אַן „אייגענער". אפילו ניט קיין רמז פון קריטיק אויף דער רעאַקציאָנערער פּרעסע, וואָס האָט גראַד אין יענעם האַרבסט און ווינ־טער זיך באַזונדערס הוצפּהדיק פונאַנדערגעברויזט אין דער הויפּטשטאָט, האָט זיך דורכגעטראָגן אין יענעם געשפּרעך.

וועגן וואָס האָט מען גערעדט? וואָס האָט די זייער סימפּאַטישע יוגנט באַזונדערס געאינטערעסירט? — אַ חוץ, מסתמא, פראַגן וועגן דעם פּערזענלעכן לעבן און שטודירן — איך געדענק דאָס ניט גענוי — האָט דער געשפּרעך, ווי אַרום אַ צענטראַל־אַקס, זיך געדרייט אַרום דער אָפּערע און דעם טעאַטער. עס זיינען אין יענעם סעזאָן געגאַנגען אי רובינשטיינס „דעמאָן", אי טשאַיקאָווסקיס „אָניעגין" אי מוסאָרגסקיס „כאָוואַנשטשינאַ". די אַלטע, קלאַסישע, ניט־רוסישע אָפּערעס זיינען אפילו ניט דערמאָנט געוואָרן. אַ פּאָר אַריעס פון די רוסישע אָפּערעס זיינען אויך געזונגען געוואָרן, און ניט שלעכט. איך האָב זיך אויך דערוואוסט, אַז סטודענטן און אַפילו סטודענטקעס פלעגן פון צוויי אַזייגער ביי דער־נאַכט אָן שטיין אין גרויסע מחנות ביי דער בילעט־קאַסע פון דער אָפּערע אָדער פון דעם טעאַטער, וואַרטנדיק ביז זי וועט זיך עפענען אין דער פרי, כדי זיך אַ לאָז צו טאָן אין געלאָף צום פענצטערל און קריגן אַ בילעט (קיין „עקן" און „רייען" זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען איינגע־פירט. אָבער אַ פּאָליציי־הויפּטמאַן פלעגט פאַרן עפענען די קאַסע די מחנות אויסשטעלן און מיט אַ קלאַפּ אין די הענט געבן אַ צייכן פאַר דעם געלאָף).

אַ גאַנץ נייע ספערע פון גייסטיקע אינטערעסן האָט געהערשט ביי אָט דער יוגנט. שפּעטער בין איך אַביסל מער באַקאַנט געוואָרן מיט אָט דער ספערע, אויך אַ דאַנק די יונגע ליאַכאָווסקיס. קלאָר און בולט האָט זיך אַרויסגעוויזן דער פאַקט, אַז אין די סטודענטישע קרייזן איז פאָרגעקומען אַ גייסטיקער איבערבראָך. נייע שטרעמונגען און שטימונגען זיינען גע־וואָרן די באַלעבאַטים איבער זייערע מוחות און הערצער. איך וויל דאָ געבן אַ קורצן איבערבליק איבער זיי, ווייל אויך אויף מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג האָבן זיי געהאַט אַ ווירקונג, הגם איך בין געווען פיינטלעך צו זיי. און פיינטלעך בין איך געווען דערפאַר, ווייל זיי אַלע האָט אַרומ־

גענומען איין־איינציקער כאַראַקטער־שטריך: דער אָפּקער פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף בכלל, פון דעם טעראָריסטישן קאַמף בפרט.

אין דער ערשטער ליניע איז דאָס געווען אַ צוריקקער צו דעם עסטעטיציזם, צו דעם קולט פון קינסטלערישן שאַפן און צו הנאות, וואָס די קונסט גיט דער מענטשלעכער נשמה. עס איז פונקט, ווי מען וואָלט זיך צוריקגעקערט צו די פערציקער און פופציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, מיט זייער בוקן זיך פאַר שיינקייט צוליב שיינקייט. עס איז פונקט ווי דער גאַנצער קאַמף, וואָס די זעכציקער יאָרן, מיט די טשערנישעווסקיס, דאָבראָליובאָווס און פּיסאַרעווס, האָבן געפירט אַנטקעגן יענעם איינזייטיקן, אַנטי־סאָציאַלן, אַנטי־פּאָליטישן און אַנטי־רעוואָלוציאָנערן קולט, וואָלט מיט אַמאָל אָפּגעווישט געוואָרן פון דער יוגנטס געדעכעניש.

די זיבעציקער יאָרן האָבן, אונטער מיכאַילאָווסקיס גייסטיקער פירונג, פאַרריכט די אַלע איינזייטיקייטן, אין וועלכע די זעכציקער יאָרן זיינען אַריינגעפאַלן. קונסט און שיינקייט זיינען ווידער דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון כשרע מענטשלעכע אידעאַלן. מען האָט אָבער געפאָדערט, אַז די עסטעטישע אידעאַלן פון שיינקייט זאָלן האַרמאָניש גיין האַנט אין האַנט מיט די אידעאַלן פון דעם טעאָרעטישן אמת און די אידעאַלן פון דעם עטישן יושר. אָט דער סינטעז איז ווידער צעשפּרונגען געוואָרן ביי דער יוגנט פון די אַכציקער יאָרן.

ביי אַ גרויסן טייל פון זיי האָט די עסטעטיק ווידער פאַרנומען דעם דאָמינירנדיקן פּלאַץ פון אַן אַליין־הערשערין. אין איר אַנטוויקלונג האָט אָט די ריכטונג זיך דערערדעט צו דעם היפוך פון פּיסאַרעווס אַבסורדן אַפאָריזם. אויב פּיסאַרעוו האָט געלערנט, אַז „אַ פּאָר שטיוול זיינען העכער איידער פּושקין", האָט דאָס איצטער געהייסן, אַז „אַן אמת גוט געראָטענער שיר איז אַ סך וויכטיקער, ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציע".

מיטיאַ ליאַכאָווסקי איז געווען אַ בולטער טיפּ פון אָט דעם נייעם דור. ער איז געווען אַ זייער קלוגער, געבילדעטער מענטש און מיט אַ צאַרטער פּאָעטישער נשמה. איך בין חושד, אַז ער האָט באַהאַלטענערהייט געשריבן שירים. פלעג איך אָנהייבן ריידן מיט אים וועגן דער „הויפּטזאַך": וועגן רעוואָלוציאָנערע, פּאָליטישע, סאָציאַלע ענינים און יענע טעאָרעטישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען דירעקט פאַרבונדן מיט זיי, פלעגט ער זיצן אַ פאַרשוויגענער, כמעט ווי אַ דערשלאָגענער. אָבער ווי נאָר דער געשפּרעך פלעגט אַרויפקומען אויף ליטעראַטור און פּאָעזיע, פלעגט ער ווערן אַ גאַנץ אַנדער מיטיאַ. ער האָט געהאַט אַ טייערן זיכרון

פּאַר פּאָעטישע שאַפונגען און פלעגט קאָנען דעקלאַמירן לאַנגע פּאָעמעס אויף אויסנווייניק. און ניט נאָר געגראַמטע, אויך פון דער קינסטלערי־שער פּראָזע האָט זיין זיכרון אויפגעזאַמלט און געהיט רייכע אוצרות. אַזוי פלעגט ער קאָנען ציטירן גאַנצע זייטלעך פון לערמאָנטאָווס „העלד פון אונדזער צייט". עס איז געווען אַן אמתער גענוס צו הערן אים. און עס פלעגט ווערן פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי אַ נשמה קאָן זיך אינגאַנצן אַריינטאָן אין עסטעטישע איבערלעבונגען און ווערן אָנגעפילט מיט זיי ביז צום ראַנד.

פּסיכאָלאָגיש האָב איך זיך אויסגעלערנט דאָס צו פאַרשטיין און מיטצופילן; אָבער טעאָרעטיש האָב איך מיר ניט געקאָנט אונטערגעבן דעם ריינעם עסטעטיציזם, ווי איך קאָן דאָס נאָך עד היום ניט. פלעגן מיר מיט מיטיאָן ניט זעלטן דיסקוטירן אויף אָט דער אייביקער טעמע. קיין גרויסער לאָגישער טעאָרעטיקער איז מיטיאַ ניט געווען. אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן וויץ, וואָס פלעגט אָפט טאַקע זיך אַריינשניידן אין אַ וועלכן־עס־איז שוואַכן פּונקט פון מיין אַרגומענטאַציע. אָדער ער פלעגט אָפּשניידן דעם געשפּרעך מיט ציטירן אַ וועלכן־עס־איז שיר, וואָס האָט געדאַרפט אויסדריקן דעם ענטפער אויף דער אויפגעהויבענער שאלה. איינמאָל, געדענק איך, האָט ער פאַרענדיקט אַזאַ געשפּרעך, דעקלאַמירנדיק אַ שיר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„זוויאָזדי פּרעקראַסניאַ,
זוויאָזדי אַלמאַזניאַ
נאַשעפּטאַלי צוויעטאַם סקאַזקי טשודניאַ".

(„פּראַכטיקע שטערן, דימענטענע שטערן האָבן געסודעט די בלומען וואונדערלעכע מעשות").

און ס'איז אַוועק, און ס'איז אַוועק: סטראָפע נאָך סטראָפע, בילד נאָך בילד, וואוילקלאַנג נאָך וואוילקלאַנג אין אַ היפּש שיינעם אַרכיטעק־טאָנישן אויפבוי.

— וועמעס איז דאָס? — האָב איך געפרעגט.

— פּאָפּאָנאָווס. נאָך ניט געהערט דעם נאָמען? — האָט ער צוריק־געפרעגט מיט אַן איראָנישן אויסדרוק אין זיינע גרויסע, קלוגע, גרויע אויגן.

דער נאָמען פון אָט דעם יונגן רוסישן דיכטער, וועלכער האָט ערשט אין יענעם ווינטער גענומען ווערן באַליבט ביי דער יוגנט, האָב איך טאַקע נאָך קיינמאָל פריער ניט געהערט. זיין פּאָעמע (ווי אויך די אַנדערע, מיט וועלכע איך בין שפּעטער באַקאַנט געוואָרן) האָט באמת געקאָנט דינען,

ווי די פאַרקערפּערונג פון דעם ריינעם עסטעטיציזם. אינהאַלט? — עס איז פאַר מיר ניט געווען וואָס אָנצוטאַפּן. אָבער די קינסטלעריש-שיינע פאָרם, די בילדער און שטימונגען, וואָס האָבן איינעם אַריינגעבראַכט אין אין אַ פּאָעטישן היפּנאָז, זיינען באמת געווען באַצויבערנדיק.

אַזאַ פּאָעזיע האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט אַריינפּאַסן אין דעם מיכאַילאָווסקישן סינטעז, וואו שיינקייט, אמת און יושר האָבן געדאַרפט גיין האַנט אין האַנט, דורכדרינגענדיק איינס ס'אַנדערע. דאָ איז געווען אַ „יוצא דופן”. די ריינע, שיינע פאָרם האָט געקעמפט פאַר אַ זעלבסט-שטענדיקן אַבסאָלוט אומאָפּהענגיקן פּלאַץ אין דער וועלט פון די מענטש-לעכע אידעאַלן.

האַנט-אין-האַנט מיט אַט דעם ריינעם עסטעטיציזם איז ביי דער יוגנט געגאַנגען נאָך אַן אַנדער גייסטיקע שטרעמונג: די אידעאַליסטיש-מעטאַ-פיזישע. און אויך דאָס איז געווען אַן אָפּקער פון יענער גייסטיקער וועלט, וואָס האָט אין די זיבעציקער יאָרן געהערשט ביי דער יוגנט, — די וועלט פון דעם עמפּיריש-וויסנשאַפטלעכן געדאַנק, וואָס האָט זיין פילאָסאָפישע דערגאַנצונג געזוכט אָדער אין דעם מאַטעריאַליזם — זייער זעלטן — אָדער אין דער אַזוי-אָנגערופענער „וויסנשאַפטלעכער פילאָסאָפיע, אָדער אין דער אָדער יענער אַרט פון אַ קאַנטישן קריטיציזם, וואָס האָט געלייקנט, אַז דער מענטשלעכער שכל זאָל זיין ביכולת אַריינצודרינגען אין דעם „עצם תוך” פון דעם וועלט-באַשאַף. די יוגנט פון די אַכציקער יאָרן, וועגן וועלכער איך רייד דאָ, האָט, אויף וויפיל זי האָט זיך אינטע-רעסירט מיט פילאָסאָפישע פראַגן, דווקא געוואָלט זיך דורכרייסן גראָד צו יענעם פאַרבאָרגענעם תוך. געדאַרפט האָט זי דאָס, כדי אויסצוגע-פינען דעם אמתן — דעם אַבסאָלוט אמתדיק אמתן — זין פון דער וועלט. זי האָט דעם גאַנצן וועלט-באַשאַף געשלעפּט פאַר דעם קאָלנער צו דעם כסא המשפט פון איר אייגענעם שכל און געפאָדערט פון אים — פון דעם וועלט-באַשאַף, מיין איך — ער זאָל איר באַווייזן זיין „פּראַוואָ-זשיטעלסטוואָ”, זיין „וואוין-רעכט” אויף דער וועלט, ווייל פון אַט דעם „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ” איז אָפּגעהאַנגען, ווי זי האָט געגלייבט, איר אייגענע באַרעכטיקונג אַרומצוגיין אַ לעבעדיקע אונטער דער זון. די הערשנדיקע פילאָסאָפישע ריכטונג איז ביי אַט דער יוגנט געוואָרן די פּעסימיסטישע. נאָך קיינמאָל האָט מען אין רוסלאַנד ניט געשטודירט מיט אַזאַ התמדה די ווערק פון אַ שאָפּענהויער און אַן עדואַרד האַרטמאַן, ווי גראָד אין יענער צייט. און עס פלעגט גראָד אויסקומען אַזוי, אַז די גאָר ריינע, אייגזייטיקע עסטעטן זיינען אין דער זעלבער צייט געווען אָנהענגער פון דעם שאַרפסטן פּעסימיסטישן וועלט-און-לעבנס-באַנעם.

„מאַכט אַ וואַרע — ס׳גייט דער נייער דור!"

איינמאָל, ווען איך בין שוין געווען כמעט אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט און פלעג שיר ניט טאָגן און נעכטיקן אין דער קיי־סערלעכער ביבליאָטעק, בין איך נאָכאַמאָל געקומען צו גאַסט צו ווישינ־סקאַיאַ. יוגנט האָט זיך ווידער געטומלט ביי איר אין צימער.

מיר זיינען ביידע געזעסן אָן אַ זייט, און זי, די עלטערע, האָט מיך אויסגעפרעגט, וואָס איך מאַך און אויף וואָס איך אַרבעט אין דער ביבלי־אָטעק. איך האָב איר געענטפערט, אַז מיין גאַנצע צייט גייט דאָרטן אַוועק אויף דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק און אויף „נאַציאָנאַלאָגישע פאָרשונגען".

— הערט, הערט! — האָט זי זיך פּלוצלונג געווענדט צו די געסט, — חיים יאָסיפאָוויטש האָט אַנטדעקט אַ נייע וויסנשאַפט: „נאַ־צי־אָ־נאַ־לאָ־גיע", — האָט זי אַרויסגערעדט טריאומפאַליש און, ווי מיר האָט זיך געדוכט, ניט אָן אַ געוויסער איראָניע, הגם אַ זייער פריינטלעכער.

איך האָב דערקלערט דעם עולם די פראַגן, וואָס האָבן מיך געאינטע־רעסירט און אויף וועלכע איך האָב געזוכט אַן ענטפער: פון וואַנען נעמען זיך פאַרשיידענע פעלקער; וואָס איז דער אינעווייניקסטער מהות פון אַ פאָלק; מיט וואָס שיידן זיך פונאַנדער די פעלקער; וואָס איז די ראָל פון דער פעלקער־צעשיידונג אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס; ווי אַזוי דערהאַלטן זיי זיך; וואָס מאַכט זיי פאַרשווינדן, און צי פאָדערט טאַקע דער מענטשלעכער פּראָגרעס, זיי אַלע זיך צונויפגיסן אין איין איינציקן אַלמענטשלעכן ים.

— דאָס איז פּשוט „נאַראָדאָוויעדיעניע" (פעלקער־וויסנשאַפט, עטנאָ־לאָגיע), — האָט דערקלערט איינער.

— דאָס איז סאָציאָלאָגיע, — האָט מיר מסביר געווען אַ צווייטער.

— דאָס איז קולטור־געשיכטע, — איז געווען די מיינונג פון אַ דריטן.

איך ווייס ניט, צי מיר האָט זיך איינגעגעבן צו באַגרינדן מיין דע־מאָלטיקן שטאַנדפּונקט, אַז „נאַציאָנאַלאָגיע" איז טאַקע אַ זעלבסטשטענדיקע

וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין, וואָס הגם זי ליגט נאָך אין די ווינדעלעך, פאַרדינט זי אַ באַזונדער פּלאַץ אין דעם סיסטעם פון די אַנטראָפּאָלאָגישע וויסנשאַפטן. איצטער וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קאַפּיטל פון דער געשיכטס-פילאָסאָפיע, וואָס פאַרשט אויס די געזעצן פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און די כוחות, וואָס באַשטימען איר גאַנג. איך האָב אויך דערקלערט די וויכטיקייט פון די „נאַציאָנאַלאָגישע" פראַגן פאַר דעם פּראָגראַם פון אַ פּאָליטישער, בפרט אַ סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

מען האָט מיך אויסגעהערט און מען איז, אַזוי צו זאָגן, „אַריבער צום סדר היום". מיר דוכט, אַז גראָד דער צונויפבונד פון דער „נאַציאָנאָלאָגיע" מיט דער „פּאָליטיק" האָט ביי יענער יוגנט אָפּגעשלאָגן דעם חשק זיך ווייטער צו אינטערעסירן מיט אַ טעאָרעטישן ענין, וואָס האָט דאָך פאַר איר לחלוטין געדאַרפט זיין נייַ.

דער יונגער דור פון די אַכציקער יאָרן האָט געהאַט אַ כמעט אינסטינקטיוון ווידערווילן צו אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט פּאָליטיק און מיט פּאַרטיי-פּראָגראַמען. די פראַגן פון דעם קהלשן לעבן זיינען אָדער אינגאַנצן איגנאָרירט געוואָרן, אָדער אָפּגעשטופּט געוואָרן ערגעץ-וואו אויפן הינטערשטן פּלאַן. אויף דעם ערשטן פּלאַן האָט זיך אַרויסגערוקט די אינדיווידועלע, די אייביק-מענטשלעכע נשמה, די פראַגע פון דעם פּערזענלעכן גליק און פון דעם זין, וואָס אַן אינדיווידועלער מענטש דאַרף זוכן און געפינען אין זיין אייגענעם לעבן, אַלץ איינס אונטער וועלכע פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע אומשטענדן עס זאָל זיך ניט אָפּשפּילן זיין לעבן.

די פּאָעזיע פון אָט דעם דור, — די שאַפונגען פון אַ נאַדסאָן, אַ פאָפאַנאָוו, אַ מינסקי און אַ מערעזשקאָווסקי, — האָט גוט אָפּגעשפּיגלט אָט די נייע שטימונגען.

נאַדסאָן איז געשטאַנען אויף דעם שוועל פון דער נייער יוגנט און האָט געקאָנט דינען ווי אַ פאַרבינדונג צווישן די זיבעציקער און די אַכציקער יאָרן. אָבער אויך ביי אים איז דער דאָמינירנדיקער טאָן געווען אַ פעסימיסטישער. דער סאָציאַל-פּאָליטישער מאָמענט איז ביי אים פאַררוקט געוואָרן אויף דעם הינטער-פּלאַן, און אויך ביי אים האָט קלאָר אַרויסגעהילכט די מעטאַפיזישע בענקשאַפט, דורכצורייסן זיך צו דעם לעצטן תוך און זין פון דעם וועלט-באַשאַף, כדי אויסצוגעפינען דעם זין פון דעם אייגענעם לעבן.

אין דעם זעלביקן ווינטער, 1886, איז נאָדסאָן יונגערהייט פאַר־שניטן געוואָרן פון דער וועלט. זיינע לעצטע טעג, ווען ער איז אין קרים געלעגן אין דעם לעצטן גראַד דעריקע, און מאַדאַם וואַטסאָן, די פרוי פון דעם חשובן קונסט־קריטיקער, איז אַרומגעגאַנגען אַרום אים, און ווען די גאַנצע ליבעראַלע פּרעסע פלעגט ברענגען בולעטענען וועגן זיין מצב, — גראַד יענע לעצטע טעג זיינע זיינען פאַרביטערט געוואָרן דורך אַ שענדלעכער אַטאַקע אין סואוואָרינס „נאָוואָיע ווּרעמיאַ” מצד דעם מנובל פון דער רוסישער זשורנאַליסטיק, דעם באַרימטן רעאַקציאָנער און יידן־פרעסער, בוריענין. ער איז אָנגעפאַלן אויף דער גאַנצער רוסישער יוגנט און איר פּאָעזיע, ניט, חלילה, פאַר איר אַ־פּאָליטישן כאַראַקטער, וואָס האָט דווקא געדאַרפט נושא־חן זיין אין זיינע אויגן, — ער האָט דאָס אפשר גאָרניט באַמערקט, — נאָר „גלאַט” דערפאַר, וואָס זי האָט נאָך ניט פאַרלאָרן קיין צורת אָדם. אויך דאָס איז געשטאַנען אין דעם צעטל פון אירע חטאים, — געשריבן מיט דעם גיפטיקן גאַווער פון אַ משוגענעם הונט, — וואָס צו איר געהערט דער „זשיד” „סמרוג” (פרוג) און וואָס אין נאָדסאָנס אָדערן פליסט נאָך אַביסל ייִדיש בלוט. אויך נאָד־סאָנס באַציאונגען צו פרוי וואַטסאָן זיינען אַריינגעשלעפּט געוואָרן מיט די שמוציקסטע חשדים און רמזים.

די פּעטערבורגער ליבעראַלע געזעלשאַפט איז אויפגעשווידערט גע־וואָרן פון אָט דער שענדלעכער אַטאַקע. און ווען בוריענינס אָנפאַל האָט פאַרקירצט נאָדסאָנס טעג און דערנעענט זיין טויט, און ווען זיין בר־מינן איז געבראַכט געוואָרן קיין פּעטערבורג, צו באַערדיקן אים אויף דעם באַרימטן „וואָלקאָוו” בית־עולם, וואו עס ליגן די גדולים פון דער רוסי־שער ליטעראַטור, האָבן אייניקע געמיינט, אַז די לוויה וועט זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ גוואַלטיקער דעמאָנסטראַציע, וואָס וועט אפשר אָראָפּ־טרייסלען דעם שווערן קאָשמאַר, וועלכער איז שוין געדיכט געהאָנגען דעמאָלט איבער דעם לאַנד...

די לוויה איז אָבער געווען אַ לפי־ערך אָרעמינקע. די פאַר הונדערט מענטשן זיינען באַשטאַנען כמעט דורכאויס פון דער שטודירנדיקער יוגנט און די יונגע ליטעראַרישע קרייזלעך. קיין איינעם פון מיינע באַ־קאַנטע האָב איך אין דעם עולם ניט באַמערקט. אויך די עלטערע גדולים פון דעם פירנדיקן עפנטלעכן געדאַנק זיינען געווען פאַרטראַטן זייער קאַרג. קרענץ האָט מען געבראַכט אַ היפּש ביסל, אָבער די פּאָליציי האָט פאַרווערט צו טראָגן זיי. נאָך אַ קליינעם סכסוך מיט איר, האָט מען זיי אָרויפגעלייגט אויף אַ באַזונדער וואָגן. די טרומנע האָבן די

גאַנצע צייט געטראָגן אויף די אַקסלען די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַלע ווילע געביטן. קיין גלח מיט קיין צלם איז ניט געגאַנגען פאַר־אויס, נאָר אַ כאָר פון סטודענטן האָט די גאַנצע צייט געזונגען עפּעס אַ קירכלעך ליד, דאַכט זיך: „סאָ סוויאַטימי אופּאָקאָי״ (גיב אים זיין רו אין איינעם מיט די קדושים). קיין ברעקל איינדרוק האָט די פּראָצעסיע ניט געמאַכט אויף דעם גרויסן עולם.

ביי דעם אָפענעם קבר, לעבן וועלכן עס איז געשטאַנען אַ ברייט־ברוסטיקער פּאָליציי־קאַפּיטאַן, זיינען געהאַלטן געוואָרן אַ פּאָר רעדעס, אויך אַזעלכע בלייכע, בלוט־און־פאַרבן־אָרעמע. איינער, אַ מיטליאָריקער — איך ווייס ניט, ווער דאָס איז געווען — האָט אַלע ווילע דערמאָנט סערען קירקעגאָרן, דעם סקאַנדינאַווישן כוהן־גדול פון דער ריינער עס־טעטיק וואָס איז אין יענער צייט באַקאַנט געוואָרן אין רוסלאַנד. שטום און בלייך איז, ווי אַ סטאַטוע, געשטאַנען לעבן דעם קבר דער אַלטער מאַרדאָווצעוו, מיט דער לאַנגער גרויער באָרד, — אָט דער, וואָס האָט אַמאָל־אַמאָל באַגייסטערט געשילדערט דעם אויפקום פון די „נייע מענטשן״, דעם שטורמישן דור פון די „זעכציקער יאָרן״, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען די „ניהיליסטן״.

נאָר איין עפּיזאָד האָט אַביסל אויפגעציטערט דעם קליינעם עולם. ווען דער יונגער דיכטער פּאַפּאַנאָוו — נאָך גאָר אַ בלאָנדער ייִנגל — האָט געדאַרפט זאָגן אַ פּאָר ווערטער, האָט ער עס ניט געקאָנט. ער איז צוגעפאַלן צו דער טרומנע און האָט היסטעריש אויסגעשריען: „נאַד־סאָן! איך האָב דיך געליבט!״. אויף מיר האָט דאָס געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טעאַטראַלישן זשעסט.

דער צווייטער וויכטיקער פּאָעט פון דעם נייעם דור מ. מינסקי (ווילענקין), האָט מיט זיין ערשטן בוך לידער אָנגעוואָרפן אַזאַ אומעט, פּונקט ווי אַ ווינט וואָלט אין אַ פינצטערער האַרבסט־נאַכט געהוילן אין אַ קוימען. דער שוואַרצסטער פּעסימיזם האָט גערעדט פון זיינע שירים.

„עס פליען די יאָרן, ווי פיילן;
עס ציען זיך רגעס ווי יאָרן״ —

און דאָס איז דער גאַנצער סך־הכל פון אַ מענטשלעכן לעבן! יעדע רגע, — קוים וואָס מען לעבט זי איבער, און דאָס גאַנצע לעבן פאַר־פליט ווי אַ רויך... און כאַראַקטעריזירנדיק דעם געלערנטן היסטאָריקער, וועלכער רעכנט אויס אַלע קרעפטן, וואָס באַשאַפן די מענטשלעכע גע־שיכטע, באַמערקט מינסקי סאַרקאַסטיש: „נאָר וועגן דער טיפשות פון די פעלקער האָט ער ניט געזאָגט קיין וואָרט״.

דער ערלעכסטער און טיפסטער פון יענער פלעיאַדע יונגע פּאָעטן איז געווען דמיטרי מערעזשקאָווסקי, דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער מחבר פון היסטאָרישע און קולטור־היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס זיינען איבער־געזעצט געוואָרן כמעט אין אַלע אייראָפּייאישע שפּראַכן. אין זיין ערשט־לינג-ווערק, דעם לידער־בוך, האָט ער געפּרואווט געבן אַן ערנסטן חשבון־הנפש פון דער דעמאָלטיקער יוגנט. אַן אויסגעמאַטערטקייט, אַן אויס־געשפּילטקייט און אַ באַנקראָט־דערקלערונג האָט זיך געטראָגן פון זיין יעדן שיר. די יוגנט האָט אין אים געבענקט נאָך יוגנט, וועלכע זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט. (אויך נאַדסאָן האָט זיך באַקלאָגט דערויף: „אונ־דזער דור ווייס ניט פון קיין יוגנט".) מערעזשקאָווסקי וואַרפט זיך אַליין פאָר, פאַרוואָס ער האָט ניט פאַרזוכט קיין פּשוטן גליק פון לעבן, —

„ווי גליקלעך עס איז אין וואַלד די חיה,
ווי גליקלעך ס'איז דער פויגל אין עפיר".

אין דער ספּערע פון אַזעלכע שטימונגען האָבן ניט געקאָנט געבוירן ווערן קיין רעוואָלוציאָנערע העלדן, אין וועלכע דער טעראָריסטישער קאַמף, מיט זיין קאַטעגאָרישן באַפעל: „גיי און זיי זיך מקריב!" האָט זיך אַזוי געניטיקט. און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס אַ טייל פון דער יוגנט האָט זיך געצויגן אינאיינעם מיט פּאָפּאַנאָוון צו די „דימענטענע שטערן, וואָס סודען די בלומען וואונדערבאַרע מעשות". דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ גייסטיקער שטרעמונג, וואָס האָט שפּעטער געזוכט אויסצולעבן זיך אין קירכלעכער, גריכיש־קאַטוילישער פרומקייט, געפּאָרט מיט סעקסועלער אויסגעלאַסנקייט און דינע, ריין־עסטעטישע הנאות, — אַ שטרעמונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן, ביז עס איז ביי דער יוגנט אָנגע־וואַקסן אַ נייער אויפברויז פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע אין דעם סוף פון די ניינציקער יאָרן.

ווי באַקאַנט, האָבן אָט די אַלע עסטעטישע און מעטאַפיזיש־אידעאַ־ליסטישע שטימונגען מיט אַ קלאָרן אַ־פּאָליטישן כאַראַקטער געפונען אין דער ערשטער צייט זייער טאַלאַנטפולן טעאָרעטישן פאַרטיידיקער אין דעם מי־שהיה חובב־ציון, פלעקסערן (באַקאַנט אונטער דעם פּסעוודאָנים א. וואָלינסקי). אין יענער צייט האָט אָבער וואָלינסקי נאָר וואָס גענומען באַקאַנט ווערן. ער איז אַרויס אין דער רוסישער ליטעראַטור אונטער דער עגידע און דעם פּאַטראָנאַזש פון דעם ראַדיקאַלסטן גייסטיקן פירער, וועלכן רוסלאַנד האָט דעמאָלט פאַרמאָגט: מיכאַילאָווסקי, בכבודו ובעצמו, האָט גענומען פלעקסערן אונטער זיינע פליגלען, האָט מיט ליבע דירי־גירט די ערשטע שריט פון אָט דעם יונגן, באמת רייכן טאַלאַנט. ווי

מען האָט מיר שפּעטער (אין 1892) דערציילט, האָט מיכאַילאָווסקי געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען, ווי אויף אַ נייעם פּאַנען־טרעגער פון די גרויסע רוסישע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס אין דעם עפנטלעכן געדאַנק. טיף איז דעריבער געווען מיכאַילאָווסקיס צער, ווען די רעאַקציאָנערע כוואַליע האָט אויפגעהויבן אויף איר רוקן וואָלינסקין. „איך האָב אָפּגעוואָרעמט אַ שלאַנג אויף מיין ברוסט“, זאָל ער האָבן געזאָגט וועגן אים.

די בעסטע פון יענעם דור האָבן געזוכט צו געפינען אַ סינטעז צווישן זייער אַ־פּאָליטישקייט און דעם דראַנג צו העלפן דעם פאָלק אין זיינע לעבנס־נויטן און אויסצובויען אַ חשובערן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין צוויי ריכטונגען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אָט דער סינטעטישער שטרעבן. איין ריכטונג איז געווען דער טאָלסטאָיאַניזם, וואָס מיט זיינע פּאַרטרעטער בין איך באַקאַנט געוואָרן ערשט אין דעם נעקסטן זומער. די אַנדער ריכטונג איז געווען אַ קולטורויסטישע; צו איר האָט געהערט דאָס רוב פון ווישינסקאָיאַס באַקאַנטע. איך וואָלט דעם אני־מאמין פון די דעמאָלטיקע „קולטוריסטן“ געפאָרמולירט אַזוי: „נעם די פּאָליטישע און די סאָציאַלע באַדינגונגען אַזוי ווי זיי זיינען. נעם אַ דירעקטן אַנטייל אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון דעם פאָלק אין אַלע זיינע ניצלעכע באַשעפטיקונגען; און שטרעב צו פאַרשפּרייטן אַרום זיך וואָס מער קולטורישקייט און מענטשלעכקייט“. דאָס רוב מיר באַקאַנטע פון אָט דער ריכטונג האָבן זיך געגרייט צו ווערן לערער אין די פאָלקס־שולעס.

גראָד די אָנהענגער פון אָט דער הומאַנער קולטוריסטישער ריכטונג האָבן געקוקט אויף זיך, ווי אויף די פּאַנען־טרעגער פון דעם גאַנצן אַ־פּאָליטישן דור פון די אַכציקער יאָרן. גראָד פון זייער קרייז איז דאָס אַרויס דער גאָר האָפערדיקער אויסגעשריי: „פּראָטש ס'דראַגי! שיריע דאָראָגו! וואָסמידיעסאָטניק איד'יאָט!“ („אָוועק פון וועג! מאַכט ברייטער דעם וועג! עס גייט דער דור פון די אַכציקער!“)...

נו — און קיין רעוואָלוציאָנערע יוגנט איז שוין גאָר ניט געווען? געווען! געווען אויך אַ רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט; אָבער ניט זי, מיט איר טעטיקייט, האָבן איצטער פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין דעם לעבן פון דער יוגנט. זיי ביידע זיינען געווען פאַררוקט טיף אין דעם הינטערגרונט, אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך. קיין גרויסע סימפּאַטישע פּעריפעריע, ווי אַמאָל, האָבן זיי איצטער ניט געהאַט.

63

דער אַמאָליקער סטודענט־רעוואָלוציאָנער אין רוסלאַנד

מיט גרינעוויצקין, צו וועמען איך האָב געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע פון קאָליאַן (לאָכאָוון), האָבן איך זיך באַגעגנט אין די ערשטע טעג פון מיין קומען קיין פּעטערבורג. דאָס איז געווען אַ סטודענט נאָך פון די אַלטע צייטן. אויף אַזעלכע עלטערע סטודענטן זיינען ניט חל געווען אַלע נייע גזירות, וואָס די רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט איינגעפירט אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן. אויך קיין מונדיר מיט אַ „שפּאַגע“ האָבן זיי ניט געדאַרפט טראָגן, און זיינען, דוכט מיר, ניט געווען געצוואונגען אָפּצוגעבן די עקזאַמענס אין אַ באַשטימטער צייט. לויט דער קליידונג און דעם הילוך זיינעם איז גרינעוויצקי געבליבן דער טיפּישער סטודענט פון די גאָר אַמאָליקע יאָרן: אַ ווייכער שוואַרצער הוט מיט אַ ברייטן ראַנד, לאַנגע האָר, ברילן, אַ שווערער שטאָק.

וואָס ער האָט געשטודירט, ווייס איך ניט. עס ווייזט אויס, זיין סטודענטישקייט איז נאָר געווען אַ דעקמאַנטל פאַר זיין רעוואָלוציאָנער אַרבעט צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט.

ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן אין אַ שטאַרק נידערגעשלאָגענער שטימונג. עס איז שווער געווען אַרויסצובאַקומען פון אים אַ וואָרט. אונדזער געשפּרעך האָט זיך ניט געקייטלט. אויף מיין פאַרלאַנג צו באַקומען רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, האָט ער קורץ געענטפערט: „קומט מאָרגן אַזוי נאָכמיטיקצייט“.

אויף מאָרגן באַלד נאָך מיטיק בין איך געווען ביי אים. באַגעגנט האָט ער מיך אַ סך פריינטלעכער איידער נעכטן. ער איז געזעסן ביים פענצטער, געלייענט אַ בוך, און ניט אויפשטייענדיק פון אָרט מיר דערלאַנגט די האַנט.

— די ליטעראַטור — האָט ער מיר געזאָגט — איז אָן דאָרטן, אויפן טיש. קלייבט אויס וואָס איר דאַרפט.

איך בין צוגעגאַנגען צו דעם לאַנגן טיש, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַל־בע וואַנט, און מיינע אויגן זיינען זיך פונאַנדערגעלאָפן: ער איז געווען פול באַלייגט מיט שטויסלעך אונטערערדישע אויסגאַבן. אייניקע על־טערע זאַכן האָבן מיר שוין געהאַט אין דער פּראָווינץ, עס זיינען אָבער אויך געווען אַ פּאָר נייע אויסגאַבן, ווי דער צענטער נומער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און אַ פולער באַריכט וועגן דעם פּראָצעס פון דער פּוילישער אָרגאַניזאַציע „פּראָלעטאַריאַט".

— ווי האַלט איר דאָס אַזוי אָפן די ליטעראַטור? — האָב איך אים געפרעגט.

צום ערשטן מאָל האָט זיך ביי גרינעוויצקין באַוויזן עפּעס, ווי אַ מין קרומער שמייכל אויף די ליפּן.

— ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק האָבן „זיי" דאָ געמאַכט אַ הויז־זוכונג און — ווי אַלעמאָל — גאָרנישט ניט געפונען. איצטער איז מיין דירה, ווייניקסטנס פאַר אַ פּאָר חדשים, אפשר די זיכערסטע אין גאַנץ פּעטערבורג.

אַזעלכע הויז־זוכונגען פלעגט גרינעוויצקי האָבן עטלעכע מאָל אַ יאָר, אין כמעט פּינקטלעך איינגעשטעלטע צייטן, און ער פלעגט שוין קאָנען זיך משער זיין, ווען ער פלעגט דאַרפן האַלטן „ריין" זיין דירה.

איך האָב אָפּגעקליבן צו דריי עקזעמפּלאַרן פון די זאַכן, וואָס איך האָב גערעכנט, אַז זיי וועלן זיין פּאַסיק פאַר דער ריגער גרופּע. נאָר פּלוצלונג האָט זיך גרינעוויצקי אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום טיש.

— ע־ע־ע! צו וויפיל נעמט איר?

— צו דריי.

— דאָס וועט זיין אַביסל צו פעט.

איך האָב אים דערקלערט, אַז איך דאַרף דאָס פאַר אַ גאָר נייער גרופּע אין דער פּראָווינץ.

ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין פּאָטיליצע: „נו, לאָז זיין!"

מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט וועגן דעם מעמד פון דער באַוועגונג. פריער פּאָרזיכטיק און מיט האַלבע ווערטער, דערנאָך מער צוטרוילעך, ביז ער איז אַרויס מיט פולן לשון:

— מען דאַרף אָננעמען, אַז עס גייט אויף אָפּפּלוּס („נאַ אוביל איד'אָט").

דער עיקר טרויעריק איז מיט דער שטימונג ביי דער סטודענטשאַפט. וואָס איז אונדזער קאַפּיטאַל? די סטודענטשאַפט, די יוגנט! און זי וויל ניט קוקן אין יענער זייט.

דעמאָלט בין איך נאָך ניט געווען באַקאַנט מיט די נייע שטרע-מונגען, וואָס האָבן גענומען העכשן ביי דער יוגנט פון די אַכציקער יאָרן.

— וואָס זיינען די אורזאַכן פון איר גלייכגילטיקייט צו דער רעוואָלוציע? — האָב איך געפרעגט.

— ווער ווייסט! אפשר אַזאַ קליינזיקייט, ווי דער מונדיר מיט דער שפּאָגע. עס קומט אָן אַ יוגנט, נאָך גאָר אַ גרינע, מיט אַ זייער שוואַכער צוגרייטונג. נאָר — ניין! עס מוזן זיין טיפערע וואָרצלען.

ער האָט מיר אויך דערציילט וועגן די חלוקי־דעות, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער פּאַרטיי, וועגן דעם קאַמף פון די „יונגע" אַנטקעגן די „אַלטע". אָבער קלאָר דערקלערן דעם סכסוך האָט ער ניט געקאָנט.

— אפשר שטויסט דאָס אָפּ די יוגנט? — האָב איך געפרעגט.

— עט! וואָס ווייסט זי דערפון?

און עס איז געלעגן אַזאַ ביטול אין דעם וואָרט „זי".

און וואָס איז מכוח דעם עיקר, דעם טעראָריסטישן קאַמף?

— געוויס, עס וועלן געמאַכט שטאַרקע אָנשטרענגונגען און ערנסטע צוגרייטונגען, אָבער ווער ווייסט, צי דאָס וועט זיך איינגעבן!

און פּלוצלונג האָט זיין טונקעלער פּנים מיטאַמאָל אויפגעשיינט.

— אָט, ווען דאָס זאָל זיך איינגעבן! . . .

זיין גאַנצער געשפּרעך האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שטאַרקע מרה־שחורה. נאָר זיין לעצטער אויסרוף האָט ווידער פאַרטריבן אַלע וואָלקנס. אָט, ווען דאָס זאָל זיך איינגעבן! און אויב ניט איצטער — איז ביי אַ צווייטן מאָל. מיט דער נייטיקער פאָרזיכטיקייט, כדי ניט אויפצורודערן מיינע קרובים, ביי וועמען איך האָב געוואוינט, האָב איך איבערגעלייענט די נייע זאַכן און אַלץ תיכף אַריבערגעשיקט קיין ריגע.

באַלד האָב איך אָבער געקראָגן אַ וואוינונג, וואו איך האָב מיך געקאָנט פילן אַ סך פרייער, ווייל אויך מיין „היים" איז דעמאָלט געווען איינע פון די „זיכערסטע". עס וועט אפשר זיין ניט איבעריק צו דערציילן, ווי אַזוי איך בין געקומען צו אַזאַ היים, ווייל די מעשה איז זייער כאַראַקטעריס־טיש פאַר יענע צייטן.

פאַרפאָרן בין איך, ווי פריער דערציילט, צו מיין קוזינע ליאַכאָווסקי. איך בין די ערשטע צייט איינגעשטאַנען ביי איר. דאָס איז געווען ניט זייער באַקוועם, ניט פאַר מיר, ניט פאַר מיינע קרובים. קיין באַזונדער צימער האָב איך אין דער קליינער וואוינונג ניט געהאַט. שלאָפן פלעג איך אין דעם עס־צימער אויף אַ סאָפע. און אַמאָל, ווען עס זיינען געווען געסט, וואָס האָבן זיך פאַרשפּילט אין „סטוקאַלקע" (אַזאַ קאָרטן שפּיל)

ביז אין דער טיפסטער האַלבער נאַכט, האָב איך געדאַרפט אויף־זיין ביז צוויי־דריי אַזייגער. און אויך פאַר די ליאַכאָווסקיס איז מיין גאַסטירן ביי זיי ניט געווען פון די געוואונטשענע זאַכן אין דעם פּרט פון דער „פּאָליציי". מען האָט געשריבן דעם יאָר 1886, ד"ה, דעם יאָר, אין וועלכן דער פּעטערבורגער „שטאָט־באַלעבאָס" („גראַדאָנאַטשאַלניק"), דער באַרימטער גרעסער, האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע גבורה אין האַלטן די הויפּט־שטאָט ריין פון יידן, וואָס האָבן קיין רעכט ניט אויפצוהאַלטן זיך אין איר. מיינע קרובים האָבן וועגן דעם ענין קיין וואָרט מיט מיר ניט גערעדט. מסתמא זיינען זיי שוין ווי עס איז דורכגעקומען מיט דער פּאָליציי אָדער מיט דעם „דוואָרניק" (יעדעס הויז האָט געהאַט אַ „הויף־שומר", וואָס פלעגט נאָך דעם שליסן דעם טויער פאַרנאַכט, דאַרפן אַריין־ און אַרויס־לאָזן די איינוואוינער פון דעם גאַנצן הויף). האָבן מיינע קרובים זיך טאַקע דערפרייט, ווען איך האָב זיי מיטגעטיילט, אַז איך האָב געפונען פאַר זיך אַ צימער, אַ געזיכערטן, אין דעם פּרט פון „וואוין־רעכט".

געשען איז דאָס אָבער אַזוי.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, גייענדיק אויף דעם „נעווסקי פּראָספּעקט", האָב איך זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פענצטער, אויף וועלכן עס איז מיט גרויסע אותיות געווען אויפגעשריבן: „די קאָנטאָר פון דער צייטונג נאָוואָסטי". עס איז אין דער וויטרינע געלעגן עפּעס אַ ביכל, וואָס איך האָב געוואָלט קויפן. ביים טישל איז געזעסן אַ פריילין, אַ זייער חנעוו־דיקע בלאָנדינע, מיט לאַנגע קאַראַלן־אוירינגלעך אין די אויערן. איך האָב געבעטן דאָס ביכל. אין מיטן איז פון דער אינעווייניקסטער טיר אַריין אַ מאַן, האָט זיך איינגעקוקט אין מיין פּנים און איז מיט פרייד צוגעלאָפן צו מיר.

— חיימאַציע! וואָס טוסטו דאָ? ווי קומסטו אַהער?

דעם מאַן האָב איך באַלד דערקענט. דאָס איז געווען „מוליע" גאַרדין. מוליע, א יתום, איז אין דער יוגנט געווען אַ בן־בית ביי אונדז אין שטוב, ווען מיר האָבן נאָך געוואוינט אין עק שטאָט, אין וויטעבסק. אויך זיין מוטער, די אלמנה, און זיינע צוויי שוועסטער האָט מיין מוטער מקרב געווען. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין קינד. שפּעטער איז ער ערגעץ וואו פאַרשוואונדן. אַלע יאָר, צי צוויי, פלעגט ער אָבער אַראָפּקומען קיין וויטעבסק, אַ גאַנצער פּראַנט. ער פלעגט וואוינען אין פּעטערבורג און האָט זיך געריבן אַרום פאַרשיידענע צייטונגען, ווי אַן אַגענט. ווען אין וויטעבסק, פלעגט ער אונדז תמיד באַזוכן, און איז תמיד

געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. אונדז, קינדער, האָט ער ליב געהאַט און פלעגט אונדז רופן מיט אַלערליי ליבלעך־פאַרצויגענע נעמען. אויך אין דער צייט, ווען אַנסקי און איך האָבן, אַזוי צו זאָגן, „שריפטלעך אַרויסגעגעבן" די „וויטעבסקער גלעקלעך" — איך האָב דאָס באַשריבן אַמאָל אין מיינע זכרונות וועגן אַנסקין — איז ער געווען צו גאַסט אין וויטעבסק און האָט אונדז ביידן (יינגלעך פון פופצן־זעכצן יאָר) פאַרגעשלאָגן אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע רוסישע צייטונג אין וויטעבסק גופא. אָדער גאָר: אַרויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל אין יידיש. אָבער יעדעס ביסל — פון ניט ווייניקער ווי צוואַנציק דרוק־בויגן שטאַרק: דעמאָלט קאָנען מיר איינגאַנצן פייפן אויף דער צענזור. מיט אַ געמאַכטן ערנסט פלעגן מיר אַרומריידן די דאָזיקע פּלענער, וואָס האָבן געקאָנט זיין זיכער מיט אַ „גלענצנדיקער צוקונפט". מיר האָבן געזען אין אים אַ פאַנטאַזיאָר, אַ „פּראָזשעקטן־מאַכער", האָבן אים אָבער ליב געהאַט, ווייל ער איז אין דער אמתן געווען זייער אַ ליבער און האַרציקער מענטש (און אויב ער לעבט נאָך, זאָל ער מאריך ימים זיין!). פון דעמאָלט אָן האָב איך אים ניט געזען, און ווען ער איז איצטער פריידיק צוגעלאָפן צו מיר, איז מיר אויך געוואָרן ליכטיקער אין די אויגן.

— ווי קומסטו אַהער? קום אַריין צו מיר. איך וואוין טאַקע דאָ, און דאָס איז מיין „קאַנטאָר".

דאָס געלט פאַרן ביכל האָט ער מיך ניט געלאָזט באַצאָלן. ער האָט מיך אַריינגעפירט צו זיך אין די צוויי טונקעלע צימערן צום הויף, און האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין ווייב און זיין שוועסטער, דער „שטומקע", וואָס האָט זיך אויך גוואַלדיק דערפרייט מיט מיר. ער האָט מיר געוויזן זיין ביבליאָטעק, — פּאַליצעס פון דיל ביז צום באַלקן, אָנגעפּראַפּט — — דער עיקר — מיט רוסיש־יידישע אויסגאַבן, — אַלץ קאָמפּלעקטן, צווישן זיי אויך זעלטענע זאַכן.

אויספרעגנדיק ביי מיר וואָס און ווי, איז אויך אַרויפגעשוואומען די פראַגע וועגן מיין וואוין־רעכט. איך האָב מיך באַקלאָגט אויף מיין ניט באַקוועמער וואוינונג ביי מיינע קרובים. אָבער וואָס קאָן מען טאָן? גרעסער!

— גרעסער, ימח שמו, איז טאַקע אַ גזלן. אָבער מיר וועלן שוין דאָס איינאָרדענען. סט'געזען די מיידל, וואָס אַרבעט ביי מיר? זי איז אַ פּאָליציייסקנס אַ טאָכטער, און איז עפּעס אַ קרובה פון גרעסערן אַליין, צי דער גוטער יאָר ווייסט זי, וואָס זי איז אים. אָבער אין אַזוינע זאַכן

האָט זי אָפּטמאָל מער דעה פאַר אים. קום אין קאַנטאָר, מיר וועלן זיך מיט איר מיישב זיין. האָסט עפּעס אַ פּאַפּירל?

איך האָב געהאַט מיט מיר אַ מין פּאַספּאָרט פון אַ „סוחרס אַ זון פון דער צווייטער גילדע״, — זיכער ניט קיין געהויבענער דאָקומענט אפילו אין רואיקערע צייטן. אַריין צוריק אין קאַנטאָר, האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער מיידל: איך בין זיינער אַן אינטימסטער פריינט און בין געקומען אַהער אַרבעטן אין דער „קייסערלעכער״ ביבליאָטעק. דאָס אונטערשטרייכן פון דער „קייסערלעכער״ האָט, משמעות, געהאַט אַ ווירקונג אויף גרעסערס „דער גוטער יאָר ווייסט זי וואָס זי איז אים״. אַ טראַכט געטאָן, האָט זי געזאָגט, אַז מען דאַרף פאַר מיר קודם געפינען אַ וואוינונג אויף דעם „וואַסילי־אינדזל״ צווישן די און די ליניעס, און דערנאָך וועט מען שוין זען.

— נו, חיימטשיק, לאָז מיר דאָ דיין פּאַספּאָרט און גיי זיך דיר אין דיין קייסערלעכער ביבליאָטעק. די טעג וועסטו האָבן אַ גוטע וואוינונג.

און כך הווה. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער שוין געקומען נאָך מיר, געמען מיך אויף „וואַסילי־אָסטראָוו״. מיינע קרובים זיינען געווען העכסט צופרידן, האָבן אָבער אויסגענומען אַ תנאי, אַז אויף וואָרמעסן זאָל איך פון דער ביבליאָטעק קומען צו זיי און אויף די שבת־מאָלצייטן זיין ביי די עלטערע ליאַכאָווסקיס.

מוליע גאָרדין האָט טאַקע פאַר מיר געפונען אַ שיינעם צימער, ווייט־ווייט אויף דעם וואַסילי־אינדזל, אויף דעם פינפטן שטאָק. תחילת איז מיר דאָס קלעטערן אויף די אומענדלעכע טרעפּ געווען היפּש שווער־לעך, אָבער די יונגע פיס האָבן זיך באַלד צוגעוואוינט צו דעם, און איך פלעג אַליין ניט באַמערקן, ווי איך פלעג שוין שטיין ביי דער טיר און ציען דאָס גלעקל.

אויף מיין פראַגע, וואו איז מיין פּאַספּאָרט, האָט מיר גאָרדין גע־ענטפערט, אַז ער געפינט זיך אין זיכערע הענט: טאַקע אַליין ביי דעם „פּאַספּאָרטיסט״ פון יענעם פּאָליציי־אָפּטייל, צו וועלכן איך וואָלט באַ־דאַרפט צוגעשריבן ווערן, און אַז ער, דער פּאַספּאָרט, וועט ניט דערזען די ליכטיקע שיין, ביז איך וועל דאַרפן אַוועקפאָרן. באַם, ווער וועט וואָס אַ פרעג טאָן, קאָן איך רואיק ענטפערן: „מיין פּאַספּאָרט איז אין דעם און דעם פּאָליציי־אָפּטייל״.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז מיין נייע וואוינונג איז געווען ניט אַזוי ווייט פון גרינעוויצקיס.

64

דער טעראָריסטישער אַטענטאַט אויף צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן

דעם זעלביקן ווינטער, 1886, איז אין פּעטערבורג פאָרגעקומען דער אומגליקלעכער אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן. דעם אַטענטאַט האָט צוגעגרייט אַ גרופּע „נאַראָדאָוואָלץ", בראש מיט אוליאַנאָוו, דעם עלטערן ברודער פון שפּעטערן וועלט־באַרימטן לענינען. עטלעכע מיט־גלידער פון דער גרופּע זיינען געשטאַנען מיט באָמבעס אין דער פאָרם פון ביכער לעבן דער איסאַקיעוו־קאַטעדראַלע און געוואַרט אויפן קייסער. זיי אַלע זיינען אַרעסטירט געוואָרן נאָך איידער ער האָט זיך באַוויזן. אין אַ פּאָר שעה אַרום, נאָכן אַטענטאַט, זיינען שוין געווען אויסגעקלעפּט אין פּעטערבורג ידיעות וועגן אַרעסט פון די „רשעים, וואָס טראַכטן שלעכטס" („זלאָ־אומישליעניקע"), און די זעלביקע ידיעות, אין דער פאָרם פון אַ קליינעם צעטעלע, האָבן זיך פאַרקויפט אין גאַס און — געדענקט זיך — זיינען אויך פריי פאַרטיילט געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג.

דער אַטענטאַט האָט אויף דער סטודענטישער יוגנט, מיט וועלכער איך בין געווען באַקאַנט, ניט געמאַכט קיין ברעקל רושם. ווייניקסטנס, האָט זי אים ניט אַרויסגעוויזן. אַ טיפן מיטלייד מיט די קרבנות האָט זי זיכער געהאַט. אָבער לויט איר גאַנצן נייעם פּסיכאָלאָגישן איינשטעל, האָט זי געמוזט באַטראַכטן די קרבנות פאַר לכתחילה אינגאַנצן אַרויסגע־וואָרפענע. דער טעראָריסטישער קאַמף איז פאַר אַט דער יוגנט שוין געווען אַ לגמרי אָפּגעפּרעגטע, זיך אינעווייניק אויסגעלעבטע זאַך. איך וואָלט געזאָגט: דער גאַנצער ענין איז פאַר איר געווען אַן אינעווייניקסטע וואונד, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרהיילן זיך. די יוגנט האָט זיך געמיט צו פאַרגעסן דעם עפּיזאָד אַזוי שנעל ווי מעגלעך, כדי ניט ווידער פונאַנ־דערצורייצן די וואונד. אַזוי איז געווען דער איינדרוק.

גאַנץ אַנדערש האָבן, נאַטירלעך, אויפגענומען דעם ענין די ווייניקע רעוואָלוציאָנערן און די סימפּאַטיקער. אָבער אויך אויף זיי האָט ער געווירקט אין אַ שרעקלעך נידעררדריקנדיקן זין. אין די געשפּרעכן איז

אַלץ אָפּטער אַרויסגעשוואומען די נויטיקייט צו פאַרברייטערן די באַזע פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף — אַ געדאַנק, וואָס האָט אונדז באַשעפטיקט, ווען איך בין נאָך געווען אין וויטעבסק. דאָ, אין פּעטערבורג, האָבן זיך געגומען דורכוואָרפן בליקן, אַז די פאַרברייטערונג פון דער באַזע דאַרף געזוכט ווערן אין דער ליבעראַלער געזעלשאַפט, דער עיקר, אין די קרייזן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די ליבעראַלע פריצים אין די „זעמסטוואָס" (די אַרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען). צוליב אָט דער פאַר־ברייטערונג פון דער באַזע — צוליב דער געווינונג פון דעם געזעלשאַפט־לעך־טעטיקן „ליבעראַל" — האָט געדאַרפט קריטיש איבערגעקוקט ווערן אונדזער גאַנצער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַגאַזש. אַ ליבעראַלע „קאָנ־סטיטוציע" און די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד — מיט דעם אויפקום פון אַ קרעפטיקער בורזשואַזיע — וואָלט באַדאַרפט ווערן דער אייגנטלעכער ציל פונעם קאַמף. דער אַגראַר־סאָציאַליזם פון דער פאַרטיי, די קאָנסעקווענטע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דעם „הענדלערטום", צו דער עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט בכלל, און באַפרייען די אַרבעטנדיקע מענטשהייט, צוליב דעם פרייען בוי פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אַסאָציאַציעס, — אָט דער אי־דעאַל, וואָס איז מיר תמיד געווען איינגעבאַקן אין האַרצן, זינט איך בין געוואָרן אַ סאָציאַליסט, — דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט, אַזוי צו זאָגן, אַריבערגעגעבן ווערן אין אַן אַרכעאָלאָגישן מוזיי.

מיר זיינען די דאָזיקע בליקן געווען דורך־און־דורך דערווידער. עס האָט זיך מיר אויך ניט געגלייבט, אַז צוליב דעם אויפבלי פון דער בור־זשואַזיע וועט די רעוואָלוציאָנערע יוגנט גיין מקריב זיין איר לעבן. אויב דאָס איז דער אומפאַרמיידלעכער גורל פאַר רוסלאַנדס אַנטוויקלונג, איז שוין גלייכער דער וועג פון יענער יוגנט, וואָס איז געוואָרן אומטריי דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף: די לעגאַל־קולטורעלע טעטיקייט, דאָס אויסלעבן זיך אין אַלע פאָרמען פון עסטעטישער שיינקייט, אפילו דאָס פשוטע „פאַרברענגען דאָס לעבן" אין אַלערליי עקסצעסן.

מיין אייגענער בליק אויף אָט דער נאָענטסטער אַנגעווייטיקטסטער אויפגאַבע פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף איז געווען, אַז די פאַרברייטע־רונג פון זיין באַזע דאַרף געזוכט ווערן אין צוציען צו דעם קאַמף די אונטערדריקטע פעלקער.

דער פּראָצעס פון דער פּוילישער פאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" האָט באַוויזן, ווי דערפאָלגרייך עס קאָן ווערן אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, ווען זי ווענדט זיך צו די מאַסן פון דעם אייגענעם פאָלק, אין דער אייגע־

נער שפּראַך פון דעם פאָלק. אָבער — פאַרוואָס אָנדערקענען מיר נאָר די פּוילן? דעקלאַמירן מיר דען ניט אין אונדזערע לידער: „סטאַניעט פּאָלשאַ, קאָזאַקי, זאַביטי יעוורעי״? („ס׳קרעכצט פּוילן, קאָזאַקן, דער דערשלאָגענער ייד״)? וואָס טוען מיר, כדי צו געווינען די „קאָזאַקישע״ (קליין־רוסישע) און יידישע יוגנט? און פאַרוואָס נאָר די „קאָזאַקישע״? עס זיינען נאָך דאָ אי ווייס־רוסן, אי די טאָטערן און די קאַווקאַזישע פעלקער, און נאָך, און נאָך, און נאָך. זייערע קינדער גייען שוין אַריין אין די רוסישע גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן. נאַראָדאָוואָלישע קרייזלעך פון אונטערדריקטע פעלקערשאַפטן, וואָס זאָלן אַרבעטן אין זייערע אייגענע שפּראַכן, מיטן אויסבליק אויף זייער אייגענער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, אָנגעפירט פון איניציאַטיוו־גרופּן, אָרגאַניזירטע אין די אוניווערסיטעטן, וואָלטן אַ היפּש ביסל געהאָלפן אין דער אַרבעט פון „אויסברייטערן די באַזע״.

מערקווירדיק, אַז אין די געשפּרעכן וועגן אָט דעם ענין מיט נאַראָדאָוואָליש־געשטימטע מענטשן איז קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן ערנסטלעך דער געדאַנק וועגן אויסברייטערן די פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף בכלל און דעם טעראָריסטישן בפרט אויף די קרייזן פון דער שטאָטישער אַרבעטערשאַפט. און ווען אַזאַ געדאַנק פלעגט צופעליק אַרויפקומען, פלעגט ער תיכף, אַזוי צו זאָגן, אַראָפּגענומען ווערן פון „סדר היום״.

מיר געדענקט זיך אַזאַ עפּיזאָד. טאַקע אַ פּאָר טעג נאָך דעם אַטענטאַט פון דער אוליאַנאָוו־גרופּע האָב איך פאַרבראַכט אַן אָוונט ביי גריניעוויצקין. מסתמא אין צונויפבונד מיט אַזאַ מין געשפּרעך, האָט ער דערציילט וועגן זיינער אַ קליינער באַגעגעניש מיט אַ שטאָטישן אַרבעטער.

אין דעם טאָג פון דעם אַטענטאַט, ווען די אָפיציעלע מודעות וועגן די אַרעסטן זיינען שוין געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, איז ער געפאָרן פון שטאָט צו זיך אַהיים; געפאָרן, ווי געוויינלעך, אויף דער פערדבאַן, אויף דעם וואָלווערן „אויבן״, וואָס פאַר דעם „פּשוטן המון״ און דעם אָרעמען סטודענט. אַ שכן זיינער אויף דער האַרטער באַנק האָט אים ניט גאָר העפלעך אונטערגעטראָגן אונטער דער נאָז דאָס געדרוקטע פּאַפּירל מיט דער מודעה.

— וואָט, סקוביענט, טשיטאַי! נאַקאָס׳, פּאַניוכאַי — טשעם פּאַכניעט! (נאַ, סטודענט, לייען! נעם ׳קאַרשט, טו אַ שמעק דעם ריח).

גרינעוויצקי, וועמען יעדער איינער האָט, נאָך זיין אַלטן „ניהיליסטישן״ הילוך — די לאַנגע האָר, דער ברייטער הוט, דער גראָבער שטעקן, די

ברילן, — געקאָנט דערקענען פאַר אַ סטודענט, האָט גענומען דאָס פּאַפּירל, איבערגעלייענט, צוגעטראָגן צו דער נאָז, אַ שמעק געטאָן און קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— טשטאָ-זש, וויסיעליצעי פּאַכניעט! (וואָס איז דאָ צו פרעגן — מיט אַ תליה שמעקט דאָס!).

— טאָ־טאָ! (אָט אַזוי רעד!) — האָט מיט שטאָלץ און טריאומף געענטפערט דער שכן.

— וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ סוביעקט? — האָב איך געפרעגט גריניעוויצקין.

— גאַנץ זיכער אַ „מאַסטעראָוואָי" (אַ פּועל ביי אַ באַלמעלאָכע: אַזוי האָט מען נאָך דעמאָלט גערופן אפילו דעם פאַבריק־אַרבעטער).

איך דערצייל דעם עפּיזאָד, ווייל ער וואַרפט אַ שאַרפע באַלייכטונג אויף דער דעמאָלטיקער שטעלונג פון די פּעטערבורגער אַרבעטער צו דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און צו די „סקוביעניטן", וועלכע האָבן אים געפירט. דאָס דערקלערט אויך, ווי ווייניק האָפענונגען די דעמאָלטיקע נאַראָדאָוואָלישע רעוואָלוציאָנערן האָבן געקאָנט פאַרבינדן מיט דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס.

פונקט ווי די פויערים אין דאָרף זיינען נאָך דעמאָלט געווען גרייט צו פאַרדרייען דעם „פּראָפּאַגאַנדיסט" די הענט אַהינטערן רוקן און אָוועקפירן אים צום „סטאַנאָוואָי" (דעם פאַרטרעטער פון דער רעגירונגס־מאַכט אויפן לאַנד) — אויף אַן ענלעכן אופן וואָלט זיך מיט אים באַגאַנגען דער שטאָטישער אַרבעטער, דער עיקר — דער גרויס־רוסישער.

געוויס האָבן שוין אין פּעטערבורג געמוזט זיין איינצלנע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן זיך סימפּאַטיש צוגעהערט צו פּליעכאַנאָווס סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט זיך געטראָגן פון אויסלאַנד. אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן זיינען זיי אָבער נאָך ניט געווען ניכר. איך אַליין האָב געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע צו איינעם (אָדער צו איינער) אַ דיזענגאָף, וואָס האָט געהערט צו אָט דער ריכטונג. גריניעוויצקי האָט מיך געדאַרפט צונויפפירן מיט אים (אָדער מיט איר). איך געדענק אָבער ניט, פאַרוואָס דאָס האָט זיך ניט „אויסגעטאַנצט": צי ווייל ער האָט שוין ניט געוואוסט איר אַדרעס, צי ווייל ער האָט ניט געוואָלט פירן „די יוגנט" צו דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", צי ווייל איך אַליין האָב פאַרלוירן יעדן חשק צונויפצוטרעפן זיך מיט מענטשן פון אָט דעם געדאַנקען־גאַנג.

דער אמת איז, אַז וואָס מער איך האָב געטראַכט וועגן אַט דעם באַשטרעבן, איבערצוטראָגן אויף רוסלאַנד די אויסזיכטן און מעטאָדן פון דעם סאָציאַליסטישן קאַמף אין אויסלאַנד — אַלץ מער איז ער מיר אויסגעקומען משונהדיק־ווילד. אַנקוועלן דערפון, וואָס דער קאַפּיטאַליזם אַנטוויקלט זיך, וואָס ער רואינירט די פּויערימשאַפט, וואָס ער טרייבט איר יוגנט אין די שטאָטישע פאַבריקן, וואו זיי ווערן, לויט דעם אַנאַליז אין קאַרל מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", ניט נאָר עקאָנאָמיש אויסגעזויגן ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט, נאָר אויך אינטעלעקטועל און מאָראַליש אַריינגעשטופּט אין דעם טיפסטן זומפּ, — דאָס, האָב איך גערעכנט, קאָנען נאָר אַזוינע מענטשן, וועלכע זיינען אָדער ניט באַקאַנט מיט דעםווירקלעכן לעבן, אָדער פּועלן ביי זיך צו מייסטערן דאָס לעבן דורך אַ געוויסער רעוואָלוציאָנערער פאָרמולע.

גאַנץ ווייט בין איך אָבער אויך געווען פון יענער „פאָלקסטימלערישער" אידעאָלאָגיע, וואָס האָט געזען אין דעם רוסישן פּויער די „כלילת־יופי" פון אַלע מענטשלעכע טענדענצן, — אַן אידעאָלאָגיע, וואָס האָט גענומען ווידער לעבעדיק ווערן אין יענער „פאָלקסטימלערישקייט" („נאַראָדניטשעסטוואָ"), וואָס איר פאַרטרעטער איז געווען דער שאָוויניסטיש־דענקענדיקער יוזאָוו, וועמען איך האָב שוין דערמאָנט אין איינעם פון מיינע פריערדיקע אַרטיקלען. די פאַרגעטערונג פון דעם דאָרף און פון דעם רוסישן פּויער איז בכלל געווען פרעמד דעם נאַראָדאָוואָלישן איינשטעל. דער סאָציאַליסטישער קאַמף, האָב איך געגלייבט, וועט און מוז זיך אָפּשפּילן, ווי ביז איצטער, אין די שטעט און שטעטלעך. געפירט וועט ער ווערן, ווי ביז איצטער, פון דער אידעאַליסטישער, צו קרבנות גרייטער יוגנט, וואָס וועט צוציען צו זיך די שטאָטישע אָרעמקייט; בפירוש — ניט דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס פאַרלירט אַלץ מער און מער זיין מענטשלעכן מהות אין די אוממענטשלעכע באַדינגונגען פון זיין אַרבעט און פון זיין לעבן.

די סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע, פאַרשטאַרקט דורך אַ ברייטער באַזע אין די שטעט פון דער פּראָווינץ, פאַרשטאַרקט דורך אידעאַלן פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער, — אַט דאָס, האָט זיך מיר דעמאָלט געדוכט, איז דער איינציקער וועג, אויף וועלכן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע דאַרף אַרויף.

אַט די אַבסאָלוט נעגאַטיווע שטעלונג צו דעם מהות פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט האָט זיך שפּעטער ביי מיר היפּש איבערגעביטן.

אָבער דעמאָלט איז ביי מיר ניט געווען קיין ספק, אַז אויב אין רוסלאַנד זאָל זיך אָנהייבן אַ מין נייע באַוועגונג „אין פאָלק אַריין", נאָר אַנשטאָט צום פּויערימשן פאָלק, זאָל מען גיין צו דער פאַבריק־אַרבעטער־שאַפט, וועט זיך אויך אָט די באַוועגונג מוזן פאַרענדיקן מיט דעם זעלביקן רעזולטאַט, צו וועלכן עס איז געקומען דאָס אַלטע „גיין אין פאָלק אַריין" פון די זיבעציקער יאָרן. דער פּראָלעטאַריאַט וועט באַגעגענען דעם רע־וואָלוציאָנערן סאָציאַליסט מיט דעם „נאַקאָס', פּאַניוכאַי, טשעם פּאַכניעט" (נעם, אָקאָרשט, טו אַ שמעק דעם ריח) . . . און דער ריח־ניחוח פון דעם „נאַקאָס', פּאַניוכאַי" וועט ווידער אַרויפטרייבן די באַוועגונג אויף דעם נאַראָדאָוואָלישן וועג, נאָר אויף אַ ברייטערן און אַ געזיכערטערן.

דער אַטענטאַט פון דער אוליאַנאָוו־גרופּע, וואָס האָט זיך אַזוי באַליי־דיקנדיק מיאוס אָפּגעשפּילט און האָט אַנגעוואָרפן נייע וואָלקנס מרה שחורה אויף דער געזעלשאַפט בכלל און אויף די רעוואָלוציאָנערע קרייזן בפרט, האָט אויף מיין יונגן רעוואָלוציאָנאַריזם, וואָס האָט נאָך אייגנטלעך ניט געהאַט אויסצושטיין קיין שווערע פּערזענלעכע נסיונות, — געהאַט אַ גאַנץ אַנדער ווירקונג: נאָך קיינמאָל בין איך ניט געווען אַזוי זיכער אין דער ריכטיקייט פון דעם נאַראָדאָוואָלישן וועג און אין דער גרויסער ליכטיקער צוקונפט, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר דער פּאַרטיי, ווי גראָד אין יענער צייט.

65

מיינע ערשטע טריט אין שטודירן ייִדישע געשיכטע

נאָך דעם אַטענטאַט פון דער אוליאַנאָוו־גרופּע אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן האָט דאָס נאַראָדאָוולנטום אין פּעטערבורג, — ווי אויך אין דעם גאַנצן לאַנד, — זיך גאַלאָפּירנדיק געגנעענט צו זיין סוף. עס איז ניט אַרויס קיין איין בלעטל, קיין איין פּראָקלאַמאַציע צו דער באַפעלקערונג, וואָס זאָל דערקלערן די מאָטיוון פון דעם אָנפאַל, זיין באַרעכטיקונג און די אויסזיכטן פון דער פּאַרטיי פאַר דער צוקונפט.

פון דער „פּאַרטיי״?

— איז נאָך דאָ די פּאַרטיי? — האָב איך אַמאָל, אַ היפּשע צייט נאָך דעם אַטענטאַט, — געפרעגט גרינעוויצקין. ער האָט אָן חשק אַרויסגעזייט פון צווישן די ציין: ווער ווייסט?... איז דען געווען אַ פּאַרטיי?... איינצלנע קעמפער... איינצלנע גרופּקעלעך... אַ סך גרינע יוגנט... די איינצלנע קעמפער האָט מען מסתמא ניט אַלע איבערגעכאַפּט. דאָס לעבן וועט זיי סיי־ווי־סיי אַרויסרוקן און טרייבן אויף דעם זעלביקן וועג.

אין אָט די געדיכטע כמאַרעס פון אומזיכערקייט און אָפּט דריקנדיקן פּעסימיזם איז עפּעס ווי אַליין צעגאַנגען אין גאַרניט דער געדאַנק, מיט וועלכן איך האָב מיך געוועסט אַרומגעטראָגן, צו שרייבן אַ בראָשורע אָדער אַן אַרטיקל וועגן דער „פּאַרברייטערונג פון דער באַזע״, אָדער דעם רעוואָ-לוציאָנערן קאַמף־פעלד, און וועגן דער נייטיקייט אָנצושפּאַרן זיך אויף די אונטערדריקטע פעלקער און זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

ביי מיינע רוסישע באַקאַנטע אין פּעטערבורג איז די שטימונג זיכער געווען מער גרויס־רוסיש נאַציאָנאַל, איידער זי איז געווען אין אונדזער וויטעבסקער קרייז: הגם, נאַטירלעך, הימל־ווייט פון יענעם שאָוויניזם, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין יוזאָווס „פּאָלקסטימלעריי״. יוזאָווס באַדייטונג און השפּעה אויף די יונגע מוחות האָב איך זיכער שטאַרק איבערגעשאַצט. מען האָט אָדער זיין נאָמען נאָך גאָר ניט געהערט, אָדער וועגן דער שריפט געהערט און זי ניט געלייענט, אָדער געלייענט און אָפּגעוואָרפן, ווי אַן איינזייטיקע און שעדלעכע טעאָריע. קיין אינטערעס צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אפילו צו דעם אייגענעם גרויס־רוסנטום, איז נאָך דעמאָלט ביי דער

יוגנט ניט געווען, ניט קוקנדיק דערויף, — און אפשר טאָקע דערפאַר, — וואָס די אָפיציעלע פּרעסע, מיט דער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ״ בראש, האָט מיט אַלע מיטלען געשטרעבט פונאַנדערצובלאָזן די נאַציאָנאַליסטיש־רוסישע געפילן בכלל און דעם יידנהאַס בפרט. מיינע יידישע באַקאַנטע, ווידער, זיינען געווען כמעט דורכאויס קאָסמאָפּאָליטן, און ממילא אַסימילאַטאָרן (אַ חוץ אַ פּאָר „פּאַלעסטינאָפילן״).

ווער וועט דרוקן אַ בראָשורע מיט דער טענדענץ, וואָס איך האָב געהאַט אין זינען? ווער וועט זי פאַרשפּרייטן? דער געדאַנק האָט ניט געהאַט קיין ברעקל אויסזיכט. און אַזוי אַרום איז ווי פון זיך אַליין אַרויסגעקומען אַז מיין גאַנצער אינטערעס האָט זיך גענומען קאָנצענטרירן אויף דער צווייטער אויפגאַבע, צוליב וועלכער איך בין געקומען קיין פּעטערבורג: טעאָרעטיש פאַרצוגרייטן זיך צו דעם קאַמף אַנטקעגן דער יידישער אינטעליגענציע, — אַ קאַמף, וואָס האָט געדאַרפט געפירט ווערן „אויף צוויי פראָנטן״ (ווי מען וואָלט דאָס איצטער געזאָגט): אי אַנטקעגן דער אַסימילאַציע, אי אַנטקעגן דעם שאָוויניסטישן „פּאַלעסטינאָפילנטום״.

אגב, וואָלט איך דעמאָלט זיכער ניט געגלייבט, ווען מען וואָלט מיר געזאָגט, אַז אָט דער קאַמף וועט אין מיין שפּעטערדיקן לעבן איינשלינגען דעם גרעסטן טייל פון מיינע כוחות און וועט מיך ניט אָפּלאָזן ביז אין מיין איצטיקן גרויען עלטער אַריין (אַך־אַך־אַך! און ווען וועט מען שוין אים ניט דאַרפן פירן?)...

פּראַקטיש האָט דאָס דעמאָלט באַדייט פאַר מיר, אַז מיט מיינע ניט־יידישע באַקאַנטע פלעג איך מיך זען אַלץ זעלטענער, — סיי מיט די „אַפּאָ־ליטישע״, סיי מיט די „פּאָליטישע״. כמעט מיין גאַנצע צייט פלעג איך פאַרברענגען אין דער ביבליאָטעק, וואָס פלעגט זיך שליסן אין זייער שפּעטן אָוונט, אָדער ביי זיך אין צימער, וואו איך האָב שוין געהאַט אַ היפּש ביסל ביכער אין שייכות צו דער יידישער געשיכטע און צו דעם פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליטעט, און וואו איך פלעג איבערקוקן און איבערקלערן די ציטאַטן און נאָטיצן, געבראַכטע פון דער ביבליאָטעק.

מיין אַרבעט פון אַן אפרוח אין אָט די ביידע פעלדער, — אָדער אפשר ריכטיקער: וועלדער, — פון דעם מענטשלעכן וויסן, — אַן אפרוח, וואָס האָט בפועל ממש ניט געוואוסט וואו־אויס און וואו־איין, — איז אָבער גלייך פון אָנהייב אַן אַוועקגעגאַנגען אַן איבעריקע זוכענישן און טאַפּעניש אין דער פינצטער, אַ דאַנק דער פריינטלעכסטער הילף פון צוויי „גדולים״, ביידע גרויסע מומחות, יעדער אין איינעם פון די פעלדער, וואָס האָבן מיך אינטערעסירט.

איינער פון זיי — פאַר דער יידישער געשיכטע — איז געווען דער באַרימטער יידישער געלערנטער און ביבליאָטעקאַר פאַר סעמיטישע שפּראַכן, ד״ר אברהם אליהו הרכבי (האַרקאַווי). דער אַנדערער—פאַר דעם פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליטעט — איז געווען אַ ניט־וויניקער באַרימטע קראַפט אין אַן אַנדער געדאַנקען־ספערע: לאַזאַר סלאָנימסקי. עס איז פאַר מיר באמת געווען אַ גליק, וואָס איך בין זיך צונויפגעקומען מיט אָט די צוויי מענער, פאַר וועמען די אויסלענדישע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין די פאַרשיידענע שפּראַכן און אין די פאַרשיידענע זייט־נוגעדיקע פעלדער איז געווען „אַן אָפענע וועלט״.

צו הרכבין בין איך אַוועק באַלד, ווי איך בין אָנגעקומען קיין פּעטערבורג, איידער איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער ביבליאָטעק. געהאַט צו אים האָב איך, ווי מיר געדענקט זיך, צוויי רעקאָמענדאַציעס: איינע פון דעם העברייאישן שריפטשטעלער און לערער אין ריגע, ז. קאַפּלאַן („זקן״), און די אַנדערע פון הרכבי'ס פריינט און מיין מחותן אין פּעטערבורג, דעם אַלטן ליאַכאָווסקי. מען האָט מיך אַריינגעפירט צו אים אין זיין אַרבעטס־קאַבינעט אין דעם סעמיטישן אָפּטייל פון דער ביבליאָטעק; און ביי מיין ערשטן בליק אויף אים, האָט ער געמאַכט אויף מיר אַ היפּש אימפּאָנירנדיקן איינדרוק: אַ שטאַלטנער מאַן, היפּש אַריינגעפאָרן איז די מיטעלע יאָרן, מיט אַ שיינעם דענקער־קאָפּ. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ בלאָען פראַק מיט „גילדערנע״ קנעפּ. געהאַלטן האָט ער זיך פריי און ניט אָן אַ געוויסער „גראַנדעצאַ״.

אין צימער איז דעמאָלט געווען ביי אים נאָך אַ גאַסט, מיט וועמען הרכבי איז געווען פאַרנומען: אַ ברונעט פון מיטעלן וואוקס מיט אַ גאָר־נישט זאָגנדיקן פּנים, אין אַן אַרעמלעכער און אָפּגעלאָזטער קליידונג. אויס־געזען האָט ער ווי אַ משולח אין ערגעץ אַ יידישן פּראָווינציעלן „קאָנטאָר״.

הרכבי האָט מיך אויפגענומען מיט אַ פריינטלעכן שמייכל. האָט מיך תיכף פאַרגעשטעלט זיין גאַסט, וועמען ער האָט גאַנץ באַטעמט אָנגערופן: „הער געץ, הער פּ. געץ״, און האָט מיך געבעטן זיצן און האָבן אַביסל געדולד, ביז ער וועט פאַרטיק ווערן מיט דעם אַנדערן.

פּ. געץ איז אין די גאָר שפּעטערע יאָרן אָפט דערמאָנט געוואָרן אין דער יידישער עפנטלעכקייט. און אויף וויפיל מיר געדענקט זיך, האָט מען אין די ראַדיקאַלע יידישע קרייזן אין אויסלאַנד גערעדט וועגן אים, ווי וועגן אַ ביז גאָר אומסימפּאַטישער פיגור, אַן אַרצי־רעאַקציאָנער אין דעם יידישן לעבן, מיט שיר ניט צו „אינטימע״ פאַרבינדונגען מיט דער הערשנ־דיקער צאַריסטישער מאַכט. דעמאָלט אָבער האָט מיר דער נאָמען „פּ. געץ״

גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט זיך שוין, אמת, געדרוקט אין דער רוסיש־יידישער און העברייאישער פּרעסע, אָבער זיי בײדע זײַנען מיר געווען לגמרי פרעמד.

הרכבי האָט זיך געווענדט צו זײַן גאַסט. פון אַ צאָל אַלטע מאַנוסקריפּט־בלעטלעך אין העברייאישער שריפט, וואָס זײַנען געלעגן אויפן טיש, האָט ער אַרויסגענומען איינס, אַן אַרומגעפּרעסנס פון ווערעם, און האָט גענומען לייענען. איך האָב מיך גלײַך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז פון אַ יידיש־אַראַבישן מאַנוסקריפּט. הרכבי האָט געלייענט מיט אַ באַזונדערער וויכטי־קייט, און דאָס האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק אויף זײַן צוהערער. אינמיטן לייענען האָט ער זיך פּלוצים געווענדט צו מיר מיט דער פראַגע, צי האָב איך שוין געזען אין דער ביבליאָטעק די אַלטע מאַנוסקריפּטן פון דער ביבל פון דעם־און־דעם יאָרהונדערט (איך געדענק שוין ניט פון וועלכן). אויף מײַן פאַרנייענדיקן ענטפער, האָט הרכבי אַרײַנגערופן אַ באַדינער און געבעטן אים, אַוועקפירן מיך, זיי זען. דער באַדינער האָט מיך צוגעפירט צו אַ גרופּע וויזיטאָרן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פירער, באַקוקן די ביבליאָטעק מיט אירע רײַכע זעלטענע אוצרות. דער באַדינער איז אויך צוגעשטאַנען צו דער גרופּע. באַלד זײַנען מיר אַרײַן אין דעם צימער, וואו עס איז געווען די „ביבל״. אויפן דיל זײַנען געלעגן איינע אויף דער אַנ־דערע גרויסע, ברייטע יריעות פון ניט־געגאַרבטער טונקעלער פעל, וואָס זײַנען מיט גרויסע „קידוש לבנה״ אותיות באַשריבן געווען מיט אַ גלאַנצנדיק שוואַרצן טינט.

דער פירער האָט אונדז בײַ דער געלעגנהייט דערקלערט, אַז דאָס שטאַמט פון אָריענט, ווער דאָס האָט געפונען און געבראַכט קיין פּעטערבורג, און אַז דער גרויסער היסטאָרישער ווערט זייערער באַשטייט דעריך, וואָס די פעלן זײַנען ניט געגאַרבט און וואָס די „פּונקטואַציע״ (די נקודות) שטייט ניט אונטער דער העברייאישער שריפט, נאָר אויבן, איבער די ווערטער. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און האָב זיך אײַנגעקוקט. טאַקע אמת: ניט פון אונטן, נאָר פון אויבן.

נאָך אַזאַ קאָלאָסאַל־וויכטיקער באַרײַכערונג פון מײַנע קענטענישן אין דער יידישער געשיכטע, האָב איך געבעטן דעם באַדינער, ער זאָל מיך צוריקברענגען צו הרכבין. אים האָב איך שוין געפונען אַליין בײַ זײַן טיש, אַ באַדעקטן מיט די צעווערעמטע בלעטלעך. הרכבי איז געווען אַרײַנ־געטאָן אין זיי.

ער האָט מיך ווידער פרײַנטלעך אויפגענומען, געבעטן זיצן און האָט מיך גענומען אַביסל אויספרעגן וועגן די צילן, וואָס איך האָב אין אויג מיט

מיין אַרבעט אויף דער יידישער געשיכטע. אויף זיין אויספרעגן האָב איך אים דערציילט, אַז איך בין נאָך אַ גאַנץ פרעמדער אין דעם „פאַך״; אַז איך מוז האָבן אַן אַלגעמיינע באַקאַנטשאַפט מיט דער יידישער געשיכטע, און אַז ספּעציעל אינטערעסירט מיך די תּלמודישע עפּאָכע און די געשיכטע פון די יידישע סעקטעס.

מיין באַזונדערן אינטערעס צו דער קאָמוניסטישער סעקטע פון די איסיים האָב איך אינגאַנצן פאַרשוויגן. וועגן מיינע שפּראַכן־קענטענישן האָב איך אים דערקלערט, אַז אַ חוץ נאַטירלעך, רוס — קאָן איך מיך פונאַנדערקלייבן אין העברייאישע, דייטשע און פראַנצויזישע ווערק.

הרכבי האָט מיך אויסגעהערט און האָט גענומען צונויפשטעלן אַ צעטל פון יענע וויכטיקע ווערק, וועלכע איך מוז „גוט דורכשטודירן״. פון דער אַלגעמיין־יידישער געשיכטע זיינען אויף אים געשטאַנען — אַ חוץ גרעצן — די מיר אומבאַקאַנטע נעמען: יאָסט, גייגער און הערצפעלד; האַמבורגערס „רעאַל־ענציקלאָפּעדיע פיר ביבעל און תּלמוד״ — פאַר דער תּלמודישער עפּאָכע, און אַש־שאַהאַראַסטאַני, אין האַארבריקערס דייטשער איבערזעצונג, — פאַר דעם ענין „סעקטן״. ביים געזעגענען זיך האָט ער מיך געבעטן קומען צו אים, ווען נאָר כ׳וועל זיך נייטיקן אין זיין הילף.

פון דעם „הערן פּ. געץ״, פון די ניט־געגאַרבטע יריעות „מיט דער פונקטואַציע פון אויבן״, פון די פאַרוועדעמטע, אַלטע שמות, פון דער לאַנגער ביבליאָגראַפישער רשימה — איז מיר עפּעס קאַלט געוואָרן אויפן האַרצן; אַ קעלט, וואָס דער סימפּאַטישער, וואַרעמער איינדרוק פון הרכבים פּערזענ־לעכקייט האָט ניט געקאָנט פונאַנדערטרייבן. און ווען איך בין אַריין אין לייען־זאַל, ווען איך האָב באַקומען פון מיין „רעצעפּט״ די ווערק פון האַמ־בורגער און אַש־שאַהאַראַסטאַני, און ווען איך האָב מיך גענומען אַריינלייענען אין די קאַפּיטלעך פון שאַהאַראַסטאַניס בוך, פול מיט מיסטישן פּידרעך און שטות, האָב איך גענומען פילן, פונקט ווי מען וואָלט מיך פון אַ ליכטיקן צימער אַריינגעפירט אין אַ טונקעלן, פינצטערן, פאַרשמוצטן קעלער.

איך האָב אָוועקגעלייגט דאָס דיקע בוך און זיך אַ נעם געטאָן פאַר די צוויי בענד תּלמודישע ענציקלאָפּעדיע. פון דעם וואָרט־לייסטער האָב איך אויסגעקליבן די אַרטיקלען „אַרמוט״ און „רייכטום״ און האָב מיך תּיכף פאַרטיפט אין זיי (אגב, אַזאַ וויכטיק אַרטיקל ווי „רייכטום״ פעלט אין בראָק־האַוז־עפראָנס רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע. „אַרמוט״ איז יאָ פאַראַן, אָבער ניט מיט דאָטן וועגן דעם פאַקטישן צושטאַנד, וואָס האָבן אַ שייכות צום ענין, נאָר מיט מאָראַלישע סענטענציעס, לויטן „רוח היהדות״. ביי האַמ־בורגערן זיינען גראָד פאַראַן שילדערונגען פון יענע פאַקטישע צושטאַנדן).

66

קלאַסנקאַמף אין תלמוד

עס איז ניט דאָ דער אָרט, איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון מיין שריפט אין רוסיש, מיט וועלכער איך בין צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין דער עפנטלעכקייט. אָבער עס דאַרף דאָ אָנגעצייכנט ווערן אין די הויפּט־שטריכן דער גאַנג פון מיינע שטודיען אין דער יידישער געשיכטע, די פראַגן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פון זיי, און די ענטפערס, וואָס איך האָב אויף זיי געפונען, ווייל גראָד זיי האָבן גורם געווען, אַז איך זאָל מיך „אָנגורטן" צו נעמען אַ וואָרט אין אַ ריין־„לעגאַלער" טעאָרעטישער שריפט, אויף אַ וויסנשאַפטלעכן פעלד, וואָס האָט אויף דעם ערשטן בליק קיין ברעקל שייכות ניט צו יענע אַלגעמיינע גרונט־פּראָבלעמען פון דעם יידישן און ניט־יידישן לעבן, וואָס האָבן מיך באַשעפטיקט מיין גאַנצן לעבנסלאַנג.

מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז אַ סאָציאַליסט, וואָס איז שוין אַ היפּש ביסל באַקאַנט מיט די מאַרקסיסטישע אידייען און האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ „מאַרקסיסט", זאָל, צוטרעטנדיק צו דעם שטודיום פון דער יידישער געשיכטע, גלייך פון אָנהייב אָן זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון דעם ריין־רעליגיעזן לבוש, אין וועלכן זי איז געווען איינגעקליידט ביז צו גאָר די לעצטע צייטן. אַ מאַרקסיסטיש־דענקענדיקער סאָציאַליסט האָט תמיד געדאַרפט האָבן אינזינען, אַז די רעליגיע איז נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון ממשותדיקע רעאַלע לעבנס־נויטן, — דער עיקר, — עקאָנאָמישע און סאָציאַלע.

דאָס איז אָבער ניט געווען דער פאַל מיט מיר. דער אפּיקורסישער בליק פון מיין גאַנצן אויפגעקלערטן דור, אַז דאָס גאַנצע יידישע לעבן, דורכגעזאַפּט דורך און דורך מיט ריין־רעליגיעזע דינים, מנהגים און צערעמאָניעס, דאַרף באַטראַכט ווערן, ווי אַ לעבן ניט פון אַ פאָלק, נאָר פון אַ פאַנאַטישער סעקטע, — ווי אַ שטייגער די רוסישע סעקטע פון די „סטאַראָוויערן", — אָט דער בליק, זאָג איך, איז אין אָנהייב געווען אַ שטער, וואָס האָט ניט געלאָזט גלייך דורכדרינגען ביז צו די נאַטירלעכע, מענטשלעכע יסודות פון אונדזער היסטאָרישן לעבן.

אייזיק הירש ווייס מיט זיין „דור דור ודורשיו" האָט צום ערשטן מאָל דורכגעבראָכן פאַר מיר די וואַנט פון אָט דעם בליק. ער האָט באַוויזן, אַז אין די גאָר ערשטע צייטן פון דער תלמודישער געזעצגעבונג האָט אַ גרויסע ראָליע געשפּילט דאָס שטרעבן אָפּצוהיטן די פאָלקס־מנהגים, כדי זיך צו קאָנען דערהאַלטן ווי אַ פאָלק. דאָס איז שוין זיכער אַ רעאַלער, וועלט־לעכער, מענטשלעכער לעבנס־אינטערעס, הגם אַ ריין־נאַציאָנאַלער. פּרינ־ציפּיעל שטייט מען שוין דאָ מיטביידע פיס אויף דער ערד פון מענטשלעכע פּראָבלעמען און דאגות.

אָבער ווייסעס שטאַנדפּונקט איז ביי אים ניט דורכגעפירט קאָנסעקווענט. אויך פירט אונדז ניט דער מחבר מיט אים ניט אין די ווייטן פון דער צייט, ניט אין די טיפן פון די לעבנס־אומשטאַנדן. ווייס אַליין פאַרגעסט אָן אים באַלד. אויסגעפונען אַזאַ וויכטיקן אַריאַדנע־פאָדעם אין דעם לאַבירינט פון דער יידישער ערדישער געשיכטע, פאַרלאָזט ער אים באַלד און הייבט זיך ווידער אויף אין די איבער־ערדישע, רוחניותדיקע וועלטן. ער רעדט וועגן די לעבנס־אומשטאַנדן בכלל און דערבליקט די טרייב־קראַפט פון דער תלמוד־ישער געזעצגעבונג אין דעם שטרעבן, צוצופּאַסן די תורת־משה, — די הערשנ־דיקע רעליגיעזע אויטאָריטעט — צו די פאַרענדערטע לעבנס־אומשטאַנדן. ווי אַזוי צוצופּאַסן ? דורך אַ פאַרשיידענער אויסטייטשונג פון דעם אָדער יענעם פסוק אין דער תורה. עס זיינען דעריבער אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַר־שיידענע לאָגישע מעטאָדן, ווי אַזוי אַרויסצוברענגען פון אַ פסוק דעם אָדער יענעם נייעם דין.

אין דער ערשטער צייט האָבן זיך מיט אָט דער עובדא באַשעפטיקט צוויי פאַרשיידענע ריכטונגען : די בית־שמאי און די בית־הלל, וואָס זיינען געגאַנגען אין צוויי פאַרשיידענע וועגן. וואָס איז געווען דער גרונט־פּרינציפּ, וואָס האָט זיי פונאַנדערגעטיילט אין צוויי שטרייטנדיקע מחנות ? די פאַר־שיידנקייט פון זייערע לאָגישע דענק־מעטאָדן, — ענטפערט דערויף דער גרויסער געלערנטער און שאַרפער דענקער. נעם איך אָן די דערקלערונג פאַר ליב. אָבער בעת איך האָב געגומען אַביסל מער אַרומטאַפּן דעם ענין, האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף אייניקע פאַקטן, וואָס האָבן ווי נאָדלען געגומען אַרויסשטאַרצן פון דעם געוועב, דעם באַדעקטן מיט דעם אויסנייי פון זייערע פלוגתות־נאָדלען, וואָס גיבן אַ גאַנץ אַנדער מוסטער אין דעם אויסנייי.

אין נאָדל האָט אַרויסגעשטאַרצט אין די דינים וועגן „קבלת טומאה", וועגן פאַרשיידענע זאַכן, וואָס קאָנען אונטער פאַרשיידענע אומשטאַנדן, ווערן „אומריין" און מען דאַרף מיט זיי זיין זייער אָפּגעהיט. ווערט דער־ציילט אין דעם תלמוד, אַז די בית־שמאי האָבן געוואָלט, אויך ווייַן זאָל קאָנען

ווערן אומריין. פראָטעסטירן די בית־הלל. רוגזאן זיך די בית־שמאי: „אויב איר וועט ניט אָננעמען דעם דין פאַר ווייַן, וועלן מיר אַריינוואַרפן אין „קבלת טומאה" אויך דאָס בוים־אויל (שמן)"! וואונדערט דאָס מיך. וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג? וואו איז דאָ דער „פסוק", וואָס דאַרף אויף אַ גרויסן אופן אויסגעטייטשט ווערן, כדי צו דעקן דעם דין מיט דער אויטאָריטעט פון דער תורה? עס ווערן ניט געבראַכט קיין פסוקים און עס ווערן ניט אָנגעווענדט קיין פאַרשיידענע לאָגישע מעטאָדן, ווי זיי צו דרשנען. און גלאַט — די „לאָגיק" פון די בית־שמאי! אויב זיי האַלטן, אַז לויט דעם דין פון תורת־משה, דאַרף בוימל „מקבל טומאה" זיין, פאַרוואָס פאָדערן זיי דאָס ניט גלייך פון אָנהייב אָן? פאַרוואָס מאַכן זיי דעם דין אָפּהענגיק פון דעם קעגנערס גוטוויליקייט בנוגע ווייַן? און אויב מיט בוימל דאַרף מען טאָקע על־פי דין ניט זיין אָפּגעהיט, פאַרוואָס זאָל מען דאַרפן זיין אָפּגעהיט מיט ווייַן?

דערוויס איך מיך באַלד (פון הערצפעלדס „געשיכטע דעס יידישן האַנדעלס"), אַז ווייַן און בוימל זיינען די הויפּט־פּראָדוקטן פון ארץ ישראל, — און ממילא אויך די הויפּט־פּראָדוקטן אויף דעם יידישן מאַרק. אויך איז שוין מיר באַקאַנט געוועזן דער פאַקט, אַז אין ארץ ישראל זיינען געווען אַ היפּש ביסל ניט־יידישע פּויערים און לאַנד־ווירטן, וואָס פלעגן ברענגען זייערע פּראָדוקטן אויף דעם זעלביקן מאַרק. ווי האָט דער דין פון „קבלת טומאה" געמוזט ווירקן אויף דעם עקאָנאָמישן גורל פון אָט די פּראָדוקטן פון פאַרשיידענע באַלעבאָטישקייטן אין דעם יידישן האַנדל? וואָלט די דורכפירונג פון אַזאַ בית־שמאי גזירה־גזעצגעבונג ניט געפירט דערצו, אַז די ניט־יידישע פּראָדוקטן זאָלן פשוט אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דעם אינעווייניקסטן יידישן מאַרק?

קיין קלאָרן ענטפער אויף אָט די פראַגן האָב איך דעמאָלט ניט געפונען: ניט געווען גענוג דאַטן, וואָס זאָלן געבן אַ קלאָר בילד וועגן דעם עקאָנאָמישן לעבנס־פּראָצעס פון יענער צייט. ווער באַשעפטיקט זיך מיט דעם האַנדל פון ווייַן און בוימל? אין וועמעס אינטערעסן איז עס געלעגן, אַז דער ווייַן און בוימל פון דעם יידישן פּראָדוצענט זאָלן באַקומען אַן איבערוואָג אויפן מאַרק איבער די פון דעם ניט־יידישן פּראָדוצענט? און וועמעס יידישע אינטערעסן וואָלטן געליטן דערפון?

עס איז ניט געווען קיין ענטפער אויף אָט די פראַגן, וואָס וואָלטן שוין דעמאָלט קלאָר אַרויסגעבראַכט דעם צונויפבונד פון דער בית־שמאי און בית־הלל גזעצגעבונג מיט די עקאָנאָמישע קלאַסן־קאַמפּן און דער נאַציאָנאַלער אָריענטאַציע פון די פאַרשיידענע יידישע קלאַסן. אָבער אויף אַזוי

פיל איז מיר געוואָרן קלאָר פון אָט דער „נאָדל", אַז דער ענין פון „קבלת טומאה" איז ניט געווען גלאַט אַזוי זיך אַ „רעליגיעזע" פראַגע וועגן „ריינע" און „אומריינע" זאַכן; אַז זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיט ממשותדיקע לעבנס־אינטערעסן, פאַרשיידענע פאַר פאַרשיידענע עקאָנאָמישע גרופּירונגען. פאַר אַ סאָציאַליסט איז געלעגן נאָענט דער שלוס, אַז גראָד דאָ, אין די פאַרשיידענע אינטערעסן, איז געלעגן, לפּחות, איינער פון די וויכטיקסטע וואָרצלען, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די צעטיילונג פון דער „פּרושים"־פּאַרטיי, אין צוויי נאָענטע אָבער פאַרשיידענע ריכטונגען: די בית־הלל און די בית־שמאי.

ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעזאַמלט גענוג דאַטן, מיט נאָך אַנדערע אַזעלכע „נאָדלען פון דעם זאַק", ווי דער „וויין און בוימל עפּיזאָד". אויף זייער סמך האָט זיך ביי מיר איינגעשטעלט אַזאַ בילד פון יענער צייט, וואָס איז געווען אַזוי רייך אין אינעווייניקסטע פּאַרטיי־קאַמפן.

לויט יאָזעפוס האָבן דעמאָלט געווירקט דריי פאַרשיידענע פּאַרטייען אָדער ריכטונגען: ערשטנס, די „צדוקים". דאָס איז געווען אַ קלאָר־אויס־געשפּראָכענע אַריסטאָקראַטישע פּאַרטיי, אַן אַסימילאַטאָרישע און אין דער זעלביקער צייט דער קלאַס פון דער הערשנדיקער גייסטלעכקייט. די צווייטע פּאַרטיי, די פּרושים, האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך די בורזשואַזיע — ווי דאָס האָט באַוויזן דער פראַנצויזיש־יידישער היסטאָריקער, קאָהאַן, אין זיין בוך „ליע פאַריזיאַן". די דריטע פּאַרטיי איז באַשטאַנען פון דער קאָמוניסטישער סעקטע, די „איסיים".

די שטאַרקסטע פּאַרטיי איז געווען די פּרושימשע, איינגעטיילט אין די בית־שמאי און בית־הלל. די בית־שמאי—האָט זיך אַרויסגעוויזן,—זיינען געווען די פאַרטרעטער, דער עיקר, פון דעם פּויערים־שטאַנד און דעם בעל־מלאכה שטאַנד. די פּויערים האָבן געהאַט אַ שטיקל שוץ אין אַן אַלטן געזעץ פון דעם „יובל־יאָר", וואָס האָט געגאַראַנטירט, אַז זייער לאַנד־באַזיץ זאָל ניט קאָנען אַוועקגענומען ווערן ביי זיי אויף אייביק. הלל האָט דעם דאָזיקן שוץ צעשטערט מיט דעם איינפיר פון דעם אַזוי אָנגערופענעם „פּרוזבול". און צעשטערט האָט ער דאָס איז די אינטערעסן פון די געלט־מענטשן, וואָס האָבן געליען געלט דעם פּויער. די ערד האָט שוין געקאָנט אַוועקגענומען ווערן ביי אים. די שווערע דינים פון די בית־שמאי, אויף וויפיל מען קאָן דערבליקן זייער דירעקט־עקאָנאָמישן באַדייט, זיינען, בדרך כלל, געלעגן אין די אינטערעסן פון אָט דער פּויערימשאַפט. אין נאָך אַ פּרט זיינען פאַר־שיידן די בית־שמאי פון די בית־הלל. די „שאַמאַאיטן" זיינען געווען גע־שטימט שאַרף נאַציאָנאַליסטיש און רעפּובליקאַניש. דער „שאַמאַאיט", צדוק, האָט געגרינדעט ניט די קאָמוניסטישע סעקטע פון די „איסיים", ווי דאָס

ווערט דערציילט אין ספר „יוחסין", נאָר די ריכטונג פון די קנאים, מיט זייער לאָזונג, אַז „יידן קאָנען נאָר זיין קנעכט ביי גאָט, אָבער ניט קיין קנעכט ביי קנעכט". זיי האָבן געפאָדערט דעם שאַרפסטן פונאַנדערשייד צווישן דער יידישער און ניט־יידישער וועלט, און אין דער ערשטער ליניע, צום באַוואָפנטן באַפרייאונגס־קאַמף אַנטקעגן רוים. די געזעצגעבונג פון די בית־שמאי פירט דורך אָט דעם שאַרפסטן פונאַנדערשייד. זייער ראַדיקאַלער פליגל, די זעלאָטן, גרייטן צו און פירן דורך דעם אויפשטאַנד פון דער זעלאָטישער רעוואָלוציע אין ירושלים, — וואָס די באַריכטן וועגן איר ביי יאָזעפוסן לייענען זיך, אגב, ווי די באַריכטן פון דער באַלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, — נעמט דער טעראָריסטישער פליגל פון די זעלאָטן, — די „סיקאַריער", — און פאַרכאַפּט אַלע אייגנטומס־דאָקומענטן און פאַרברענט זיי, — נאַטירלעך, אויך יענע דאָקומענטן, וואָס האָבן, לויט הללס „פּרוזבול" אַריבערגעפירט אַ היפּשן טייל פון דעם פּויערימשן לאַנד־האַנדל אין די הענט פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן (ווי, צ"ב, אין בן עזאיס באַזיץ).

די בית־שמאי מיט זייער ראַדיקאַלן און טעראָריסטישן פליגל פון די זעלאָטן און די סיקאַריער, זיינען סאָציאַל־פּאָליטיש די פאַרטרעטער פון דעם אַרבעטאַרישן קליינבירגערטום און די אָרעמערע שיכטן בבלל. שפּע־טער בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט דעם אויסדרוק: „חומרי דבית שמאי קולי לעניים" — („די פאַרשאַרפונגען פון די בית־שמאי זיינען דערלייכטערונ־גען פאַר די אָרעמע"). די בית־הלל פאַרטיידיקן אין זייער סאָציאַל־עקאָנאָ־מישער געזעצגעבונג די אינטערעסן פון דער רייכערער בורזשואַזיע. ביידע בירגערלעכע פּאַרטייען ווערן צונויפגעהאַלטן אינאיינעם, אַ דאַנק זייער ביידנס ביטערן קאַמף אַנטקעגן דער הערשנדיקער אַסימילאַטאָרישער אַריסטאָקראַ־טיע, דער פּאַרטיי פון די צדוקים. אָט דער ביטערער קאַמף מיט זיינע בלוטיקע טראַדיציעס דערלאָזט ניט צו קיין שפּאַלטונג צווישן זיי ביז צו דער צייט פון דעם אויפשטאַנד, — די בית־הלל זיינען קעגן דעם באַפרייאונגס־קאַמף, — און, תיכף נאָך דעם אויפשטאַנד, פאַראייניקן זיי זיך ווידער.

האָבן מיר דאָ די וויכטיקסטע קלאַסן פון דער דעמאָלטיקער יידישער געזעלשאַפט, אויף וויפיל זייער קלאַסן־קאַמף שפּיגלט זיך אָפּ אין דער תלמוד־ישער געזעצגעבונג: די אַריסטאָקראַטיע, די העכערע בורזשואַזיע (מיט די גרויסע פּרושימשע לאַנד־באַזיצער!), דעם אַרבעטאַרישן קליין־בירגערטום. נו — און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דעם „פערטן שטאַנד", מיט דעם „פּראָ־לעטאַריאַט", — ניט אין דעם אַלט־רוימישן זין פון שטאַטישע לויידיק־גייערס, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן אויף דעם חשבון פון דעם שטאַט, — נאָר

אין דעם מאָדערנעם זין פון פרייע לוין־אַרבעטער ? האָבן מיר דעמאָלט געהאַט אַזאַ קלאַס ? יאָ, געהאַט : די געדונגענע פּועלים, פאַר וועלכע די פּרושים האָבן אויסגעאַרבעט אַ זייער הומאַנע אַרבעטער־געזעצגעבונג. אָבער ניט שוין האָבן די לעבנס־אינטערעסן פון אָט דעם קלאַס, וואָס האָט פאַרלוירן זיין לאַנד־באַזיץ, גאַר ניט אַרויסגערופן קיין אייגענע ריכטונג אין דער דעמאָלטיקער יידישער געדאַנקען־וועלט, — אַ ריכטונג, וואָס זאָל ליגן אין זיינע „פּראָלעטאַרישע״ לעבנס־אינטערעסן.

שוין יאָזעפוסעס באַריכט וועגן די „דריי פּאַרטייען״ האָט אָנגעדייט, וואו צו זוכן דעם ענטפער אויף דער פראַגע : אַ חוץ די צדוקים און די פּרושים זיינען נאָך געווען די קאָמוניסטישע איסיים. אין אַ פּאַרטיפּטערן שטודיום וועגן זיי האָב איך געפונען דעם ענטפער.

67

אַ קאָמוניסטישע סעקטע אין ארץ ישראל מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק

דער פּרובירשטיין פאַר יעדן היסטאָריקער פון אונדזער אַלטן יידישן לעבן אין ארץ ישראל איז זיין שטעלונג צו דער מיסטיש־קאָמוניסטישער סעקטע פון די איסיים. לויט אָט דער שטעלונג קאָן מען אָפּשאַצן, צי ער איז ווילִיק דורכצודרינגען מיט זיין סעציר־מעסער די דרויסנלעכע הויט פון רעליגיעז־מיסטישע אידייען און געפילן און אַריינצוקוקן אין די פאַרבאָר־גענע איברים פון יענעם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם, מיט וועלכן ער האָט צו טאָן, אָדער ער קאָן זיך באַנוגענען מיט דער באַשרייבונג פון די איברים, וועלכע ער שילדערט, ווי מען קאָן זיי זען פון אויבן־אויף.

אַלע געשיכטס־שרייבער פון דעם סאָציאַליזם און קאָמוניזם כאַראַק־טעריזירן די איסיים, ווי אַ זייער וויכטיקן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און זיין איינווירקונג אויף די שפּעטערדיקע דורות. אָבער בעת איך האָב גענומען שטודירן די אַלט־יידישע געשיכטע אין דער פּעטערבורגער עפנטלעכער „קייזערלעכער" ביבליאָטעק, מיט א. הרכבים ביבליאָגראַפישער הילף, בין איך נאָך ניט געווען באַקאַנט מיט קיין סיסטעמאַטישער אַלגעמיינער געשיכטע פון דעם סאָציאַליזם. פון איינצלנע מאָנאָגראַפיעס און אַלגעמיינע היסטאָרישע ווערק האָב איך גע־וואוסט אַ היפּש ביסל וועגן אַזעלכע האַלב־ און גאַנץ־סאָציאַליסטישע סעק־טעס, ווי די אַלביגענזער, די וואַלדענזער, די הוסיטן, די טאַבאָריטן און — דער עיקר — די אַנאַבאַפּטיסטן. וועגן די איסיים האָב איך געוואוסט נאָר דאָס, וואָס דער זיידע האָט מיר פאָרגעלייענט פון דעם „ספר יוחסין". איך האָב, נאַטירלעך, דעמאָלט ניט געהאַט קיין ברעקל אַנונג, אַז אַזאַ שאַרפזי־ניקער היסטאָריקער, ווי קאַרל קאַוטסקי, האָט שוין אין 1882 פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלע אַרבעט וועגן זיי אין דער מאַרקסיסטישער „די נייע צייט", און אַז דאָרטן איז דורכגעפירט געוואָרן אין תוך דער זעלביקער בליק, צו וועלכן איך בין געקומען אין 1886.

געלייענט האָב איך דעמאָלט וועגן די אסיים אַלץ, וואָס איך האָב גע־קאָנט געפינען מיט הרכבים הילף. עס האָט אָבער אין יענער ליטעראַטור געפעלט אַזאַ וויכטיק ווערק, ווי סאַלוואַדאָרס „דאָס לעבן ישוס", וואָס האָט מיט עטלעכע צענדליק יאָר מקדים געווען אויך קאָוטסקין אין זיין כאַראַק־טעריסטיק פון די איסיים.

די אָפיציעלע היסטאָריקער פון דעם יידישן פאָלק — יאָסט, גרעץ און גייגער, ווי אויך די מאָנאָגראַפיסטן, — האָבן געזען אין די איסיים נאָר אַ פרום־מיסטישע סעקטע. דאָס זיינען געווען, הייסט עס, „נזירים", אָפּגע־שיידטע פון דעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן, איבער־פרום און וועלט־פרעמד, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דעם זינדיקן הו־האַ אין די מדבריות, כדי, אַזוי צו זאָגן צו „פּראווען יחידות" און לעבן נאָר צוליב דער „עבודת הבורא".

אָנהענגער פון אַזאַ געדאַנקען־גאַנג, אַ שטרעבן זיך אָפּצושאָקלען פון דעם געוויינטלעכן לעבן מיט זיינע תאוות און זינד, אַ שטרעבן פון אַן אַב־סאָלוטער „ריינלעכקייט" (טהרות) פון גוף און נשמה, און צו פירן אַ לעבן פון אַבסאָלוטער פשטות, אָפט מיט סיגופים און תעניתים, — זיינען טאַקע דעמאָלט געווען ניט קיין זעלטנקייט אין דעם יידישן לעבן. די „נזירים" אין ארץ ישראל און די אַזוי אָנגערופענע „טעראַפּעווטן" פון די יידישע קהילות אין מצרים האָבן געהערט צו אָט דעם מין. „טעראַפּעווטן" איז אַ גריכיש וואָרט פאַר „רופאים". גראָד אָט דאָס וואָרט און אַ געוויסע אָפּגע־היטקייט אין די „ריינלעכקייט־געזעצן", וואָס האָט אויסגעצייכנט סיי די „איסיים", סיי די „נזירים", האָבן מסתמא גורם געווען, אַז מען זאָל זיי ביידע שוין אין דער צייט פון זייער ווירקונג צונויפוואַרפן אין איין טאָפּ: דער נאָמען איסיי שטאַמט, לויט דער העכסטער וואַרשיינלעכקייט, פון דעם אַראַמעאישן „אסיא", וואָס איז אויך דער טייטש דער „רופא". די פאַרוואַרפונג פון אייגנטום, וואָס איז אויך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך ביי זיי ביידן, האָט זיך אַזוי אַרום דערקלערט ווי אַ פועל־יוצא פון זייער ריין־רעליגיעזן איינשטעל.

ווען איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט אָט דעם בליק אויף דעם ענין איסיים ביי די גרעצעס און די גייגערס, בין איך געבליבן אַ דורכאויס אומ־צופרידענער אי פסיכאָלאָגיש, אי טעאָרעטיש. פסיכאָלאָגיש האָב איך מיך געפילט ווי אַן אָפּגעגאָסענער מיט קאַלטן וואַסער. די קדושה, מיט וועלכער די איסיים זיינען שוין געווען אַרומגערינגלט אין מיין האַרצן, איז שיר־ניט אינגאַנצן פאַרשוועכט געוואָרן. טעאָרעטיש האָב איך דעמאָלט גראָד געהאַט אַ בליק, וואָס האָט זיי אַ היפּש ביסל „רעהאַביליטירט" אין מיינע אויגן.

איך מיין יענע טיפּזיניקע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע טעאָריע, וועלכע דער גרויסער רוסישער דענקער נ. ק. מיכאַילאָווסקי האָט אַנטוויקלט אין זיין אַר־בעט „וואָלניצאַ אי פּאָדוויזשניקי" (געבליבן אומפּאַרענדיקט, ווי אַלע זיינע גרעסערע סאָציאָלאָגישע פּאַרמעסטונגען). אויף יידיש האָב איך דעם טיטל אַמאָל איבערגעזעצט מיט דעם „פּורק עול" און דער „גלות־אַפּריכטער". דער תוך פון דער טעאָריע איז, אַז די סאָציאַלע אומשטענדן פּרעסן אַרויס פון דער געזעלשאַפט, אַ געגרינדעטער אויף פּריוואַט־אייגנטום, — איינצלנע העכער־שטייענדיקע אינדיווידן, וואָס קאָנען ניט גיין אין שפּאַן און טראַכטן אויך ניט, ווי איבערצובויען דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן בנין אין אַ סאָ־ציאַל מער רחבותדיקן, זיי זאָלן זיך קאָנען פריי אויסלעבן אין אים. דער „פּורק עול" שפּרייזט פּשוט אַריבער אַלע צוימען און גרענעצן. ער וואַרפט אַראָפּ פון זיינע אַקסלען די מאָראַלישע, רעליגיעזע און יורידישע יאָכן, וואָס די געזעלשאַפט לייגט אויף אים אַרויף. ער ווערט דער פאַרברעכער, דער וואָס ברעכט די צוימען (דער „פּורץ גדר"). דער „גלות־אַפּריכטער" שפּרינגט אַרויס פון די געזעלשאַפטלעכע צוימען פון דער אַנדער זייט. ער רייסט איבער אַלע זיינע סאָציאַלע באַציאונגען, אַלץ טאַקע טראַכטנדיק נאָר וועגן זיך אַליין. אָבער זיין טראַכטן איז, ווי אַזוי זיין אייגענע נשמה צו ראַ־טעווען, ווי אַזוי צו דערהאַלטן איר אומבאַפלעקטקייט פון יענע זינד, וואָס פילן אָן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. די גלות־אַפּריכטער פייניקן זייערע גופים, טראָגן שווערע קייטן, אַנטלויפן אין די מדבריות, ווי אין אַ פריי־וויליקן גלות, גייען דאָרטן אַרום אין האָרענע העמדער און שפּייזן זיך מיט היישעריקן. ביידע שטעלן מיט זיך פאַר אַ נעגאַטיוון, אָפּט אומבאַוואוסט־זיניקן פּראָטעסט אַנטקעגן דער הערשנדיקער אָרדענונג.

אַ וואונדערבאַר שיינער אַנאַליז, וואָס נעמט אַרום אין איין סאָציאָלאָגישן בליק אַזעלכע צוויי עקסטרעמע פּסיכאָלאָגישע טיפּן און לאָזט זיי אַרויס־וואַקסן פון איין סאָציאַלן וואָרצל!

די איסיים — האָב איך דעמאָלט געטראַכט — ווי אויך די „נזירים" — געהערן צו אָט דעם עקסטרעם־מאָראַלישן, בלענדנדיק פּרעכטיקן, אָבער אין תוך אַנטי־סאָציאַלן טיפּ. מיר באַוואונדערן זייער מאָראַלישע דערהויבנ־קייט, אָבער זיי זיינען אונדז פרעמד, ווי זיי זיינען פרעמד דער גאַנצער וועלט. זיי זיינען פּאַסיווע פּראָטעסטן אַנטקעגן דעם הערשנדיקן סדר אין דער געזעלשאַפט, אָבער ניט קיין אַקטיווע איבערבויער זיינע.

איז — „לא פּידלתי" מיט די איסיים. האָב איך מיט די איסיים ניט „געפּידלט", הייסט עס. זיי קאָנען מיך ניט צווינגען צו שטעלן זיך פאַר זיי גייסטיק אויף די קני אין אַנבעטונג און אין דעם נדר צו גיין אין זייערע

וועגן, שטרעבן צו זייערע צילן; נאַטירלעך, מיט אַנדערע מעטאָדן, לויט די פאָדערונגען פון דער געענדערטער צייט.

אָבער אָט דער בליק האָט מיך ניט געקאָנט באַפרידיקן אינגאַנצן. ער האָט ניט געדעקט דאָס בילד פון זייער לעבן, ווי ער ווערט געשילדערט פון זייערע אייגנצייטלער יאָזעפוס און פילאָ (ידידיה האלכסנדריני). דער קאָמוניזם פון די איסיים איז פאַרט אַ צו־לעבעדיקער, אַ צו־אַקטיווער. ס׳איז ניט קיין נעגאַטיווע שטעלונג צו אייגנטום בכלל, צו דעם ענין „מיין און דיין", ווי די, וואָס הערשט ביי אָט די צוויי אַנטי־סאָציאַלע טיפּן: די אַפּלייקענונג פון דעם „דיין" ביי דעם „פּורק עול" און די אַפּלייקענונג פון דעם „מיין" ביי דעם „גלות־אַפּריכטער". אין דעם לעבן פון די איסיים איז דאָס אַ פּאָזיטיווער איבערבוי פון דעם ענין „מיין און דיין", ניט קיין „שלי שלך ושלך שלי" („מיין איז דיין און דיין איז מיין"), נאָר אַ פאַרוואַנדלונג אין „אונדזער אַלעמענס", אין אַ געזעלשאַפטלעכן אייגנטום, אין אַ כיס אחד לכלנו — ווי דער „ספר יוחסין" האָט דאָס פאָרמולירט. און דערצו אַ רעגולירונג פון דעם יחידס רעכט אויף צו באַנוצן זיך מיט דעם געזעלשאַפטלעכן באַזיץ.

אַזוי, צ״ב, האָבן יענע איסיים, וואָס האָבן געאַרבעט, ווי לוין־אַרבעטער אין די שטעט, וואו דער אָרדן זייערער האָט געהאַט אייגענע הייזער, נאַטירלעך, געדאַרפט דעם לוין אָוועקגעבן אין דער אַלגעמיינער קאַסע. זיי האָבן אָבער געהאַט דאָס רעכט פריער צו העלפן פון דעם לוין די אָרעמע און נויט־באַדערפטיקע. דערביי איז זיי געווען פאַרווערט צו העלפן, אָן אַ דערלויבעניש פון דעם „עלטסטן", די אייגענע קרובים.

ווי קומען די איסיים אין די שטעט? ווי קומען צו זיי געמיינשאַפטלעכע הייזער און „עלטסטע" אין דער פאַרוואַלטונג פון זייער אַלעמענס האָב־און־גוטס? על־פּי טעאָריע האָבן זיי דאָך געדאַרפט זיין ערגעץ־וואו אין די מדבריות, דרויסן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, פאַרזונקען אין יחידות, אין „דביקות", אין מיסטישע זעאונגען, געפילן און אַנטפּלעקונגען.

עס איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז אין דעם הערשנדיקן בילד פון די איסיים האָבן זיך צונויפגעגאָסן, — ריכטיקער: זיינען צונויפגעמישט געוואָרן — דריי פאַרשיידענע בילדער: פון די איסיים, די „נזירים" אין ארץ ישראל און די „טעראַפּעווטן" פון מצרים. אָט דער טעאָרעטישער פאַרגעפיל איז ביי מיר פאַראַמתט געוואָרן, אַ דאַנק דער גרינטלעכער פאָרשונג פון אַ יידישן היסטאָריקער, וועמעס ווערק איז אויך געשטאַנען אין הרכביס „רעצעפּט", — איך מיין דאָ הערצפעלדס „די געשיכטע דעם פאָלקעס איזראַעל".

זיינע זעקס בענד זיינען געלעגן אין די טורעמלעך ביכער, וואָס אַרום מיר אויף דעם טיש פון דעם לייען־זאַל. איך האָב אָבער תחילת ניט געהאַט עפּעס קיין חשק, צו פאַרטיפן זיך אין זיי: דער שווערער דייטשער סטיל, אַ רייך־„פּראָפעסאָראַלער", די אָפּגעלאָזטע אַרכיטעקטור פון דעם גאַנצן ווערק, די קלייניקע אותיות פון דעם דרוק, האָבן ניט געצויגן צו זיך. איך פלעג זיי נאָר ווען ניט ווען אַ בלעטער־טאָן און צוריק אָוועקלייגן, לויפן צו די גלענצנדיקערע און פּאָפּולערערע. גאָט ווייסט מיך ניט שטראָפן דערפאַר, ווייל איך האָב באַלד תשובה געטאָן. גראָד אַ דאַנק די „איסיים": מען דאַרף אַ קוק טאָן, וואָס זאָגט הערצפעלד וועגן זיי!

צו מיין פאַרוואונדערונג געפין איך ביי אים אַ דעטאַלירטן, טיפן, גרינטלעך־דורכגעפירטן אַנאַליז פון דעם גאַנצן ענין, הגם נאָך ניט פון אַ קלאָרן סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. דער עיקר, איז פאַר מיר וויכטיק געווען דער אַרויסברענג פון יענע פאַרשיידנקייטן, וואָס האָבן געהערשט צווישן די „איסיים" פון איין זייט און די „טעראַפּעווטן" פון דער אַנדערער אין אַ מאַסע וויכטיקע פּרטים. זאָלן דאָ געבראַכט ווערן נאָך עטלעכע פון זיי:

ווען אַ טעראַפּעווט האָט באַשלאָסן אַוועקגיין פון דער געזעלשאַפט (זיך „מפריש מן הציבור" צו זיין), פלעגט ער פריער פונאַנדערטיילן זיין האָב־און־גוטס צווישן אָרעמעלייט און אַרויסגיין פון איר כמעט „בעירום ובחוסר כל", וואוהין זיין האַרץ האָט געגלוסט. ווען איינער, מאַן אָדער פרוי, האָט אָבער געוואָלט ווערן אַן איסיי, האָט ער זיך פריער געדאַרפט מעלדן צו די „עלטסטע" פון דעם אָרדן. ער האָט געדאַרפט דורכגיין פאַרשיידענע מדריגות, פּרוואו־סטאַדיען, איידער מען פלעגט געפינען, אַז ער איז ראוי צו ווערן אַ פול־און־גלייך־באַרעכטיקטער מיטגליד. און, ווען אויפגענומען, האָט ער זיין גאַנצן אייגנס געדאַרפט אַריינטראָגן אין דער אַלגעמיינער קאַסע.

די טעראַפּעווטן, ווי עקסטרעמע אַסקעטן און „פּרושים" (אין דעם איצ־טיקן זין פון דעם וואָרט), האָבן מבטל געווען דעם ענין פאַמיליע און פאַמי־ליע־לעבן. מיט דערציאונג פון קינדער האָבן זיי לגמרי גאָרנישט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. די איסיים פלעגן אויך אַרייננעמען גאַנצע פאַמיליעס אין זייער בונד און אויך קינדער פון דער פרעמד, כדי צו דערציִען זיי אין זייער גייסט. דאָס לעבן פון מאַן־און־ווייב איז ניט געווען פאַרווערט.

דער עיקר פונאַנדערשייד איז אָבער געווען אין זייער סאָציאַל־עקאָנאָ־מישן לעבן. פון וואָס די טעראַפּעווטן האָבן געלעבט, ווייסט מען ניט אויף זיכער. על־כל־פּנים האָבן זיי ניט געלעבט געמיינשאַפטלעך. די איסיים האָבן געלעבט פון זייער אייגענער אַרבעט, פון דאָרף־אַרבעט אין קאָמונעס, און

פון אַלערליי שטאָטישע מלאכות, דאָס רוב ווי לוין־אַרבעטער. דריי פּראָ־פעסיעס זיינען דערביי בפירוש געווען פאַרוועררט: האַנדל, ווייל „ער פירט צו האָב־זוכט", מיליטער־דינסט (פאַרדינגען זיך פאַר סאָלדאַטן) און פּראָדוק־ציע פון כלי־זיין.

שוין אָט די פאַר כאַראַקטער־שטריכן, וואָס שיידן אָפּ די איסיים פון די טעראַפּעווטן, זיינען גענוג, כדי איינצוזען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ נייעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן אידעאַל, אָן אַרומגערינגלטן מיט רעלי־גיעזער קדושה, מיט אַ שטרעבן, צו באַשאַפן אַ גאַנץ נייעם יסוד פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

68

נביאים און נבואה מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק

וואָס מער איך האָב זיך פאַרטיפט אין שטודירן די איסיים, וואָס מער איך פלעג מיך אַריינטראַכטן אין יעדן שטריך פון זייער לעבן און פון זייער שיטה, — אויף וויפיל דאָס איז אָפגעשפיגלט אין דער ליטעראַטור פון זייער צייט און דער צייט, אַ נאָענטער צו זייער פאַרשווינדן, — אַלץ מער באַוואונדערונג, נאָך מער: אַלץ מער פאַרהייליקונג האָבן זיי אַרויסגערופן אין מיר; אַלץ מער פלעגט מיר אָבער ווערן צואווידער דער גוטמוטיק־פריינטלעכער קוק אויף זיי פון אויבן־אַראָפּ, וואָס האָט געהערשט ביי די אָפיציעלע היסטאָריקער, אַ חוץ דעם איינציקן דר. הערצפעלד, וואָס ווערט כמעט פון קיינעם ניט ציטירט. דער דר. הערצפעלד איז אגב אויך דער איינציקער, וואָס האָט געמאַכט זעלבסטשטענדיקע אויספאָרשונגען וועגן דעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן פון יענער צייט.

אַ סעקטע פאַנאַטישע וועלט־אָפלייקענער! מענטשן, וואָס לעבן אין אַ טומאַן פון אייגענע מיסטישע פאַנטאַזיעס, אָן אַ ברעקל חוש פאַר דער געזעל־שאַפטלעכערווירקלעכקייט, פון וועלכער זיי אַנטלויפן! — אַזוי האָבן די היסטאָריקער געקוקט אויף די איסיים. אַ מין „טעראַפעווטן“, וועגן וועלכע איך האָב געשריבן אין דעם פאָריקן קאַפיטל.

ווען איך האָב ביי הערצפעלדן געלייענט די לאַנגע ליסטע אונטער־שיידן, וואָס האָבן געהערשט צווישן די „טעראַפעווטן“ און די „איסיים“, בין איך געווען פול מיט צאָרן און פראָטעסט אַנטקעגן אונדזערע היסטאָ־ריקער. ווי ווירקט ניט אויף זיי דער „יראת הכבוד“, מיט וועלכן אַזעלכע גייסטיקע אַריסטאָקראַטן פון יענער צייט, ווי יאָזעפוס און פילאָ, ריידן גראָד וועגן די איסיים און ניט וועגן די טעראַפעווטן? ווי מערקן זיי ניט די הויפט־זאַך? די טעראַפעווטן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ריכטונג פאַר איינצלנע יידן, וואָס שיידן זיך אַרויס פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. די איסיים האָבן אויסגעבויט אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ לעבן, וואָס קאָן דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַ לעבן פון דעם גאַנצן פאָלק, פון דער גאַנצער מענטש־הייט!

פון וואַנען — אָט די בלינדקייט ביי אונדזערע היסטאָריקער? עס איז מיר, דעם סאָציאַליסט, ניט געווען שווער צו דערטאַפּן דעם וואָרצל אירן.

זיי שפּיגלען אָפּ דעם גייסטיקן איינשטעל פון דער איצט לעבנדיקער יידנשאַפט, דעם דורך־און־דורך בורזשואַז־ליבעראַלן, פאַרמקח־וממכרדיקן גייסט אירן, וועמען עס זיינען אַזוי פרעמד די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער צייט און פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. אָט די פּראָבלעמען זיינען אָבער ניט געווען פרעמד דעם אַריסטאָקראַט, פּילאַ. אין זיין צווייטער שריפט וועגן די איסיים לויבט ער זיי צווישן אַנדערע זאַכן אויך דערפאַר, וואָס זיי זיינען די איינציקע אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט, אין וועלכער די אַלטע לייט, אומ־פּייאיקע צו אַרבעטן, דאַרפן ניט זאָרגן פאַר זייער עקזיסטענץ.

און נאָך אַ מאָמענט האָט זיכער געמוזט שפּילן אַ ראָליע אין דער משונהדיקער שטעלונג פון אונדזערע היסטאָריקער צו די איסיים: דער ענגער צונויפבונד, וואָס עקזיסטירט צווישן זיי און דער משיח־באַוועגונג פון ישו הנוצרי, פון וועלכער עס איז אַרויסגעוואַקסן דאָס קריסטנטום. די היסטאָ־רישע חשבונות צווישן יידנטום און קריסטנטום האָבן ניט געלאָזט אָביעקטיוו אָפּשאַצן דעם באַדייט פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט פון זיך דעם ביטערסטן פיינט, די בלוטיקסטע פאַרפאָלגער און פּייניקער פון דעם יידישן פאָלק. אָבער אויך אָט די היסטאָרישע חשבונות האָבן זיך געענדערט אין אַ גרינטלעכער רעוויזיע. דאָס האָט מיך געטריבן צום ערשטן מאָל סיסטעמאַטיש צו לייענען די עוואַנגעליע (אין דער רוסישער איבערזעצונג פון דעם „הייליקן סינאָד״). און דאָס האָט מיך ווידער אַריינגעשלעפּט אין אַ גאַנץ נייעם ווינקל פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, מיט וועלכער איך בין געווען אַבסאָלוט אומבאַקאַנט: די געשיכטע פון דעם „אור־קריסטנטום״, איידער ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער יידישער וועלט.

שוין לייענענדיק די עוואַנגעליע, וואו ישו טרעט אַרויס אין די פאַר־שיידנאַרטיקע געשטאַלטן, וואָס איינע איז סותר די אַנדערע, איז פאַר מיר אין זייער צענטער געשטאַנען די געשטאַלט: ישו דער נאַציאָנאַלער ייד, וואָס וויל ניט גיין טראָגן זיין שליחות צו די שומרונים, ווייל ער וויל ניט „אַוועק־נעמען פון זיינע קינדער דאָס ברויט און וואַרפן עס פאַר די הינט״; ישו, דער נביא און שטראָפער, וואָס מאַכט אין זיין אָנפאַל אויף די רייכע פון זיין צייט ווידער לעבעדיק די געשטאַלט פון אַ ישעיהו מיט זיין „הוי משיגי בית בבית״. אָבער ניט ישעיהוס געשטאַלט האָט זיך בײַ מיר געבעטן פאַר אַ פאַרגלייך. אַן אַנדער נביא האָט זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט, וואָס האָט געהאַט, ווי מיר האָט זיך געדוכט, מער רעכט דערויף: דער נביא ירמיהו.

ירמיהו האָט געלעבט און געקעמפט און געליטן פאַר זיין שליחות אין דער צייט פאַר און פון דעם ערשטן חורבן. די דעמאָלטיקע הערשער האָבן

אים ניט געטויט, אָבער געפּייניקט. ישו האָט געלעבט, געקעמפט, געליטן און איז געטויט געוואָרן פון די דעמאָלטיקע הערשער אין דער צייט פאַר דעם צווייטן חורבן. ביידע — נביאים אין דער צייט פון אַ צונויפבּרוך אין דעם אַלט־יידישן לעבן. ביידע נעמען זיך אָן פאַר די אָרעמע און די אונ־טערדריקטע. ירמיהו פּירט דורך די באַפרייאונג פון די יידישע שקלאַפן, וואָס ווערן אָבער באַלד ווידער פאַרשקלאַפט. ישו שטרעבט צו דער פולער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פונעם גאַנצן פאָלק. אָבער גראָד דאָס האָבן זיי בשותפות מיט אַלע גרויסע יידישע נביאים. וואָס האָבן אָבער ירמיהו און ישו בשותפות נאָר צווישן זיך? — אַ רעליגיעז־עטישע רעפאָרם, ווי אַ פאָרבאַדינג פון דער באַפרייאונג. ירמיהו זאָגט זיי צו: איך וועל דע־מאָלט, זאָגט ער אין גאָטס נאָמען צום פאָלק, שליסן מיט אייך אַ נייעם בונד (אַזוי בפירוש: „ברית חדשה!"). אַ בונד, ניט אַזאַ ווי איך האָב מיט אייך געשלאָסן בעת יציאת מצרים: אויף אייערע הערצער וועל איך אים פאַר־שרייבן...

דאָס האָט ירמיהו נביאות געזאָגט פאַר דער משיח־צייט. ישו האָט זיך געפילט ניט נאָר ווי אַ נביא, נאָר אויך ווי אַ משיח און האָט באַטראַכט פאַר זיין שליחות די דורכפירונג פון אָט דעם „ברית חדשה", ווי אַ פאָר־באַדינג פאַר דער הערשאַפט פון דער „מלכות שמים" אויף דער וועלט. דערפון דער העפטיקער צאָרן פון דער רוימישער מאַכט אַנטקעגן דעם „מלך היהודים" און פון דער יידישער מאַכט אַנטקעגן דעם ראַדיקאַלן רע־פאָרמער. אויף דעם שפּיץ פון דער אָפיציעלער יידישער רעליגיע איז דע־מאָלט געשטאַנען דער כהן־גדול, אַן אַריסטאָקראַט פון די צדוקים. דערפון — ישוס טראַגישער גורל...

אָט דער נביאימיש־משיחימשער כאַראַקטער פון ישוס באַוועגונג האָט אָבער ווידער געוואָרפן אַ ליכט אויף די איסיים, וואָס האָט פאַר מיר נאָך קלאָרער געמאַכט זייער מהות און באַדייט.

וואו זיינען אַהינגעקומען די נביאים אין דעם אַלט־יידישן לעבן פונעם בית־שני? „מיט זכריה, חגי און מלאכי האָט זיך געענדיקט די נביאות" — אַזוי פאַרזיכערט די יידישע טראַדיציע. פאַר דעם פרום־גלייביקן איז דער ענין אַ קלאָרער: דער „רוח הקודש" האָט אויפגעהערט זיך אַראָפּ־צולאָזן אויף מענטשן. פאַר די אָבער, וואָס גלייבן, אַז דער „רוח הקודש" ווערט באַשאַפן אין דעם מענטשן, פון דעם מענטשן, איז דער ענין ניט גאָר גלאַטיק. אין די שריפטן פון עזרא און נחמיה, יענע צוויי גרויסע פירער אין דעם צוריקקער פון גלות און בויער פון דעם נייעם לעבן אין דעם אייגענעם לאַנד, זעען מיר, ווי די גאַנצע רעגירונגס־מאַכט, וואָס איז אַמאָל געלעגן אין

די הענט פון די מלכים און די שרים, איז אַריבער צו די ליבעראַלע כהנים, אַנטקעגן וועלכע די גרויסע נביאים האָבן געקעמפט. מיר זעען אויך, ווי דער בית־המקדש און דער קולט פון בלוטיקע קרבנות ווערן אויסגעבויט, ווי דער צענטער פון דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן לעבן, — גראָד יענע יסודות, אַנטקעגן וועלכע די גרויסע נביאים האָבן אַזוי העפטיק געשטורעמט אין דעם נאָמען פון אַ נייער סאָציאַל־עטישער רעליגיע, אַ פיינטלעכער צו אַלע קרבנות, צערעמאָניעס און רעליגיעזע חיצוניותן.

די „לעצטע" דריי נביאים גייען מיט זיי, העלפן אין דער פאַרוואַנדלונג פון דער „מלכות בית דוד" אין אַ „ממלכת כהנים", אין אַ שטרענגער טעאָ־קראַטיע. אין זייערע נביאות וואַרפן זיך זעלטן דורך פאַרבלאַסטע שטראַלן פון יענער וואונדערבאַר־ליכטיקן פאַרגייסטיקטן וועלט־און לעבנס־באַנעם, וואָס איז פאַרקונדיקט געוואָרן פון די גרויסע נביאים.

ס'קאָן זיין, די נבואה איז טאַקע אַנטשוויגן געוואָרן. דער איבערבוי און אויפבוי פון דעם נייעם לעבן, דער אויפקום פון דער „תורת־משה" מיט אירע מפרשים און פאַרשפּרייטער אין פאָלק (די „סופרים") האָט איינגע־שלונגען די גאַנצע שאַפנדיקע ענערגיע פון זיינע בעסטע קינדער. דערנאָך האָט זיך איינגעשטעלט אַ געוויסע פאַרגליווערטקייט, אַ פאַרשטיינערונג פון לעבנס־פאָרמען, אַ לאַנגער פעריאָד פון שטילשטאַנד, ווי ס'פלעגט אָפט פאַרקומען אין דעם לעבן פון אָריענטאַלישע פעלקער און פעלקערלעך, ביז די דעראָבערונגען פון אַלעקסאַנדער מוקדון און דאָס אַריינדרינגען פון דער העלענישער ציוויליזאַציע האָבן ווידער אַריינגעבראַכט אין דעם יידישן פאָלק אַ שטראָם פון לעבן און שאַפן.

ס'קאָן זיין, אַז אין אָט דער גאַנצער צייט ביזן אויפקום פון די חשמונאים זיינען טאַקע געווען קליינע קלייזלעך, וואָס האָבן אָפּגעהיט די שריפטן פון די אַלטע נביאים און האָבן געדולדיק געוואַרט, ביז עס וועט קומען דער צוגעזאָגטער משיח און וועט, אַנשטאָט די „ממלכת כהנים" פאַרווירקלעכן דעם „באחרית הימים", די „מלכות שמים", גאָטס קעניגרייך" אויף אונדזער ערד. זיכער איז אָבער, אַז דער „רוח הנבואה" איז ווידער לעבעדיק געוואָרן אין דער צייט פונעם קאַמף אַנטקעגן די „העלעניסטן" און דער עיקר נאָך דעם טריאומף פון די חשמונאים. לעבעדיק געוואָרן איז ער אין דער סעקטע פון די איסיים. עס האָבן זיך ווידער געוויזן „נביאים", „וואָרזאָ־גער" — מענטשן, וואָס האָבן געהאָט די קראַפט צו היילן קראַנקע און באַווייזן וואונדער. פאַר דער מאָדערנער וויסנשאַפט זיינען אָט די אַלע וואונדער קיין וואונדער ניט. זיי ווערן אַרויסגעבראַכט ביי אַלע דאָקטוירים, וואָס ווענדן אָן פּסיכישע הייל־מעטאָדן. אָבער פאַר יענער צייט האָבן די „רופאים"

(די „איסיים") געמוזט אַליין גלייבן, אַז זייער ווירקונג שטאַמט פון אַ געט־לעכער קראַפט, וואָס ווירקט אין זיי.

ניט יעדער איסיי איז געווען אַזאַ רופא. אָבער יעדער רופא און נביא איז געווען אַן איסיי, האָט באַלאַנגט צו דעם עסייער־בונד. די איסיים האָבן געהאַט אַן אייגענע געהיימע ליטעראַטור, ספרים, אין וועלכע עס האָבן געמעגט שטודירן נאָר די אויסדערוויילטע פון דעם אָרדן, וואָס זיינען געווען ראוי אויפצונעמען די הייליקע סודות פון זייערע „סתרי תורה". דאָרטן זיינען מסתמא אויך געווען פאַרשריבן די מעטאָדן, ווי אַזוי צו דערהייבן די אייגענע נשמה ביז צום מצב פון דעם „רוח הנבואה".

דער פאַקט איז, אַז די איסיים פלעגן דורך געוויסע געזאַנגען און טענץ אַרויסרופן ביי דער גאַנצער עדה אַ צושטאַנד פון העכסטן עקסטאַז, פון אַ מין „עלית הנשמה", אין וועלכן זיי האָבן געזען, — ווי דאָס האָבן געטאָן אויך די ערשטע קריסטן, — אַן אַראָפּנידערן פון דעם „רוח הקודש" אויף דער גאַנצער געמיינדע.

די געזאַנגען און די טענץ צוליב געווינען דעם „רוח הקודש" פאַרבינדן די איסיים מיט די ערשטע „בני הנביאים" נאָך פון שמואל הנביאס צייטן. ס'קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז די איסיים זיינען די ווידערבאַלעבער און וויטער־פירער פון די אַלטע נביאימשע טראַדיציעס. שטימט דאָס אויך מיט זייער גאַנצן סאָציאַלן בניק, וואָס איז אויך נאָר אַ דורכפירונג און ווייטער־פירונג פון יענע סאָציאַל־עטישע פרינציפּן, פון יענעם שבת־אחים־אידעאַל פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכן די נביאים האָבן צוערשט אין דער מענטשלעכער געשיכטע אויסגעטראַגן אין זייער גייסט און פאַרקינדיקט פאַר דער מענטשהייט.

אָבער — פאַרוואָס זיינען די איסיים פאַרט געווען איינגעשלאָסן אין זיך? פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי ווייניק זיך געמישט אין דעם לעבן? פאַרוואָס זיינען זיי ניט אַרויס, ווי די גרויסע נביאים פון אַמאָל, מיט דער אָפּענער פּראָפּאַגאַנדע פון זייערע אידייען?

אָט די שאלה האָט מיך שטאַרק באַשעפטיקט, ביז איך האָב אויך אויף איר געפונען דעם ענטפער, ווידער אַ דאַנק דעם צונויפבונד, וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרן צווישן דער משיחימשער באַוועגונג פון ישו הנוצרי און די איסיים.

אָט די געשיכטע באַווייזט, אַז די איסיים זיינען געווען אָפּגעשלאָסן אין זיך נאָר ביז אַ צייט; אַז אַ טייל זייערער, אָדער אַ טייל, וואָס איז גע־שטאַנען אונטער זייער השפעה, איז טאַקע אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט זייערע לאָזונגען, האָפענונגען און דערוואַרטונגען.

69

די איסיים און די קריסטן אין צייט פון חורבן

אַז די איסיים קאָנען ניט צונויפגעמישט ווערן מיט די „נזירים" און די „טעראַפּעווטן"; אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַזונדער ריכטונג אין דעם עפנטלעכן געדאַנק פון יענער צייט, אַ דריטע פּאַרטיי, לעבן די צדוקים און די פּרושים, ווי יאָזעפוס באַטאָנט דאָס אַלעמאָל, ווען ער רעדט וועגן זיי באריכות, — דאָס איז שוין פעסט געשטאַנען ביי מיר דרויסן פון יעדן ספק.

ווייסט מען אָבער אויך זיכער, אַז די צדוקים זיינען געווען די פּאַרטיי פון די כהנים, פון די אַריסטאָקראַטן און די רעגירנדיקע שיכטן. קאָהאַן האָט פון זיין זייט באַוויזן בלי שום ספק, אַז די פּרושים האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך די פּאַרטיי פון די מיטלקלאַסן, פון דעם ניט־אַדעליקן פאָלק. עס איז געלעגן אויף דער האַנט די פראַגע: וועלכן געזעלשאַפטלעכן קלאַס רעפּרעזענטירן די איסיים? אָבער אויך דער ענטפער איז געלעגן קלאָר אויף דער האַנט. זייער גאַנצער פּראָגראַם איז געווען געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון אַרבעט. מיליטערישע און הענדלערישע פּראָפעסיעס האָבן זיי אָפּגעוואָרפן אַבסאָלוט. פון דער אַנדער זייט ווייסן מיר, אַז צו יענער צייט איז שוין פאָרגעקומען אַ שאַרפער פונאַנדערשייד צווישן רייכע און אָרעמע; אַז אַ דאַנק הללס „פּרוזבול", — דער וויכטיקסטער סאָציאַלער רעפאָרם פון דער פּרושימשער בורזשואַזיע, — האָבן מיר געהאַט געוואַלדיק גרויסע גרונט־באַזיצער (ווי, צ"ב, בן־עזאי) און פרייע פּראָלעטאַריער, וואָס פלעגן זיך פאַרדינגען אויך אויף ערד־אַרבעט, — צווישן זיי אויך אָנהענגער פון די פּרושים, — און אַז זייער געשריי פאַר דעם ניט־באַצאָלטן לוין האָט דערגרייכט די הימלען, ווי דאָס האָט שפּעטער כאַראַקטעריזירט דער אַפּאָסטאָל יעקב. עס איז דעריבער געווען פאַר מיר אַבסאָלוט קלאָר, אַז די איסיים האָבן, סיי לויט זייער פּראָגראַם, סיי לויט זייער צונויפשטעל, סיי לויט זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, פאָרגעשטעלט מיט זיך, אויב ניט די פּאַרטיי פון לוין־אַרבעטער, איז די ריכטונג, דעם לעבנס־באַנעם און די געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק. זייער קאָמוניזם איז, לפי דעם,

געוועז ניט נאָר אַ געבאָט פון רעליגיעז־עטישער פרומקייט: אַלע פּראָגראַמען האָבן דאָך דעמאָלט געטראָגן אַ רעליגיעז־עטישן כאַראַקטער. דער קאָמו־ניזם איז געוועזן דאָס ספּעציפישע וואָרט, די ספּעציפישע סאָציאַלע אידעאָלאָגיע פון דעם אַרבעטער־קלאַס, ריכטיקער, פון יענער אינטעליגענציע, — ווייל די איסיים האָבן דאָך געהערט צו די געבילדעטסטע גייסטער פון יענער צייט, וואָס האָבן באַשאַפן אַן אייגענע ליטעראַטור, — פון יענע הויך־שטייענדיקע גייסטער, וואָס האָבן געהאַט אין זינען די סאָציאַלע אינ־טערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס און אַ פּראָגראַם, וואָס האָט אין תוך פאַר־משפט צום פאַרשווינדן אַלע אַנדערע קלאַסן.

אַט דער אויספיר האָט מיך, וואָס האָט זיך אַליין צוגעציילט צו דער ריכטונג פון קאַרל מאַרקס, געקאָנט באַפרידיקן אינגאַנצן. עס איז אָבער געבליבן איין שאלה, וואָס האָט יוצא־דופנדיק אַרויסגעשטעקט פון אַט דער ריין־סאָציאַל־עקאָנאָמישער קאָנצעפּציע. וואָס טוען מיר מיט די אַזוי שאַרפע „ריינלעכקייטס־געזעצן" זייערע? אַט די געזעצן, וואָס האָבן באַשיינפּערלעך געטראָגן אַ ריין־רעליגיעזן כאַראַקטער, האָבן דאָך באמת אָפּגעשיידט די איסיים פון דעם גאַנצן אַרום און האָבן דאָך זיכער פאַרשווערט דעם וועג, צו גיין צו די גרויסע מאַסן און צו פריידיקן פאַר זיי זייער נייעם דרך אין אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַ חוץ אַלע אַנדערע מאָטיוון, וואָלט מיר שוין מיין דעמאָלטיקער „מאַרקסיזם" פאַרוועהרט צוצושרייבן דעם ריין־רעליגיעזן עלעמענט אַזאַ זעלבסטשטענדיקע און וויכטיקע ראָליע אין דער געדאַנקען־וועלט פון אַזאַ זעלבסטשטענדיק־דענקענדיקער און וויכטיקער ריכטונג, ווי די איסיימשע. פּונקט ווי ביי די קאָמוניסטישע סעקטעס אין דער קריסטלעכער וועלט, איז דער רעליגיעזער עלעמענט געוועזן אויך לאָגיש צונויפגעבונדן מיט דעם סאָ־ציאַלן און איז געשטאַנען אונטער זיין דירעקטער השפעה, אַזוי האָט דאָס געמוזט זיין אויך ביי די איסיים.

אָבער — וואָס פאַר אַ לאָגישע אָדער פּסיכאָלאָגישע שייכות קאָן געפונען ווערן צווישן די „ריינלעכקייטס־געזעצן", די איסיימשע דינים וועגן „טומאה" און „טהרה", און זייער קאָמוניסטישן אידעאַל?

איך האָב שוין געוואוסט, אַז ביי די פּרושים זיינען די דינים פון „טומאה" און „טהרה" געוועזן פאַרבונדן מיט די „נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די יידישע פּראָדוצענטן און אונטערנעמער, ווי הענדלער אויפן מאַרק. קאָן מען אין אַט דעם בורזשואַז־נאַציאָנאַלן אידעאַל זוכן דעם שליסל אויך צו דעם ריין־רעליגיעזן פּראָגראַם פון די אַנטי־בורזשואַזע איסיים? דאָס האָט זיך ניט געלייגט אויפן שכל. אין דעם מאַטעריאַל, וואָס איך האָב דורכגענומען

ווען זיי, האָב איך ניט געפונען קיין איין דירעקטן אָנווייז אויף אַזאַ מין צונויפבונד. דעם שליסל צו אָט דעם גאַנצן פּראָבלעם האָט מיר אָבער גע־געבן די אַגיטאַציע פון יוחנן המטביל.

אַלע היסטאָריקער באַטראַכטן יוחננען, ווי אַן אָנהענגער פון די איסיים. ער רופט אַלעמען תשובה צו טאָן און דורכמאַכן די טבילה־פּראָצעדורע, וואָס איז געווען אַ סימבאָל ניט נאָר פון דער נזירימשאַפט, נאָר אויך פון דער איסיימשאַפט. וואָס איז געווען דער תוך פון יוחננס אַגיטאַציע? טוט תשובה, האָט ער גערופן, „ווייל די מלכות שמים איז נאָענט!" די מלכות שמים דאָס איז דאָך דער משיח־אידעאַל פון דעם נביאימשן „באחרית הימים", יענער „שמיא מלכו די לעלמין", די „אייביקע קעניגרייך פון דעם הימל", וועלכן דניאל האָט שוין געזען אין זיינע חזיונות, אַז ער וועט אויף דער וועלט פאַר־נעמען דעם פּלאַץ פון אַלע אַנדערע מלכותן.

די באַוועגונג, וואָס ישו דער נוצרי האָט דערנאָך אַרויסגערופן, וואָס ווערט אויך פון אַלעמען באַטראַכט, ווי אַ רעזולטאַט פון דער איסיימשאַפט, האָט שוין געטראָגן אַ ריין־משיחישן כאַראַקטער: „ישו דער משיח", וואָס דאַרף פאַרווירקלעכן אויף אָט דער וועלט די אייביקע „מלכות שמים", — איז דער איינציקער אייגנטלעכער זין פון דעם דעמאָלטיקן יידישן „קריסטנ־טום".

„משיח" און „מלכות שמים" — אָט דאָ דאַרף געזוכט ווערן דער שליסל צו די איסיימשע ריינלעכקייטס־געזעצן! אין זייערע רעליגיעזע פּראַקטיקעס האָבן די איסיים באַשיינפּערלעך געזען אַ מיסטישן מיטל, ווי אַזוי אַראָפּ־צוברענגען אויף דער קהילה דעם „רוח הקודש" קודם ווי אַ „רוח הנבואה", ווייל זיי זיינען דאָך געווען די היטער און די טרעגער פון דעם יידישן נביאימ־טום. מיר האָבן זיכער אַ רעכט אָנצונעמען, אַז זיי האָבן געהאָפט אויך אויף יענעם „רוח הקודש", יענעם „רוח ד'", וואָס דאַרף „רוען", לויט ישעיהוס נבואה, אויף דעם אויסדערוויילטן פירער פון דעם יידישן פאָלק, וועמעס „גאַרטל" עס וועט זיין „גערעכטיקייט". דער דאָזיקער פירער וועט זיין אַ „פאָן פאַר אַלע פעלקער", און זיי „וועלן אים זוכן". אין זיין צייט וועט אויך אין דער נאַטור אָנהייבן הערשן דער אייביקער פרידן. קורץ: דער „געזאַלבטער פון גאָט", דער „משיח".

וועט שוין אויך ניט גיין קעגן דעם געשיכטלעכן אמת, ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז די איסיים האָבן דערוואַרט, אַז אָט דער „רוח ד'" זאָל זיך אַראָפּלאָזן אויף איינעם פון זיי (איך טראַכט איצטער ביים שרייבן די זיכרונות: צי זיינען ניט צווישן די איסיים געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר קינדער פון „ישיס גזע", פאַר אָפּשטאַמלינגען פון מלכות בית דוד? —

דעמאָלט האָב איך וועגן דעם ניט געטראַכט). אויב אָבער די איסיים האָבן דערוואַרט, אַז דער משיח זאָל אַרויסקומען פון זייער אייגענער קהילה, ווערט שוין דעמאָלט קלאָר די גאַנצע שטרענגקייט פון זייערע ריינלעכקייטס־געזעצן, ווייל נאָר דורך זיי האָט, לויט זייער מיסטישן גלויבן, געקאָנט באַשאַפן ווערן דער פאָרבאַדינג פאַר דעם אַראָפּנידערן פון דעם „רוח ד׳״, דעם הייליקן משיח־גייסט, אויף איינעם פון זיי. עס באַקומט אויך אַ זין יוחננס פאַרזיכערונג, אַז ער איז נאָר אַ פאָרלויפער, אַז נאָך אים וועט באַלד קומען דער, וואָס וועט אַלעמען טובלען ניט מיט וואַסער, נאָר מיטן „רוח הקודש״.

אין דעם ליכט פון אָט דעם איינבליק, האָב איך נאָכאַמאָל דורכגעקוקט די וויכטיקסטע פּרטים פון דעם איסיימישן לעבנס־פּיר און — זע! זיי אַלע האָבן זיך דעמאָלט אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם פון דעם איסיימשן פּראָגראַם. יעדער פּרט זייערער האָט באַקומען אַ גאַנצן קלאָרן, לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעכן זין. און דער תּוך פון דעם פּראָגראַם איז געווען ניט נאָר דער סאָציאַלער משיחיזם, נאָר אויך דער נאַציאָנאַלער, ווי דער ענד־ציל פון זייערע באַשטרעבונגען; בעת די אייגנטימלעך מיסטיש־רעליגיעזע פּראַקטיקע איז געווען נאָר אַ פּאָרגרייטונגס־סיטואַציע ביז צו משיחס דערשיינונג. אָבער גראָד די פּאָרגרייטונגס־סיטואַציע האָט געמוזט האַלטן דעם גאַנצן אָרדן הינטער אַ מחיצה, וואָס האָט פאַרשווערט זייער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מאַסן.

דערפאַר, ווען יוחנן האָט דורך דער „טבילה״ אַריינגענומען ישון אין דעם אָרדן און ישו האָט זיך גענומען פירן, ווי דער „משיח״, האָט ער געקאָנט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם גאַנצן עול פון אַלע פאָרשריפטן פאַר דער צוגריי־טונגס־סטאַדיע, ווי אויך פון די באַזונדערע ריינלעכקייטס־געזעצן, און אָנהייבן אַרבעטן צווישן דעם פאָלק.

אויך „ישו דער נוצרי, דער מלך היהודים״, ווי די רוימער האָבן דער־נאָך סאַרקאַסטיש אויפגעשריבן אויף זיין תּליה, איז סיי אין זיין פּראָפּאַ־גאַנדע, סיי אין זיין לעבנס־פּיר תּמיד געבליבן טריי דעם טאָפּלטן באַפריי־אונגס־אידעאַל פון די איסיים, דעם אַלמענטשלעך־סאָציאַלן און דעם נאַציאָ־נאַל־יידישן.

דער איסיימשער משיחיזם איז געווען געבויט אויף אַ מאָנאַרכיסטישן רעליגיעז־מיסטישן יסוד, אויף אַ גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכן וואונדער און אין אַן איבערנאַטירלעכן מלך. עס איז אָבער אין יענער צייט שוין געווען אַן אַנדער ריין־נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־אידעאַל, וואָס האָט ניט געוואָרט אויף ניסים און אויך גאָרניט געוואָלט וויסן פון אַ מענטשלעכן אויבער־האַר. די טרעגער פון דעם אידעאַל זיינען געווען די „זעלאָטן״, די „קנאים״, מיט

זייער לאָזונג: „עבדים אתם לד׳, אבל לא עבדים לעבדים״. „קנעכט זייט איר ביי גאָט, אָבער ניט קיין קנעכט ביי קנעכט״.

מיט דעם אויפקום פון ישוס משיח־באַוועגונג האָבן אָט די שאַרפע גרענעצן צווישן די „איסיים״ און „קנאים״ זיך גענומען אָפּמעקן. יענע קנאים, וואָס האָבן גענומען גלייבן אין דעם באַשיינפּערלעכן „נס״ פון ישוס קומען, זיינען צוגעשטאַנען צו אים און איינער פון זיי, „שמעון הקנאי״, איז אויך געווען איינער פון ישוס אַפּאָסטאָלן („שלוחים״).

פון דער אַנדער זייט זעען מיר, אַז ווען די „זעלאָטן״ האָבן אַרויפגעצוואונגען אויפן פאָלק דעם קריג אַנטקעגן רוים, האָבן אין דער יידישער אַרמיי, אונטער יאָזעפוסעס אָנפיר, געקעמפט, ווי סאָלדאַטן, אַ סך איסיים און איינער פון זיי איז געווען ביי אים אַ גענעראַל.

אָהערצו געהערט אויך דער פאַקט, וואָס אין דער זעלביקער צייט, ווען עס איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין ירושלים און די פירערשאַפט איז איינגאַנצן אַריבער אין די הענט פון די זעלאָטן, האָט זייער עקס־לינקער פליגל, די טעראָריסטישע „סיקאַריער״ („סיקריקן״), אָנגענומען דעם קאָמוניסטישן פּראָגראַם פון די איסיים און האָבן פאַרברענט אַלע אייגנטומס־דאָקומענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער הויפּט־שטאָט.

מיט דעם צונויפברוך פון ישוס משיחימשער באַוועגונג און פון דעם אויפשטאַנד אַנטקעגן רוים איז פאָרגעקומען דער ערשטער פונאַנדערשייד צווישן דעם יידישן פאָלק און די „קריסטן״, ד״ה, די „משיחיים״ פון ישוס אָנהענגער. זיי האָבן געוואָרט אויף ישוס באַלדיקן צווייטן אַראָפּקום. דאָס פאָלק האָט געהאָפט צו באַפרייען זיך מיט די אייגענע כוחות, אָדער געוואָרט אויף אַן אַנדער משיח, אָבער שוין ניט קיין איבערנאַטירלעכן. אַזאַ משיח איז טאַקע שפּעטער אויפגעשטאַנען אין דער פּערזאָן פון „בר־כוכבא״. און ווען, אין דער צייט פון אָט דעם צווייטן אויפשטאַנד, האָבן די „משיחיים״ ניט נאָר ניט געוואָלט קעמפן אינאיינעם מיט דעם פאָלק, נאָר האָבן אים געשטערט אין זיין קאַמף, איז שוין אויסגעגראָבן געוואָרן אַ טיפער תהום צווישן די „משיחיים״ (די קריסטן) און די יידן. קיין אַנדערע פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות זיינען צווישן אָט די ביידע ריכטונגען ניט געווען. די טעאָלאָגישע און רעליגיעזע געדאַנקען ווי אויך דער לעבנס־פיר פון די „משיחיים״ זיינען געווען ריין־יידישע, ווי מען האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט פאַר אַ משיחס צייט. אויך דעם אַפּאָסטל פּאולס ריכטונג, וואָס האָט באַפרייט דאָס קריסטנטום פון דעם יידישן רעליגיעזן געזעץ איז, ווי גרעץ באַווייזט דאָס, ניט אַרויסגעפאַלן פון יענער יידישקייט, וואָס האָט געגלייבט, אַז „לעתיד לבוא עתידין

מצוות להבטל״. („אין דער צוקונפט״, ד״ה, אין משיחס צייטן, „וועלן אַלע מצוות בטל ווערן״).

ניט צוליב „טעאָלאָגיע״ און „רעליגיע״ איז מען זיך דעמאָלט פונאַנדער־געגאַנגען, נאָר צוליב דעם אויסטייטש און באַדייט פון אַ היסטאָרישן פאַקט. די פראַגן זיינען געווען: איז ישו געווען דער משיח און זאָל מען וואַרטן אויף זיין ווידערקום? אָדער זאָל מען מיט די אייגענע כוחות קעמפן פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג? — אָט דאָס האָט געפירט צו דער היסטאָרישער טראַגעדיע פון דער שפּאַלטונג און ניט קיין אַנדער זאַך.

איך האָב מיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט דאָ אויף דעם ענין „איסיים, קנאים און קריסטן״, ווייל דאָס קאַפּיטל וועגן זיי און דעם גאַנצן יידיש־קריסטלעכן קאָנפליקט איז, מחמת די רוסישע צענזור־באַדינגונגען, ניט אַריין אין דער שפּעטער פאַרעפנטלעכטער שריפט. די אַנדערע רעזולטאַטן פון מיין דעמאָלטיקן פאָרשן אין דער יידישער געשיכטע וועל איך שוין קאָנען איבערגעבן בקיצור, אין די וויכטיקסטע הויפּט־שטריכן.

70

דער גלויבן אין משיחן און די נאַטור־געזעצן

די אַרבעט אויף די איסיים, קנאים און די ערשטע יידן־קריסטן האָט אין מיר פאַרשטאַרקט די איבערצייגונג, אַז די דעמאָלטיקע געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק קאָן ניט דערקלערט ווערן נאָר מיט דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן עלעמענט פון דעם אינעווייניקסטן קלאַסן־קאַמף. עס מוז צו איר דערקלערונג באַנוצט ווערן, ווי אַ זעלבסטשטענדיקער ליכט־קוואַל, דער נאַציאָנאַלער עלעמענט: דער קאַמף פון דעם פאָלק פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט, פרייהייט און דערהאַלטונג. פאַר מיר, דעם „נאַציאָנאַל־יידישן מאַרקסיסט", ווי איך וואָלט מיך דעמאָלט געקאָנט רופן, איז דאָס ניט געווען קיין איבעראַשנדיקער אויספיר. אָט דער טאָפּלטער (אָדער אויב איר ווילט, צוויי־איין־קער) ליכט־קוואַל איז דאָך שוין דעמאָלט געווען די זון, וואָס האָט באַלויכטן מיין פּראַקטישן וועג פון אַ יידישן סאָציאַליסט. אויב די ריין־אָביעקטיווע, ריין־טעאָרעטישע פאָרשונג האָט, אָן אַ באַוואוסטזיניקער פּניה פון מיין זייט, געפירט צו דער באַרעכטיקונג פון יענעם ליכט־קוואַל אויך אין דער פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע, דאַרף דאָס מיר אוודאי זיין ליב און ניחא.

דאָס יידישע פאָלק האָט אונטער דער ממשלה פון רוים האַרטנעקיק געקעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ און אומאָפּהענגיקייט. וואָס האָט אים געטריבן צו דעם דאָזיקן קאַמף? אויף ריין־עקאָנאָמישע אורזאַכן פאַר יענעם קאַמף האָב איך מיך ניט אָנגעשטויסן אין דעם דעמאָלטיקן מאַטעריאַל. דער קאַמף איז אַרויסגעפלאָסן פון אַ ריין־נאַציאָנאַלן מקור. עס איז מיר אָבער דעמאָלט געווען שווער אַ טראַכט צו טאָן, אַז דער פּשוטער ווילן צו אַ נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ קאָן טרייבן אַ פאָלק צו אַזאַ מאַיומדיקן, דורות־לאַנג אָנהאַלטנדיקן קאַמף. דערצו איז קלאָר געשטאַנען פאַר די אויגן דער ביישפּיל פון די פילע אַנדערע פעלקער אין יענער צייט, וואָס האָבן זיך לפי ערך גרינג אונטערגעוואָרפן אונטער רוימס איבערהאַרשאַפט און זייער גייסטיק דערטרונקען געוואָרן אין דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע. דער יידישער „אַפּנייג" פון דעם אַלגעמיינעם כלל האָט אויך ניט געקאָנט

דערקלערט ווערן דורך אַן אומקריטישן, פאַנאַטישן איינגעגלייבט־זיין אין דער אייגענער „אויסדערווײלטקייט" אָדער דורך דער אַבסאָלוטער אומבאַ־קאַנטשאַפט מיט דער ניט־יידישער וועלט. אַ שאַרף קריטישע שטעלונג צו דעם אייגענעם לעבן און מהות טרעט אונדז אַנטקעגן כמעט אין יעדן קאַפיטל פון די נביאים און פון די היסטאָרישע שריפטן. פאַר אַט דעם יידישן „אָפּנייג", וואָס האָט זיכער געשטאַמט פון זיין „אתה־בחרתנו"־גלויבן האָט געמוזט געזוכט ווערן אַ גאַנץ אַנדער דערקלערונג: טאַקע אַ נאַציאָנאַלע, אָבער אַזאַ, וואָס וואַקסט אַרויס ניט פון דער אומבאַקאַנטשאַפט מיט דער פרעמד, — ווייל די גריכיש־רוימישע ציוויליזאַציע איז געווען גראָד זייער גוט באַקאַנט און פאַרשפרייט צווישן דער יידישער אינטעליגענציע (די גרי־כיש־יידישע ליטעראַטור !).

דער יידישער „אתה־בחרתנו"־געדאַנק האָט זיך געמוזט איינשטעלן, אַ דאַנק אַ קלאָרן איינזען פון דער אייגענער פאַרשיידנקייט און אַ הויכן אָפּ־שאַצן איר באַדייט פון אַ ריין אַלגעמיין־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. אַט דער ריין מענטשלעכער קריטעריום האָט ניט געקאָנט געזוכט ווערן ערגעץ וואו אַנדערש, ווי נאָר אין דער סאָציאַלער עטיק און דעם סאָציאַלן צוקונפטס־אידעאַל, ווי ער איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דער „תורת משה" און פון די נביאים און איז דערנאָך ווייטער אַנטוויקלט געוואָרן פון דעם ריין־נביאימשן געדאַנקען־שטראָם ביי די איסיים און די ערשטע יידישע קריסטן.

אָבער וואָס איז מיט דער צדוקימשער וועלט פון דער ריינער „תורת־משה" און דער פרושימשער געדאַנקען־וועלט פון די בית־הלל און בית־שמאי ? קאָנען אויך אָט די וועלטן ניט נאָר אויסהאַלטן דעם פאַרגלייך מיט דער גריכיש־רוימישער וועלט, נאָר שטיין קלאָר העכער איבער איר פון אַ ריין־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט ? קיין גענויע באַקאַנטשאַפט מיט דער גרי־כיש־רוימישער ציוויליזאַציע, איר מאָראַלישן און סאָציאַל־עטישן איינשטעל, ווי אויך מיט אירע לעבנס־אידעאַלן האָב איך דעמאָלט ניט געהאַט ; און אַריינצולאָזן זיך אין אַ נייער היסטאָרישער פאָרשונג וועגן דעם ענין, האָט, לויט די ספּעציפישע צילן פון מיינע היסטאָרישע שטודיען, ניט געקאָנט זיין קיין רייד. אַרויסגעהאָלפן האָט מיר דאָ אַ דיק בוך, די מערקווירדיקע שריפט „היידנטום און יידנטום" פון דעללינגערן, וואָס פירט דורך בפרטיות אַ פּאַראַלעל צווישן דעם יידישן און גריכיש־רוימישן לעבנס־איינשטעל.

יאָ, בלי שום ספק: פון אַ ריין־מענטשלעכן, מאָראַלישן און סאָציאַל־עטישן שטאַנדפּונקט איז דאָס יידנטום אין אַלע זיינע דריי ריכטונגען גע־שטאַנען טורעם־הויך איבער דער דעמאָלטיקער גריכיש־רוימישער וועלט. דאָס יידישע פאָלק האָט דעריבער געהאַט אַ ריין־מענטשלעך רעכט ניט צו

וועלן פאַרשווינדן אין איר, זיך צו דערהאַלטן, ווי אַ באַזונדער פאָלק, ניט ווייל מען איז פשוט אַ באַזונדער פאָלק, נאָר ווייל מען האָט דעם קלאָרן באַוואוסטזיין, אַז מען איז דער טרעגער פון אַ גרויסן צוקונפטס־אידעאַל פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אַ פאַראייניקטער אין איין גרויסער משפחה פון די פאַרברידערטע פעלקער.

ווען די יידישע אומאָפּהענגיקייט איז אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן מיט דעם חורבן בית־שני; ווען דער נוצרימשער משיחיזם האָט גענומען וואַרטן אויף דעם באַלדיקן ווידערקום ישוס, אין וועלכן די יידן האָבן שוין ניט געקאָנט גלייבן, ווי אין דעם אמתן „גואל ומושיע"; ווען די נייע קריסטלעכע קירך האָט, אַ דאַנק אָט דעם פאַסיוון גלויבן אירן, גענומען זיך אַלץ מער און מער צופּאַסן צו דער „געצנדינערישער" געדאַנקען־וועלט און ווערן אַלץ מער אָנגעזאַפּט מיט אירע עלעמענטן, — האָט די יידישע וועלט געמוזט אַרויסבערענגען פון זיך אַן אַנדער גייסטיק מיטל, ווי אַזוי זיך צו דערהאַלטן אין אַ פעסט־אַרומגעשלאָסענער נאַציאָנאַלער ספערע, ביז עס וועט קומען דער אמתער משיח פאַר דעם יידישן פאָלק, דער מענטשהייט און דעם גאַנצן וועלטלעכן באַשאַף. אָט דער מיטל איז באַשטאַנען אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און אויסאַרבעטונג פון דער פּרושימשער געזעצגעבונג, וואָס איר שטענדיקער אָנוואַקסן דורך די תנאים, אמוראים, גאונים און רבנים, פלעגט פאָרקומען גראָד אין יענע צייטן, ווען די יידישע עקזיסטענץ איז געוועזן מער אָדער ווייניקער געזיכערט, ווי איך האָב דאָס אויסגעפונען גלייך ביים ערשטן „שווים" אין דעם ים פון דער יידישער געשיכטע.

יעדער איינצל־ייד איז אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ שטאָלענער נעץ פון נייע דינים און מנהגים, וואָס האָבן אים אָפּגעשיידט פון דער אַרומיקער וועלט. צו טראָגן אָט די נעץ אויף זיך און ניט לאָזן דורכרייסן אירע דראָטן איז געווען אַ שווערער ענין, און די גרויסע מאַסע פון דעם פאָלק, די „עם־הארצים", האָבן לכתחילה ניט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן אונטער אַזאַ שווערן עול. די היסטאָרישע נויט האָט זיי אָבער אַלעמען אַרויפגעטריבן אויף דעם זעלביקן וועג. זע די כאַראַקטעריסטישע ביאָגראַפיע ר' עקיבאס, וואָס איז פון אַ העפטיק־פּראָטעסטירנדיקן עם־הארץ געוואָרן אַ גלענצנדיקער ווייטער־שפינער פון דער תלמודישער נעץ.

דער אינעווייניקסטער זין פון אָט דער היסטאָרישער נויט איז לפי דעם געווען אַזאַ: דער איינצל־ייד, אפילו ווען אַ פריי און זעלבסטשטענדיק דענ־קענדיקער, נעמט אויף זיך פריווויליק דעם עול פון דעם שווערן לעבן אין דער תלמודיש־רבנימשער יידישקייט, ווייל אין תוך איז דאָס נאָר אַ צייט־ווייליקער עול, וואָס ווערט געטראָגן נאָר ביז משיח וועט קומען און די „מלכות

שמים״ וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן אויף דער וועלט, אין וועלכער צייט „אַלע מצוות וועלן בטל ווערן״.

דער משיח־גלויבן איז דעריבער די אמתע טיפֿסטע נשמה פֿון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן און האָפֿן. דאָס האָט מיך געפֿירט צו דער נויט־ווענדיקייט זיך אָביסל מער אָפּצושטעלן אויף דער אויספֿאָרשונג פֿון די יידישע משיח־באַוועגונגען זינט דעם חורבן בית־שני. אויף וויפֿיל מיר איז באַקאַנט, איז דאָס געווען דער ערשטער פּרואוו מאָנאָגראַפֿיש אויסצופֿאָרשן דעם ענין אין דעם ליכט פֿון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן קאַמף פֿאַר זיין עקזיס־טענץ. די פּאַרטיפּטערע אַרבעטן פֿון אַ ד״ר קלויזנער וועגן אַט דעם ענין זיינען אַרויס אַ סך שפּעטער, איידער מיין ערשטע שריפֿט, און די פֿריער־דיקע היסטאָריקער האָבן געקוקט אויף די משיח־באַוועגונגען ניט ווי אויף דעם אינעווייניקסטן שיין, וואָס באַלייכט אונדזער גאַנצע געשיכטלעכע אַנט־וויקלונג, נאָר ווי אויף זייטיקע, אומוויכטיקע אָפּאירונגען און פֿאַר־וואָגלונגען פֿון דעם יידישן היסטאָרישן וועג.

דער סך־הכל פֿון אַט דער מאָנאָגראַפֿישער פֿאָרשונג מיינער איז געווען אַזאַ: כל־זמן עס זיינען נאָר געווען מעגלעכקייטן פֿאַר דעם פֿאָלק, אויפֿצו־הייבן אַ פּיזישן קאַמף פֿאַר זיין נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג, איז אין דער יידי־שער געדאַנקען־וועלט נאָר געווען פּלאַץ פֿאַר אַ גלויבן אין אַ ריין־נאַטיר־לעכן באַפֿרייער, וואָס האָט אויף אַ רעאַלן וועג פֿון קאַמף געוואָלט דורכפֿירן די גאולה. אָבער וואָס מער די יידישע כוחות האָבן זיך אויסגעברויזט, אָן אַ שום דערפֿאָלג אין אַזעלכע קאַמפֿן, אַלץ מער האָט געמומען די אויבערהאַנט דער גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכן משיח, וואָס פֿירט דורך די גאולה אויף דעם ריין־איבערנאַטירלעכן וועג פֿון ניסים און וואונדער. דער גלויבן אין וואונדער, וואָס האָט זיך היסטאָריש צונויפֿגעבונדן מיט דעם משיח־גלויבן, האָט געמוזט לפֿי דעם ווערן די צענטראַל־אַקס פֿון דעם יידישן רעליגיעזן גלויבן בכלל.

פֿאַרשט מען דורך די געשיכטע פֿון אַט די משיח־באַוועגונגען געפֿינען מיר טאַקע, ערשטנס, אַז זיי ווערן כמעט אַלע געטראָגן פֿון אַ גלויבן אין וואונדער, און צווייטנס, אַז די וויכטיקערע פֿון זיי, וואָס פֿאַרכאַפּן גרעסערע מאַסן פֿאַר אַ לענגערער צייט, וואַרפֿן פֿון זיך אַראָפּ דעם עול פֿון דער תלמודיש־רבנימשער געזעצגעבונג, — ווי דאָס איז געשען אין די באַוועגונגען פֿון שבתי צבי און יעקב פֿראַנק. דער שטרענגער שולחן־ערוך־ייד ווערט מגולגל אין אַ „פֿורק-עול״. דאָס שטימט דורכאויס מיט דעם אינעווייניקסטן געשיכטלעכן זין פֿון דער גאַנצער שולחן־ערוך־יידישקייט. די אַריינגעטראָטענע פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם ענדציל באַפֿרייט פֿון די שווערע מיטלען, וואָס מען

האָט אָנגעווענדט, כדי זיך צו דערוואַרטן אויף אים. דערנאָך, ווען עס קומט די אויסניכטערונג פון דער אָפּגעגאַרטער האָפענונג, איז אָדער מען פאַרלאָזט, אינגאַנצן פאַריאושט, דעם יידישן גלויבן, אָדער מען קערט זיך אום צוריק צו דעם „שולחן־ערוך". דעמאָלט מאַכט מען נאָך געדיכטער די דראָטן פון דער שטאָלענער נעץ און מען ציט זי נאָך פעסטער איין אַרום זיך.

אויב אָבער דער גאַנצער גורל פון דעם פאָלק ווערט אַזוי ענג צונויפגעשמידט מיט דעם גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכער גאולה, מוז דאָס אַרויפלייגן אויך אַ צוואַנג אויף דעם יידישן געדאַנק, אַז ער זאָל זיך האַלטן אין געוויסע גרענעצן און ניט אַריבערשפּרייזן דעם „גדר". די גרעסטע סכנה פאַר אים לויערט מצד יענע פרייע פילאָסאָפישע דענק־ריכטונגען, וואָס לייקענען די מעגלעכקייט פון וואונדער, — דער עיקר, יענע ריכטונגען, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט די נאַטור־וויסנשאַפטן און לייגן פיל וואָג אויף די נאַטור־געזעצן. עס פרעגט זיך דעריבער, ווי האָט דער יידישער געדאַנק געפירט זיין חשבון מיט יענע ריכטונגען? ווי האָט ער זיי אויפגענומען און וואָס פאַר אַ ווירקונג האָבן זיי געהאַט אויף אים?

כדי צו פאַרענטפערן אָט די פראַגע האָט זיך געפאָדערט אַ בעסערע באַקאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע. אויב עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע, וואָס בלייבט אין די גרענעצן פון דער שולחן־ערוך־יידישקייט און פאַרטיידיקט זיי, קאָן דאָס דורכפירן אויך מיט אַ געדאַנקען־גאַנג, וואָס שליסט אויס דעם גלויבן אין וואונדער און אין אַן איבערנאַטירלעכן משיח, וואָלט דאָס דעמאָלט אפשר ניט אינגאַנצן דורכגעריסן די פריער געוואונענע רעזולטאַטן, אָבער עס וואָלט זיכער אַריינגעטראָגן אַ ריס אין זיי, וואָס וואָלט פאַרלאַנגט אַ קאָמפּליצירטערע דערקלערונג פון דעם יידישן געשיכטלעכן גורל.

מיט די אָריגינעלע ווערק פון די יידישע דענקער בין איך ניט געווען באַקאַנט. נעמען זיך פאַר שטודירן זיי, איז געווען אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן, סיי ווייל דאָס וואָלט מיך פאַרפירט צו ווייט, סיי ווייל מיר האָט דעמאָלט בכלל געפעלט אַ די נייטיקע פילאָסאָפישע פאַרבילדונג, אַ דער חשק צו פאַרנעמען זיך מיט טעאָלאָגישע און מעטאַפיזישע פּראָבלעמען. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געקאָנט טאָן איז — דורכנעמען יענע שטעלן ביי די יידישע היסטאָריקער (גרעטץ, יאָסט און גייגער), וואָס ריידן וועגן די יידישע פילאָסאָפן, זייערע ווערק, זייער געדאַנקען־גאַנג און די רעזולטאַטן פון זייער דענקען.

אָבער שוין דאָס אַליין איז באמת געווען גענוג, כדי אויפצוכאַפּן די גרונט־שטריכן פון דער אַנטוויקלונג און יענע אידייאישע מאָטיוון, וואָס האָבן זי געטריבן אין דער אָדער יענער ריכטונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע איז טאַקע געווען באַשטרעבט אָפּצואווענדן די געפאַר, וואָס האָט געלויערט אויף דער יידישער עקזיסטענץ מצד דעם פרייען געדאַנק און דעם גלויבן אין אומאָפּענדערלעכע נאַטור־געזעצן.

71

אַ פילאָסאָפישער קוק אויף דער יידישער געשיכטע

אויב דער גאַנצער זין פון דעם יידישן, אַזוי־אָפּגעזונדערטן לעבן, איז דער גלויבן אין משיחן; אויב דער דאָזיקער גלויבן האָט זיך, אַ דאַנק רייך־היסטאָרישע אומשטענדן, געקאָנט האַלטן נאָר אויף דעם גלויבן אין איבער־נאַטירלעכע וואונדער, האָב איך געהאַט אַ רעכט צו דערוואַרטן, אַז גראָד אין דער געשיכטע פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק ביים רעליגיעזן יידנטום וועט זיך געפינען דער אַנטשיידנדיקער באַווייז פאַר אָט דער זאַכלאַגע.

די קלאָרסטע און שאַרפסטע פאָרמולירונג פון אָט דעם געדאַנק האָב איך ערשט אַ סך שפּעטער געפונען ביי דעם באמת גרויסן נאַציאָנאַל־יידישן דענקער און פּאָעט, יהודה הלוי. אין „ספר הכוזרי" שרייבט ער: „אין אנו כמעלת המות, אלא כמעלת החולה הנשחף, אשר נתיאשו ממנו כל הרופאים והוא מצפה את תשועתו מצד המופת ושינוי המנהג" (מיר זיינען ניט אין דער לאַגע פון אַ געשטאָרבענעם, נאָר אין דער לאַגע פון אַ פיבערדיקן קראַנקן, פון וועמען עס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַלע דאָקטוירים, און ער דערוואַרט זיין הילף פון אַ וואונדער, פון אַן אָפּענדערונג אין די נאַטור־געזעצן).

דאָס איז פּינקטלעך וואָרט פאַר וואָרט, ווי פאַר מיר האָט זיך אָפּגע־קלערט די לאַגע פונעם יידישן פאָלק אין דער גאַנצער גלות־צייט ביז צו דעם טריאומף פונעם פרייען געדאַנק אין דעם סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט. נאָר ניט קענענדיק הלויס גלענצנדיקע פאָרמולירונג, האָב איך געשפּירט, אַז דער שליסל צו דעם יידישן פילאָסאָפישן געדאַנק און צו די גייסטיקע קאַמפן, וואָס האָבן געבראויזט אין אים, דאַרף געזוכט ווערן אין זיין שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון נאַטור־געזעצן און וואונדער. אויף אָט די פּראָבלע־מען האָב איך קאָנצענטרירט מיין גאַנצן אויפמערק, שטודירנדיק, לײדער, נאָר יענעם מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געפונען ביי די יידישע היסטאָריקער. אָבער אויך פון יענעם, ווי איך ווייס איצטער, זייער אויבערפלעכלעכן מאַטע־ריאַל האָט קלאָר געלויכטן דער אינעווייניקסטער נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישער קאָנפליקט, וואָס האָט געהערשט צווישן די אינטערעסן פון דעם יידישן יחיד,

וואָס האָט, ווי יעדער מענטש, געשטרעבט צו פרייהייט און גליק, און די אינטערעסן פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס האָט פון דעם יחיד געפאָדערט אַן אומגעהייער שטאַרקע זעלבסט־דיסציפלין, צו גיין תמיד איינגעשפּאַנט אין דעם שולחן־ערוך וואָגן, צו טראָגן און אויסצושטיין אַלע פאַרפאָלגונגען, צו גיין אויף מסירת־נפש פאַר דעם יידישן גלויבן, דער עיקר, כדי צו דערהאַלטן זיך, ווי אַ פאָלק, ביז משיח וועט קומען.

עס איז געוואָרן פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די באַנקראָטן פון די משיח־באַוועגונגען פלעגן פירן צו מאַסן־שמד; פאַרוואָס דער אַבסאָלוט־פרייער געדאַנק האָט ניט געקאָנט האָבן קיין פּלאַץ אין דער יידישער גייסטיקער וועלט; פאַרוואָס די יידישע ראַציאָנאַלע רעליגיעזע פילאָסאָפיע, וואָס האָט געשטרעבט ווי עס איז צו פאַראייניקן דעם „שולחן־ערוך" און דעם „וואונדער־גלויבן" מיט דעם פרייען פילאָסאָפישן פאָרשן, האָט געמוזט אָפּטרעטן איר פּלאַץ פאַר דער מיסטישער קבלה — יענעם וואַרעמען געדאַנקען־נעסט, אין וועלכן עס פלעגן אויסגעבריט ווערן אַלץ נייע און נייע האָפענונגען אויף משיחן און אַלץ נייע אַרגומענטן פאַר דעם גלויבן אין וואונדער; פאַרוואָס אַ טייל פרייע גייסטער פלעגן אַריבער אין שמד און פאַרוואָס די אַקאָסטאַס און די ספּינאָזאַס פון דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט האָבן געמוזט אַריינגעוואָרפן ווערן אין חרם, אַרויסגעשטויסן ווערן פון דעם יידישן פאָלק: דייער פרייען געדאַנק האָט מען שוין ניט געקאָנט מטושטש מאַכן מיט די רעליגיעז־פילאָסאָפישע פשטלעך, אָדער פאַרשיכורן מיט דער קאַבאַליסטישער מיסטיק.

די גאַנצע גלות־געשיכטע ביז צום סוף פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט רוט אויף אַ „היסטאָרישער אידייען־פאַרבינדונג" (איך האָב נאָך דעמאָלט אָט דעם אויסדרוק ניט געהאַט), אַז די יידישע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ איז מעגלעך נאָר אין דער ספערע פון אַ רעליגיעזן וואונדער־גלויבן און אַז מיט דעם פאַלן פון יענעם גלויבן, מוזן אויך אָפּגעלייקנט ווערן די יידישע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און אַלע האָפענונגען אויף דער באַפרייאונג פון דעם יידישן פאָלק, ווי אַ פאָלק.

אָט דער פאַל, דער באַנקראָט פון דעם וואונדער־גלויבן, טרעט טאַקע אַריין ביי דער יידישער מערב־אייראָפּייאישער אינטעליגענציע אין דעם סוף פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט און עס ווערט תיכף געבאָרן אַ נייע עפּאָכע אין דעם יידישן לעבן — די עפּאָכע פון דער אַסימילאַציע, אין וועלכער מען זאָגט זיך אָפּ פון דער יידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, כדי דער יידישער יחיד זאָל זיך קאָנען פריי אויסלעבן אין דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער וועלט.

פאַר די גרויסע מאַסן הערשט אָבער נאָר די ערשטע העלפט פון דער היסטאָרישער אידייען־פאַרבינדונג: דער גלויבן אין דעם נאַציאָנאַלן ווי־דער־אויפלעב, אין משיחן און אין וואונדער. די אַלטע רעליגיעזע יידישקייט האָט אַזוי אַרום געפונען איר היסטאָרישע באַרעכטיקונג פאַר דעם גאַנצן עבר פון אונדזער געשיכטע, פאַרלירנדיק דערביי איר באַרעכטיקונג פאַר אונדזער צייט.

ווי שטאַרק אָבער עס איז די מאַכט פון אָט דער היסטאָרישער אידייען־פאַרבינדונג אויך אין אונדזער צייט, האָב איך געזען אין דעם פאַקט, וואָס די פריידענקענדיקע יידישע אינטעליגענציע אין רוסלאַנד וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון דער אַסימילאַציע, בעת די נאַציאָנאַל־געשטימטע „פּאַלעס־טינאָפּילן״ (חובבי־ציון) פאַלן אונטער אַלץ מער און מער אונטער דער ווירקונג פון דער רעאַקציאָנערער פרום־יידישער וועלט.

וואָס איז אָבער געווען די טרייבנדיקע קראַפט, וואָס האָט אונדז אַרויס־געפירט אויף דעם וועג פון קאַמף פאַר דער אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיס־טענץ? לאָמיר זיך דערמאָנען די פריערדיקע רעזולטאַטן פון מיין פאָרשונג. דאָס איז געווען ניט נאָר דער פשוטער ווילן צו אַ נאַציאָנאַלן זיין גלאַט אין דער וועלט אריין. דאָס איז געווען אַ באַוואוסטזיין, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט די מיסיע צו פאַרווירקלעכן די סאָציאַל־עטישע אידעאַלן פון די נביאים. צוליב אָט די אידעאַלן האָבן די פירנדיקע גייסטער פון דעם פאָלק אויס־געפלאָכטן די שטאָלענע נעץ פון די דינים און מנהגים, לויט דעם „שולחן־ערוך״. איז — וואו האַלט דאָס איצט מיט דעם באַוואוסטזיין פון יענע אידעאַלן?

עס מוז קאָנסטאַטירט ווערן, אַז זיי זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דעם יידישן עפנטלעכן באַוואוסטזיין. דאָס פאָלק, וואָס האָט די נביאימשע בליקן אַנטוויקלט אין די אָרבעטאָרישע אידעאַלן פון די איסיים, איז, אַ דאַנק די עקאָנאָמישע אומשטענדן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַראַזיטיש לעבנ־דיקן האַנדלס־פאָלק, און דער „שולחן־ערוך״ איז פון אַ מיטל צו אַ צוועק פאַרוואַנדלט געוואָרן, לויט אַ באַקאַנטן פּסיכאָלאָגישן געזעץ, אין אַ זעלבסט־שטענדיקן ציל.

איז—וואָס זאָל איצטער זיין? איצטער מוזן מיר איינזען די איינזייטיקייט און פאַלשקייט פוןביידע היפּוכים: סיי פון דעם פרום־רעליגיעזן פּעריאָד, סיי פון דעם אַסימילאַטאָריש־פּראָגרעסיוון. דער פאַקט איז, אַז מיר האָבן זיך דערהאַלטן ווי אַ פאָלק. אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק איז אַ ניט־אָפּצו־פרעגנדיקע רעאַליטעט. דער פאַקט איז אויך, אַז מיר מוזן, ווי אַלע אַנ־דערע פעלקער, אַרויף אויף דעם וועג פון אַן אַבסאָלוט־פרייער פּראָגרעסיווער

אַנטוויקלונג, ניט אויפגעבנדיק די אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. אָבער דאָס איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען מיר וועלן אויפהערן צו זיין אַ האַנדלס־פאָלק און זיך איבערבויען ווי אַן אַרבעטאָריש פאָלק אין רוסלאַנד גופא, אַ זאַך וואָס קאָן דורכגעפירט ווערן, ווי איך האָב דעמאָלט געגלייבט, נאָר מיט דעם טריאומף פון דעם סאָציאַליזם, ווייל די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע ניט־אַרבעטאָרישע באַשעפטיקונגען. פאַר אַט דער צוקונפט דאַרף מען צוגרייטן אונדזער יידיש פאָלק, ניט נאָר אין דעם נאָמען פון זיין פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, נאָר אויך אין דעם נאָמען פון דעם אינעוויניקסטן זין פון זיין עקזיסטענץ: אין דעם נאָמען פון דער משיח־צייט, פון דער „מלכות שמים", לויט די סאָציאַל־עטישע אידעאַלן פון די נביאים און די איסיים. אַט די אויפגאַבע דאַרף נעמען אויף זיך די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע.

ס'איז אמת, אַז זי, די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע, איז פיינטלעך צו דעם גאַנצן יידישן עבר. אָבער דאָס איז דערפאַר, ווייל ביז אַהער האָט מען געהאַט אַ גאַנץ פאַלשן בליק אויף אונדזער געשיכטע און איר אינעווייניקסטן זין, ווייל די יידישע היסטאָריקער פון דעם פּראָגרע־סיוו־אַסימילאַטאָרישן און אין דער זעלביקער צייט בורזשואַזן פּעריאָד זיינען ניט געווען ביכולת דורכצודרינגען מיט זייער פאָרשונג ביז צו איר אמתן תוך.

ס'איז אויך אמת, אַז די איצטיקע סאָציאַליסטישע וועלט בכלל און די יידישע בפרט איז פּרינציפּיעל פיינטלעך צו די פּראָבלעמען פון אַ נאַציאָ־נאַלער ווידערגעבורט. מען קוקט אויף יעדן נאַציאָנאַליזם, ווי אויף אַ רעאַקציאָנערער דערשיינונג. דער מענטשלעכער פּראָגרעס, גלייבט מען, פאָדערט די צונויפגיסונג פון אַלע פעלקער אין איין אייגנאַרטיקער מענטש־הייט און פירט דערצו.

אָבער — איז אָט די שטעלונג פון דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק צום ענין „נאַציאָנאַליטעט" אַ ריכטיקע? פון דעם ביסל, וואָס איך האָב געגאָשט אין מיינע „נאַציאָנאַלאָגישע" שטודיען, האָב איך שוין געהאַט די אינעווייניקסטע איבערצייגונג, אַז אַזאַ שטעלונג איז דורכאויס פאַלש. איך האָב נאָך ניט געהאַט קיין ברעקל אָנונג, אַז קאַרל מאַרקס, די הויפּט־זייל פון דעם סאָציאַליסטישן בנין, האָט גאַנץ אַנדערש פאַרשטאַנען זיין אינטערנאַציאָ־נאַליזם. אויך אים האָב איך חושד געווען, אַז פאַר אים איז אינטערנאַציאָ־נאַליזם די זעלביקע זאַך, וואָס קאָסמאָפּאָליטיזם. אָבער איך האָב שוין דעמאָלט געשפּירט, אַז לויט דעם אינעווייניקסטן תוך פון דעם ענין, מיינט אינטערנאַציאָנאַליזם — פעלקער־פאַרברידערונג, אָבער בשום אופן ניט פעל־

קער־פאַרשווינדונג, פעלקער־צונויפגוס. אין דער זעלביקער צייט האָב איך שוין אויך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט עס שטייט נאָך פאַר מיר אין דעם שטודיום פון דער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע, ביז איך וועל קאָנען באַגרינדן אויף אַן ערנסטן וויסנשאַפטלעכן אופן די ריכטיקייט פון מיין בליק. וואָס זאָל אָבער דערווייל זיין מיט די רעזולטאַטן פון מיין אַרומ־שווימען אין דעם ים פון דער יידישער געשיכטע?

72

איך שטודיר געשיכטע צו זיין אַ גוטער רעוואָלוציאָנער און ווער אַ גוטער ייד

ס'איז ניט געווען מיין ציל צו ווערן אַ „געלערנטער" און צו באַאַרבעטן וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, בעת איך בין געקומען קיין פּעטערבורג שטודירן יידישע געשיכטע און דעם ענין „נאַציאָנאַליטעט". זינט איך האָב מיך פונאַנדערגעזעגנט מיט מיין יוגנטלעכער „מוזע" און האָב מיך באַפרייט פון שלמה זאַוולס (אַנסקיס) בליק, אַז מיין אַמפּלואַ אין לעבן איז צו זיין אַ סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער „פּאָעט", האָב איך בכלל אויפגעהערט צו קוקן אויף זיך, ווי אויף אַ שרייבער. געשריבן דעמאָלט האָב איך, אמת, אַ היפּש ביסל, — און טאַקע אין רוסיש, — אָבער נאָר צוליב דער נויט, אַליין קלאָר צו ווערן אין דעם אָדער יענעם ענין. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל דאַרפן היפּשלעך באַנוצן די פּען אין רוסיש — אין דעם קאַמף אַנטקעגן אונדזער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע — און אין יידיש, כדי צו פאַרטיידיקן ביי דעם יידישן פאָלק די אידעאַלן פון דעם סאָציאַליזם און פון דעם רוסישן באַפרייאונגסקאַמף. אָבער אָט די אַרטן שרייבן וואָלטן געווען נאָר צייטווייליקע און זייטיקע זאַכן, וואָס זיינען ניט פאַרבונדן מיט דעם עצם פון מיין אַרבעט.

מיט מיינע שטודיען אין דער פּעטערבורגער ביבליאָטעק האָב איך ניט געהאַט קיין אַנדער ציל אין אויג, ווי נאָר „אונטערצושמידן זיך" פאַר דעם נאָר־וואָס דערמאָנטן קאַמף מיט דער יידישער אינטעליגענציע. די אַרבעטן אויף דער יידישער געשיכטע האָבן מיר אָבער געבראַכט אַ סך מער איידער איך האָב געקאָנט דערוואַרטן. אין דער ערשטער ליניע, איז אין מיינע אויגן שטאַרק אויסגעוואַקסן די חשיבות פון דער אַלטער, פרום־יידישער וועלט. איך האָב כמעט ווי ניט געגלייבט מיינע אייגענע אויגן. אָט דאָס איז די וועלט, וועלכע די אַפּיקורסישע אינטעליגענציע האָט אַזוי אומברחמנותדיק באַגאָסן מיט איר גאַליקן אָדער לוסטיקן שפּאָט? אַזעלכע אינטענסיווע און רייכהאַלטיקע גייסטיקע קאַמפן! אַזעלכע וויכטיקע פראַגן פון אַ מענטשלעכן און אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן!

אַזאַ שוואונג און אַזאַ הייך פון דערגרייכונגען! און אין דער זעלביקער צייט אַזאַ טראַגישער גורל אין דעם היסטאָרישן לעבן און — אַזאַ ירידה פון דער הויכער הייך אין אַזאַ שפּלער נידער!

פריער איז מיין „יידישקייט", — אויף וויפיל זי האָט זיך געדאַרפט פאַרענטפערן פאַרן שכל, — געווען געבויט אויף דעם לאַוראַווישן מאָראַלישן חוב, צו דינען דעם פאָלק; אין מיין פאַל — אויף דעם חוב צוצופירן זיינע מאַסן צו דער אַלמענטשלעכער קולטור. איצטער איז אין מיר אויסגעוואַקסן אַ נייער סטימול פאַר מיין יידישן זיין: איך האָב מיך געגומען פילן איינס מיט מיין פאָלק, סאָלידאַריש מיט זיין גאַנצן גורל אויף דער וועלט, מיט זיין עבר, הווה און עתיד. איך בין נאָר אַ טיילכל פון און אין זיין לעבעדיקן אָרגאַניזם.

האַלב־אומבאַוואוסטזיניק פלעג איך מיך אַליין אַריינפּאַסן אין דעם לעבן פון זיינע פאַרשיידענע היסטאָרישע פּעריאָדן און נעמען אַן אָנטייל, ווי אַ פּראָגרעסיווער מענטש, אין זיינע אינעווייניקסטע און דרויסנדלעכע קאַמפן, — ספּעציעל, ווען איך בין געווען אַריינגעטאָן אין דער צייט פון דעם בית־שני ביז צו הריסת ביתר. מיט וועמען וואָלט איך געהאַלטן? האָב איך מיך אַמאָל געפרעגט, איבערבליקנדיק יענע צייט.

און מערקווירדיק! עס פלעגט אַלע מאָל אויסקומען אַזוי, אַז מיינע סימפּאַטיעס פלעגן געהערן גראָד צו יענע ריכטונגען און פּאַרטייען, וועלכע די אָפיציעלע היסטאָריקער פלעגן אָדער שאַרף פאַרמשפּטן, אָדער שטעלן אויף דעם צווייטן פּלאַן אין חשיבות, לגבי זייער צד שכנגד, אָדער באַטראַכטן מיט אַ ביטול־קוק פון אויבן־אַראָפּ. אַזוי בין איך געווען פאַר די בית־שמאי אַנטקעגן די בית־הלל; פאַר די איסיים אַנטקעגן די פּרושים און די צדוקים; פאַר די ערשטע יידן־קריסטן אַנטקעגן דעם אַפּאָסטאָל פאַול; פאַר די זעלאָטן אין קאַמף אַנטקעגן רוים. איך וואָלט זיכער געקעמפט אונטער דער אַנפירערשאַפט פון דעם איסיימישן גענעראַל. און אין דער צייט פון ר' עקיבא בין איך אינאיינעם מיט אים פון אַן „עם־הארץ", אַ ביטערער פיינט פון די פּרושים, געוואָרן אַ הייסער אַנהענגער פון דער תנאימשער געזעצגעבונג.

ס'קאָן זיין, אַז אין אָט די טרוימערישע אינטראָ־יעקציעס פון מיין אייגענעם „איך" אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט האָבן זיך אויסגעלעבט די לעצטע שיריים פון מיינע בעלעטריסטישע נייגונגען. על־כל־פנים האָבן מיינע היסטאָרישע שטודיען באַשאַפן פאַר מיר אַ בליק אויף דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט זי אַוועקגעשטעלט אין אַ גאַנץ אַנדער פּערספּעקטיווע, איידער די אָנגענומענע און הערשנדיקע ביי די היסטאָריקער און דעם

גרויסן עולם, — אַ פּערספּעקטיווע, וואָס שטעלט אַוועק אַ פּאָזיטיוון צייכן דאָרטן, וואו עס שטייט אַ נעגאַטיווער און וויצע ווערסאַ; אַ פּערס־פּעקטיווע, וואָס פּאַסט אויף דעם גאַנצן עבר, ווי אַן איינהייטלעך געשען, און דרינגט אַרויס פון דעם עבר נייע אויפגאַבן פאַר אונדזער געשיכט־לעכן לעבן, וועגן וועלכע קיינער טראַכט ניט.

שוין דאָס אַליין האָט באַרעכטיקט, איך זאָל די געפונענע רעזולטאַטן ניט האַלטן ביי זיך, ווי כלי־זיין, וואָס איך וועל עס ווען עס איז באַנוצן, נאָר זיי פאַרעפנטלעכן. דאָס וואָלט געווען אַ רעהאַביליטאַציע פון יענע ריכטונגען און פּאַרטייען, וואָס זיינען אומגערעכטערהייט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ פאַלשן ליכט און אָפּשאַץ: אַזוי אַרום, אויך אַ רעהאַביליטאַציע, אַ מין זעלבסט־פּאַרטיידיקונג פון מיין אייגענעם דורות־לאַנגן היס־טאָרישן „איך“. דערצו איז ערגעץ־וואו געווען דער האַלב־באַוואוסטזיניקער גלויבן, אַז אויב די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע, — אָט די, צו וועלכער איך געהער און אינאיינעם מיט וועלכער מיר זיינען אַ טייל פון דעם יידישן פאָלק, — וואָלט אויך גענומען קוקן אויף דעם יידישן עבר מיט מיינע אויגן, וואָלט אויך פאַר זיי געלעגן קלאָר יענער וועג, אויף וועלכן מיר דאַרפן אַרויף.

דאָס זיינען געווען רייך־סוביעקטיווע האַלב־טונקעלע מאָטיוון פאַר מיין באַשלוס, איבערצורייסן די היסטאָרישע שטודיען, לאָזן דערוויל אַן אַ זייט די נאָך ניט אויסגעפאָרשטע נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע און נעמען זיך פאַר דער שריפטלעכער באַאַרבעטונג פון די געפונענע רעזולטאַטן. קלאָר און באַוואוסטזיניק איז אָבער געשטאַנען פאַר מיר דער חוב מיטצוטיילן דער „מיטוועלט“ אַ נייעם אויסגעפונענעם רייך־אָביעקטיוון און וויכטיקן אמת.

איך האָב אויפגעהערט צו גיין אין דער ביבליאָטעק, פלעג גיין צו די ליאַכאָוועסקיס נאָר אין די אָוונטן (אויך ניט אַלע) און אין די שבתים; איך האָב מיך געשפּייזט אין דער היים כמעט ווי נאָר מיט טיי, ברויט און ווייסן קעז. צוגעשמידט בין איך געזעסןביים טיש מיט די טאָג־ביכער, נאָטיצן און ציטאַטן אויף אים, — ווי אויך מיט דעם דאָס רוב „זינגענדיקן“ סאַמאָוואַר, וואָס האָט אויף אים ניט געפעלט, — און האָב געשריבן — געשריבן — געשריבן אונטער דעם דינעם, שטילן ניגונדל פון זיין געזאַנג.

עס האָט זיך אָבער אויך געזונגען אויף דער נשמה האָפערדיק און שבת־קודשדיק: געבענטשטע טעג פון ערשטן יוגנטלעכן שאַפן!

אָט בין איך שוין ביים לעצטן קאַפּיטל, ביי דער קעגנוואַרט, די פּאָגראָמען, דער „חיבת־ציון", — אָט דער „אבי אבות הטומאה" פון אונדזער צייט, ווי איך האָב דעמאָלט געטראַכט. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איך האָב די אומפּאַרמיידלעכקייט פון דער פּאַלעסטינאָפילישער באַוועגונג אַרויס־געבראַכט פון אונדזער גאַנצן היסטאָרישן געשעען, האָב איך ניט געקאָנט אונטערדריקן מיין צאָרן און פּראָטעסט אַנטקעגן איר. דעם לעצטן קאַ־פּיטל האָב איך כמעט אינגאַנצן איבערגעשריבן פון יענעם מאַנוסקריפּט, וואָס איך האָב אין ריגע פאַרגעלייענט פאַר מיין פאָטער און דעם ציוניס־טישן משכיל, קאַפלאַן („זקן").

פאַרטיק! דאָס לעצטע פּינטל אָוועקגעשטעלט. אויף מאָרגן האָב איך מיך גענומען איבערקוקן דעם מאַנוסקריפּט. ס'איז כמעט גאָרניט געוועזן וואָס צו פאַרריכטן, נאָר אַ היפּש ביסל אויף אַרויסצוואַרפן. דער גאַנצער מאַטעריאַל האָט זיך לייכט איינגעטיילט אין קאַפּיטלען און פּאַ־ראַגראַפן.

ווי אַ נאָמען געבן? לויט מיינע דעמאָלטיקע באַגריפן, אַז די גע־שיכטס־פילאָסאָפיע האָט צו איר צוועק, אויפצודעקן די טרייבנדיקע פאַרבאָרגענע קרעפטן פון אַ געשיכטלעכן פּראָצעס, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין שריפט שטעלט מיט זיך פאָר ניט קיין קלענערע זאַך, ווי די „פילאָסאָפיע פון דער יידישער געשיכטע". על־כל־פנים קאָן איך זי מיט גוטן רעכט אָנרופן: „צו דער פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק". ס'הייסט — אַ צושטייער צו איר. און אזוי האָב איך זי טאַקע אַ נאָמען געגעבן: „ק' פילאָסאָפיאי איסטאָריאי יעווריסקאַוואָ נאַראָדאַ".

איצטער — וואָס טוט מען מיט דעם מאַנוסקריפּט? געוואָלט האָט זיך מיר איבערלייענען אים פאַר וועמען עס איז אַ קאָמפּעטענטן מענטשן, אָבער עס איז מיר דעמאָלט קיינער פון מיינע באַקאַנטע ניט אַרויף אויפן זין, וועמענס מיינונג און אורטייל איך וואָלט געקאָנט שעצן. דער אַלטער ראַבינאָוויטש פונעם „רוסקי יעווריי" וואָלט דאָס אוודאי ניט גע־קאָנט זיין. אפשר די רעדאַקציע פון דעם „וואָסכאָד"? ביי מיין גאַנצער אַנטיפּאַטיע צו דער אָפיציעלער רוסיש־יידישער פּרעסע, האָבן דאָך דער „וואָסכאָד" און זיין רעדאַקציע געמוזט באַטראַכט ווערן, ווי די איינציקע קאָמפּעטענטע אינסטאַנץ, צו וועלכער איך קאָן זיך ווענדן. און אויב די אַרבעט וועט דאָרטן געפעלן ווערן, איז דאָך טאַקע ניט אויסגעשלאָסן זי זאָל זיך דרוקן אין דעם „וואָסכאָדס" חדשים־ביכלעך.

אַ סך שפּעטער, ווען מיין ערשטע שריפט איז שוין געדרוקט, און דער „סיעווערני וויעסטניק" — די בעסטע רוסישע חודש־שריפט, — האָט געגעבן

אויף איר אַ גאַנץ גינסטיקע רעצענזיע, פלעג איך אָפט פרעגן, דענקענדיק וועגן יענער צייט: פאַרוואָס איז מיר דעמאָלט גאָר אויפן זינען ניט אַרויפ־געקומען, צו שיקן דעם מאַנוסקריפּט אין דעם „סיעווערני וויעסטניק", דעם „זשורנאַל" פון יענער ריכטונג אין דער רוסישער עפנטלעכקייט, צו וועלכער איך האָב געהאַט אַ רעכט מיך צוצורעכענען, דעם זשורנאַל, וואָס איר הויפּט־רעדאַקטאָר און טאָן־געבער איז געווען ניקאָלאַי מיכאַי־לאָווסקי, דער וויכטיקסטער פון אַלע מיינע דעמאָלטיקע „ראַבייאים"?

עס האָבן זיך ביי מיר איינגעשטעלט צוויי ענטפערס אויף דער פראַגע, וועלכע איך באַטראַכט פאַר ריכטיק. קודם בין איך, — פאַר דער צייט פון מיין זיך אינגאַנצן אַריינטאָן אין דער יידישער געשיכטע און פון אויס־אַרבעטן דעם מאַנוסקריפּט, — אַזוי אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון דער ניט־יידישער וועלט, אַז קיין זאַך, וואָס האָט ניט קיין שייכות צו יידן, האָט זיך ניט געקאָנט צונויפקייטלען מיט די געדאַנקען וועגן אָט דער יידישער אַרבעט מיינער און — ממילא — גאָר ניט געקאָנט אַרויפשווימען אין באַ־וואוסטזיין.

און ס'איז געווען נאָך אַ טעם. מיכאַילאָווסקין האָב איך דעמאָלט ממש פאַרהייליקט, ווי אַ חסיד זיין רבין. דער זשורנאַל „סיעווערני וויעסטניק", הגם אַ סך אַ סך אַ „מאַטאָוועער" אין פאַרגלייך מיט די גלענצנדיקע „אָטיע־טשעסטווענניאַ זאַפּיסקי", וועלכע די מיניסטאָרן האָבן דערוואָרגן, — איז פאַרט געווען דער היכל, אין וועלכן עס האָבן זיך אויפגעהיט מיינע גייסטיקע הייליקייטן. אויף מיכאַילאָווסקין און אָט דעם זשורנאַל האָב איך געקוקט פון אונטן אַרויף. אפילו ווען איך וואָלט אַ טראַכט געטאָן וועגן אים אין פאַר־בינדונג מיט מיין שריפט, וואָלט איך זיך אַליין אויסגעזידלט: ווי קום איך אַהין?

איז ביי מיר געבליבן — גיין צו אַדאָלף לאַנדוי פון דעם „וואָסכאָד".

צווישן אַסימילאַטאָרישער יידישער אינטעליגענץ אין דער אַמאָליקער רוסלאַנד

פון מיין באַזוך אין דער רעדאַקציע „וואָסכאָד", וואוהין איך בין געקומען מיט מיין מאַנוסקריפּט, שטייט איצטער קלאָר אין זיכרון אַזאַ סצענע: אין אַ לאַנגן שמאָלן צימער, לעבן אַ טיש, אַ באַדעקטן מיט צייטונגען, וואָס פאַרנעמט די גאַנצע לענג, שטייט דער רעדאַקטאָר, אַדאָלף לאַנדוי, אַ הויכער בלאָנדין מיט לאַנגע וואָנצעס און אַ רייכער, טונקל-גרויער שעוועליורע. ער האַלט מיין חיבור אין דער האַנט, און איך שטיי אַנטקעגן אים.

לויט דעם זיכרון, בין איך גלייך פון דרויסן אַריין אין אָט דעם קאַלטן ניט-מעבלירטן חדר. אָבער דאָס איז זיכער אַ טעות פון דעם זיכרון. מסתמא האָט מען מיך דורך אַנדערע חדרים אַריינגעפירט אַהין.

לאַנדוי האָט אַ לענגערע צייט געבלעטערט דעם כתב־יד, זיך אָפּגעשטעלט אויף איינצעלנע זייטלעך, און לסוף איבערגעריסן דאָס טיפע שווייגן.

— גייגער... גייגער... — האָט ער גערעדט ווי פאַר זיך — דאָס איז צו ראַדיקאַל פאַרן „וואָסכאָד".

גייגער איז דער נאָמען פון אַ יידישן היסטאָריקער און אַ באַרימטן פירער אין דער יידישער רעפאָרם־באַוועגונג. איך האָב אים אַ היפּשע פּאָר מאָל ציטירט אין מיינע ווערק, אָבער זיכער ניט אין רעליגיעזע ענינים. ציטירט האָב איך אים, ווי נאָך אַ סך אַנדערע היסטאָריקער, נאָר ווי אַ רעפערענץ פאַר אַ געוויסן היסטאָרישן פאַקט אָדער פאַר אַ געוויסן אורטייל איבער אַ פּערזאָן, אָדער אַ גייסטיקער לאַגע אין אָט דער אָדער יענער צייט. אַז ער ווערט פון וועמען־עס־איז באַטראַכט פאַר אַ „ראַדיקאַל" אין אַ וועלכן־עס־איז פּרט, האָב איך דעמאָלט ניט געוואוסט. מיט גייגערס „אורשפּרונג דער ביבעל", וואו ער לייקנט „תורה מן השמים" — אַ גוטע אַרבעט אין ביבל־קריטיק — בין איך נאָך דעמאָלט ניט געווען באַקאַנט. הרכבי האָט דאָס ווערק ניט פאַרשריבן אין זיינע „רעצעפּטן" פאַר מיין אַרבעט. לאַנדויס צונויפפּאָרן „ראַדיקאַליזם" מיט יענעם היסטאָריקער האָט מיך פּשוט פאַרחידושט.

— וואו האָט איר גענומען גייגערן? — האָט ער זיך געווענדט צו מיר.

דערציילט איך אים, אַז געאַרבעט האָב איך אין דער ביבליאָטעק, מיט הרכבים הילף, און אַז גייגערס ווערק זיינען געווען פאַרשריבן אין הרכבים ביבליאָגראַפיע פאַר מיר.

— איז דאָך אויסגעצייכנט! — האָט לאַנדוי אַרויסגערעדט אויפמונטערנ־דיק. — בעט הרכבין אָנשרייבן נאָר אַ פּאָר ווערטער, אַז ער האַלט אייער שריפט פאַר ראוי געדרוקט צו ווערן אין „וואָסכאָד", און איך וועל זי אויפ־נעמען.

איז מיר אויך געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן. און אין אָט דער געהוי־בענער, האָפענונגפולער שטימונג בין איך גלייך אַוועק צו הרכבין.

מיט אָט דעם גרויסן יידישן געלערנטן האָב איך מיך שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזען, זינט איך האָב מיך אויפגעהערט צו נייטיקן אין זיינע ביבליאָגראַפישע בקיאות. דאָס מאָל האָט ער מיך אויפגענומען זייער קאַלט.

איך האָב אים געזאָגט צוליב וואָס איך בין געקומען. הרכבי האָט זיך פאַרחידושט.

— פאַרן „וואָסכאָד" — „צו ראַדיקאַל"? אַז „זיי" ריידן דאָך דאָרטן אויף גאָט, אויף משיחן און אויף „נבתקא"! — האָט ער גערעדט פאַרביטערט.

אַפילו אַריינבליקן האָט ער ניט געוואָלט אין דעם מאַנוסקריפּט.

— צו וואָס? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „מה לי ולך?"

איך ווייס איצטער ניט, צי זיין אָפּזאָג האָט אויסגעדריקט אַן אידייאישן אָפּשטויס, אָדער פשוט דעם אומווילן צו באַברען זיך מיט חיבורים פון מאַלע־ווּעמען. דעמאָלט אָבער האָב איך אין דעם אָפּזאָג געפילט אַ דירעקט פיינטלעכע שטימונג צו אַ מענטשן, וואָס איז שוין „אַפילו" פאַרן „וואָסכאָד" — „צו ראַדיקאַל".

מיט אַ שווערן געמיט האָב איך מיך גענומען שלעפּן אַהיים. באַלד איז אָבער ווי אַ בליץ דורכגעפלויגן אין קאָפּ דער נאָמען: סלאָנימסקי! ביז אַהער איז זיין נאָמען ביי מיר ניט געווען פאַרבונדן מיט יידישע ענינים. וואָס הרכבי איז פאַר מיר געווען פאַר דער יידישער געשיכטע, דאָס איז סלאָנימסקי געווען פאַר דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג וועגן דעם נאַציאָ־נאַליטעטן־פּראָבלעם: דער אַריינפירער און וועגווייזער, וואו וואָס צו זוכן. דאָס האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט, איך זאָל גוט דורכנעמען: 1) קלעמס קול־טור־געשיכטע (אַ שלל מיט בענד!); 2) וויטצעס „אַנטראָפּאָלאָגיע דער נאַטור־פעלקער" און דער עיקר 3) באַסטיאַנס „דער מענטש אין דער גע־שיכטע". ווייל נאָר ווען מען איז באַקאַנט מיט דעם פאַקטישן מאַטעריאַל,

וועלכן אַט די געלערנטע האָבן צונויפגעזאַמלט, באַאַרבעט, קלאַסיפיצירט און באַלויכטן קאָן מען געווינען אַ מער אָדער ווייניקער וויסנשאַפטלעכן באַגריף וועגן די ענינים: „פאָלק", „מענטשהייט" און „מענטשלעכע קולטור".

סלאָנימסקי האָט אויך ניט איינגעשטימט מיט מיר, אַז יידן זיינען אַ פאָלק און אַז אויך אונדזער יידישע פראַגע דאַרף באַהאַנדלט ווערן אין דעם ליכט פון דער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע. ער איז געווען זיכער, אַז אַ פאַרטיפטער שטודירן פון דעם אויבנדערמאָנטן מאַטעריאַל מוז אָפּגראָבן יעדן גרונט פאַר באַטראַכטן די איצטיקע יידן ווי אַ נאַציע.

יענעם מאַטעריאַל האָב איך דעמאָלט נאָך ניט געהאַט דורכגענומען, אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער אינעווייניקסטער זין פון דער יידישער געשיכטע, ווי ער האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט און ווי איך האָב אים אַרויס־געבראַכט אין מיין שריפט, איז אויך אַ היפּשער אַרגומענט לטובת דער יידישער „נאַציאָנאַלישקייט". עס האָט זיך מיר געוואָלט וויסן, וואָס סלאָנימסקי האָט צו זאָגן דערויף און וואָס ער האַלט בכלל וועגן דעם מהות פון מיין אַרבעט.

איך האָב אים געבראַכט דעם מאַנוסקריפּט, דערציילט מיין דערפאַ־רונג מיט דעם „וואָסכאָד", און אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך געקומען הערן זיין מיינונג. אַז די טענדענץ פון דער אַרבעט וועט אים ניט געפעלן, דאָס האָב איך געקאָנט לכתחילה וויסן. די שריפט האָט געטראָגן קלאָרע סימנים, ערשטנס, פון אַ נאַציאָנאַל־געשטימטן יידן, און צווייטנס, פון אַ ראַדיקאַלן סאָציאַליסט. אָבער אין אַ שריפט זיינען תמיד פאַראַן נאָך עפּעס אַנדערע זאַכן, אַ חוץ טענדענץ. און גראָד וועגן די „אַנדערע זאַכן" וואָלט איך מיך גריי־לעך געקאָנט פאַרלאָזן אויף סלאָנימסקיס אָפּשאַץ.

טאַקע ניט מיט קיין קליין האַרצקלאַפּעניש בין איך דאָס מאָל ווידער געגאַנגען צו אים, אויסהערן זיין גזר־דין.

סלאָנימסקי האָט קיין איין וואָרט ניט געלאָזט פאַלן וועגן דעם ווערט אָדער אומווערט פון דער גאַנצער אַרבעט. אָבער גראָד זיינע קריטישע באַמערקונגען וועגן איינצלנע שטעלן האָבן מיר באַוויזן, אַז ער נעמט זי ערנסט. און דאָס איז פאַר מיר געווען גענוג. שוין וועגן דעם נאָמען, וואָס איך האָב געגעבן דער שריפט, האָט ער געמאַכט אַן ערנסטע באַמערקונג. די שריפט האָט זיך ביי מיר גערופן: „צו דער געשיכטס־פילאָסאָפיע פון דעם יידישן פאָלק". אָט דער טיטל איז, לויט זיין מיינונג, געווען צו פּרע־טענציעז. ניט אַלע פאַרשטייען „פילאָסאָפיע פון געשיכטע", ווי איך טו דאָס. דער לייענער וועט, לויט דעם טיטל, דערוואַרטן אַ סך מער און אויך

עפּעס אַנדערש, איידער וואָס איך גיב. איז בעסער געבן אַ נאָמען, וואָס שטימט מיט דער זאַך.

— דאָס זיינען, דער עיקר, געדאַנקען. איז — לאָמיר דאָס אַ נאָמען געבן: „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווריעיסטוואַ״! („געדאַנקען וועגן די היסטאָרישע שיקזאַלן פון דער יידנשאַפט״).

און אויך, וואָס „יידנשאַפט״ איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַנשטאָט „יידיש פאָלק״, האָט געהאַט זיין טעם דעריין, וואָס „יידנשאַפט״ איז אַ נייטראַלער טערמין, וואָס ליגט מחוץ פון דעם טעאָרעטישן סיכסוך, צי יידן זיינען אַ רעליגיעזע געמיינדע אָדער אַ „נאַציאָנאַליטעט״.

קיין פּרינציפּיעלע איינווענדונגען אויף דעם טעקסט גופא האָט סלאָנימסקי ניט געמאַכט. איך געדענק איצט ניט, צי איך האָב אים געבעטן, ער זאָל זיך משתדל זיין, אַז דער מאַנוסקריפּט זאָל אויפגענומען ווערן אין דעם „וויעסטניק יעווראָפּי״, וואו ער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער, אויב ניט פון די רעדאַקטאָרן. איך געדענק אָבער, אַז עס איז יאָ געווען אַ רייד וועגן דעם. מסתמא האָט ער, דער טאַקטישער, אויסערסט קלוגער און צוגעלאָזטער „דזשענטלמען״, אויס דער אייגענער איניציאַטיווע, געלאָזט פאַלן די באַמערקונג, אַז דער „וויעסטניק יעווראָפּי״ וואָלט אַזאַ זאַך געקאָנט דרוקן, ווען דאָס וואָלט ניט געווען אויף אַזאַ ספּעציעלער טעמע. דערפאַר געדענק איך זיין פאַרזיכערונג, אַז אויב דאָס וואָלט אַרויס ווי אַ בוך, וואָלט דער זשורנאַל זיכער געגעבן קענטעניש פון אים „אַטמיעטיט יעיאָ פּאָיאַוולעניע״). (ס'איז טאַקע שפּעטער געווען אין אים אַ רעצענזיע).

אַזוי אַרום איז אַרויסגעשוואומען דער געדאַנק פון אָפּדרוקן עס ווי אַ באַזונדער בוך. אָבער דאָס איז ווידער געווען פאַרבונדן מיט אומזיכערקייטן. די שריפט האָט געהאַלטן וויניקער פון צוואַנציק דרוק־בויגן און האָט דעריבער פריער געמוזט דורכגיין די צענזור. קיין פּאָליטישע אַפּיקורסותן זיינען אין דעם ווערק ניט געווען. אויך ניט קיין סאָציאַלע, אָבער אין דעם לעצטן פּרט איז די טענדענץ פון דער שריפט געווען אַ גאַנץ קלאָרע; ווי קלאָר עס איז אויך געווען דער אַנטי־בורזשואַזער גייסט, וואָס האָט געהערשט אין איר. דערצו האָט דער בליק אויף ישו דעם נוצרי, ווי אויף אַ נאַציאָנאַלן און אַ סאָציאַלן משיח פון דעם יידישן פאָלק, זיכער ניט געשטימט מיט דער הערשנדיקער אָרטאָדאָקס־קירכלעכער טעאָלאָגיע. ווער קען פאָראויסזען די משוגעטע גענג פון דעם רוסישן צענזור־דעפּאַרטאַמענט? וועט ער דאָס דורכלאָזן? אָדער ער וועט דאָס גאָר אַריבערשיקן אין דעם „הייליקן סינאָד״?

עס איז נייטיק געווען נאָכאַמאָל איבערצוקוקן דעם טעקסט פון אַ ריין „צענזוראַלן״ שטאַנדפּונקט, און דאָס איז מיר גאָר ניט געווען צום האַרצן.

אַהײם פון סלאָנימסקין בין איך געגאַנגען מיט זײער געמישטע געפילן:
אי זוניקע, אי היפּש טרויעריקע. פון מײן אַרבעט אין פּעטערבורג איז, אומדערוואַרט פאַר מיר, אַרויסגעשפּרונגען אַ „חיבור״. איך האָב דאָס ניט געהאַט אין זינען. בעת דער אַרבעט האָט מיך אינטערעסירט אין דער ערשטער ליניע דער ענין גופא: „ווי איז „דאָס״ געווען? און פאַרוואָס איז „דאָס״ געווען אַזוי און ניט אַנדערש אין דער אָדער יענער צײט?״ אין דער צווײטער ליניע איז געשטאַנען יענער אינטערעס, וואָס האָט מיך לכתחילה געטריבן צו דער אַרבעט: דער פאַרלאַנג צו זײן גוט באַוואָפנט אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער ייִדיש־סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע, אַנטקעגן איר גאַנצער אַסימילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע און אַנטקעגן איר אינדיפערענטיזם צו דעם גורל פון אונדזער פאָלק. אויב שוין שרײבן, האָב איך נאָר געוואָלט שרײבן „אונטערערדיש״, אין דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואו איך וואָלט געקאָנט רײדן קלאָרע דיבורים און ניט מיט רמזים און פאַרשטעלטע אָנצוהערענישן.
לסוף: וואָס איז דער רעזולטאַט פון מײן אַרבעט? וועגן זײן באַוואָפנט, ווי דער סדר איז, פאַר דעם קאַמף קאָן גאָר קײן רײד ניט זײן. די טעאָרעטישע הויפּט־פּעסטונג פון דעם קעגנער, וואָס דאַרף צעשטערט ווערן, קאָן אין דער שריפט אפילו ניט באַלאַגערט ווערן: דאָס איז דער פעסט אײנגעוואָרצלטער בליק, אַז יעדער נאַציאָנאַליזם איז אַ סתירה צו די פאָדערונגען פון דעם אַלמענטשלעכן פּראָגרעס בכלל, צו דעם סאָציאַליזם בפרט. און על־כל־פנים, אַז צו אונדז ייִדן האָט דער גאַנצער ענין גאָר קײן ברעקל שײכות ניט, ווײל מיר זײנען גאָר ניט קײן פאָלק.
וואָס גיט מײן שריפט אין אָט דעם פּרט? גאָרנישט! די שריפט פאַרענדיקט זיך מיט דער בפירושער דערקלערונג, אַז די פראַגע וועגן די שײכותן צווישן „פּראָגרעס״ און „נאַציאָנאַליטעט״ פאַלט אַרויס פון אירע ראַמען, מוז געלאָזט ווערן אָפן. און פון סלאָנימסקיס באַמערקונגען, נאָכדעם ווי ער איז שוין באַקאַנט געוואָרן מיט דעם גאַנצן גאַנג פון דער ייִדישער געשיכטע, ווי איך זע אים, האָב איך געקאָנט אַרויסדרינגען קלאָר, אַז ער איז גאָר ניט צופרידן, מען זאָל נאָכאַמאָל די פראַגע עפענען; לפּחות ניט בנוגע אונדז, ייִדן.
„געדאַנקען וועגן די שיקזאַלן פון דער ייִדנשאַפט!״ ווער דאַרף זײ, די געדאַנקען, אויב מען דאַרף ניט האָבן די גאַנצע „ייִדנשאַפט״? און דער עיקר: גײ איצט און נעם דײן אַרבעט, געשריבן אין ערנסט און רײנקײט, און שטופּ זי אין דעם מויל פון דער „אבי אבות הטומאה״, פון דער רוסישער צענזור, יענע חיה־רעה, צו וועלכער מיר, אַלע פּראָגרעסיווע

עלעמענטן אין רוסלאַנד, האָבן געשפּירט דעם גרעסטן עקל, דעם טיפסטן האַס. קריך „אין דער בויך פון דעם וואַלפיש" („וואָ טשרעוואָ קיטאָוואָ" — אַזוי פלעגט שטשעדרין באַצייכענען די רוסישע צענזור) און וואַרט ביז דער וואַלפיש וועט דיך אַרויסשפּייען...

„געדאַנקען!"... אָבער דאָ שווימט אַרויף אין דמיון סלאָנימסקיס פריינטלעכער בליק אויף מיר, בעת ער האָט געזאָגט: „געדאַנקען... לאָמיר דאָס אָ נאָמען געבן...", און עס ווערט מיר וואַרעם אויפן האַרצן. אויב די „געדאַנקען" האָבן געקאָנט פּאַראינטערעסירן אַ סלאָנימסקי, אויב ער האַלט, אַז זיי זיינען ווערט אויסגעהערט צו ווערן, איז — זאָל דער אָנהייב געמאַכט ווערן מיט זיי! ניטאָ וואָס איבערצוקלערן: איבערקוקן דעם טעקסט און קריכן אין דער „מיאַליצע" פון דער חיה־רעה!

אַ באַרואיקטער בין איך געקומען אַהיים, און אין אַ טאָג אַרום בין איך שוין געווען מיט דעם „חיבור" אין דער צענזור.

— ווי לאַנג וועט דאָס נעמען?

— קומט אַריין זיך נאָכפרעגן אין אַ צוויי וואָכן אַרום!

אָבער גראָד אין אָט די צוויי וואָכן איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין מיין וואוינונגס-„אומרעכט". די פּאָליציי האָט מיך געלאָזט „בעטן", איך זאָל מוחל זיין פּאַרלאָזן פּעטערבורג, און טאַקע שוין!

74

מיינע שווערע טעג אין פעטערבורג

איינמאָל אין אַן אינדערפרי, ווען די קעכין האָט אַריינגעטראָגן אין ציי־מער דעם סאַמאָוואַר, האָט זי מיר אויך מיטגעטיילט, אַז די באַלעבאָסטע, ביי וועמען איך בין איינגעשטאַנען, וויל מיך זען. האָב איך ניט געמאַכט קיין שהיות און בין אַריין צו איר. וויזט זיך אַרויס, אַז נעכטן איז ביי איר געוועזן אַ פּאָליציאַנט און האָט איר איבערגעגעבן אַן אויפפאָדערונג פון דעם „פּאַספּאָרטיסט" — דער ממונה אויף די פּאַספּאָרטן אין דער פּאָליציי — איך זאָל בלי יפּונה נאָך היינט זיך מעלדן אַהין. קיין „פּאָוועסטקע" (אַ געשריבענע אויפפאָדערונג) האָט מען ניט געלאָזן.

שטויס איך זיך אָן, וואָס דאָס באַטייט. מיין פּאַספּאָרט, וואָס איך האָב איבערגעגעבן „מוליע" גאָרדינען פאַר דער פּאָליציי, איז שוין לאַנג אויס־געגאַנגען — מיר האָבן שוין געהאַלטן אין חודש מערץ. וויל מסתמא דער פּאַספּאָרטיסט האָבן אַ נייע „כתיבה". האָב איך שוין גראָד געהאַט אַזאַ, און דערצו נאָך אַ פולמאַכט פון אַ ריגער סוחר ערשטע גילדע, איך זאָל פאַר אים פירן געשעפטן אין פעטערבורג. די פולמאַכט האָב איך באַקומען נאָך אַ סך פריער. איך האָב זי אָבער ניט איבערגעגעבן דער פּאָליציי, ווייל מען האָט מיך סיי־ווי־סיי געלאָזט צורו: גאָרדין האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איך האָב מיך וועגן קיין זאַך ניט צו זאָרגן. איצטער אָבער האָב איך זי, ליתר שאת, אויך גענומען מיט זיך און בין אַוועק אין דער פּאָליציי.

ווען איך בין אַריין צום פּאַספּאָרטיסט און אים געזאָגט ווער איך בין, האָט דער בעל־דבר זיך צוריקגעוואָרפן אין זיין שטול, האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ שטרענגן בליק און איז אַרויס מיט אַזאַ שאלה:

„אַ ווי זדיעס טשעם זאַנימאַיעטעס ?" („און איר — וואָס טוט איר דאָ ?")

איז מיר די שאלה און דער טאָן ניט געפעלן געוואָרן. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס מוליע גאָרדין האָט געזאָגט דער פּאָליציי וועגן מיינע באַשעפ־טיקונגען. געדענקט האָט זיך מיר, אַז די אויסעראָרדנטלעכע פּריווילעגיע פאַר מיין וואוינרעכט אין פעטערבורג האָט ער דורך זיינע פאַרבינדונגען אויס־געווירקט גראָד אויף דעם סמך, וואָס איך בין אַ „יונגער געלערנטער", וועלכער אַרבעט אין דער קייסערלעכער ביבליאָטעק.

גיי איך אין מיין ענטפער צו דעם בעל־דבר מיט דעם ריינעם אמת, וואָס האָט, לויט מיין חשבון, אים געדאַרפט זיין באַקאַנט. אַזוי און אַזוי. געאַרבעט אין דער ביבליאָטעק אויף אַ וויסנשאַפטלעך ווערק, וואָס איז שוין פאַרטיק און ליגט אין דער צענזור. ווי נאָר איך וועל אָפּדרוקן דאָס בוך, פאַרלאָז איך פעטערבורג.

דער „אדון" האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף מיר מיט חוצפּהדיקע אויגן, און לסוף, מיט אַ באַזונדער טריאומף, דערקלערט:

„ אַ מי וואַם נאַ וויאיעזד נאַפּישעם! וו'דוואַדצאַט טשעטירע טשאַסאַ!" („און מיר וועלן אייך אָנשרייבן אויף אַרויספאָרן! אין פיר־און־צוואַנציק שעה!")

און ער נעמט גלייך פון טיש מיין אַלטן פּאַספּאָרט, אַ צונויפגעלייגטן אין פירן, און לייגט אַרויף אויף אַ ליידיקן פּערטל עפּעס אַ שטעמפּל. אָבער איידער ער וויל מיר איבערגעבן די באַגליקטע כּתיבה, נעמט ער זי פונאַנ־דער, לייענט זי דורך, און ווענדט זיך צו מיר אין העכסטער רוגזה:

„ע־עטאָ שטאָ? פּראַשלאַגאַדני פּאַספּאָרט? גדיע־זשע נאָווי? דאַ־וואַיטע יעוואָ סיודאַ: מי נאַ וויאיעזד נאַלאַזשים". („וואָסי'דאָס? אַ פאַראַ־יאָריקער פּאַספּאָרט? וואו איז דער נייער? גיט אים אַהער: מיר וועלן אַרויפלייגן דעם אויפאַרויספאָר!").

אַזוי טאַקע בפירוש דערציילט ער מיר אויף וואָס ער דאַרף מיין נייעם פּאַס. אַ חכם אַ יונג!

ענטפער איך, פאַרשטייט זיך, טרויעריק, אַז איך האָב ערשט די לעצטע צייט זיך דערמאָנט צו באַנייען אים, און אַז מען וועט אים מיר באַלד צושיקן.

קוקט ער אויף מיר אַ ווײַלע, גיט מיר אַוועק די כתיבה און רעדט צו מיר ווייך, ווי צו אַ נאַאיוו קינד:

„נאַטיע! עטאָ סטאַרי. ניע גאָדיטצאַ. ווי יעוואָ ניקאָמו ניע פּאַקאַזי־וואַיטע". („נאַט! דאָס איז אַן אַלטער. ער טויג ניט. באַווייזט אים קיינעם ניט!").

און ער דרייט זיך איבער צום טיש.

אַ שיינער „נאַ וויאיעזד", וואָס מען טאָר ניט ווייזן פאַר לייטן!... האָב איך געוואוסט, אַז אַרויסשיקן מיך וועט ער שוין ניט.

פון דעם פּאָליצײ־קרייזל בין איך גלייך אַוועקגעפאָרן אויף ביעוווסקי צו מוליע גאָרדין, דערציילן אים, וואָס עס איז פאָרגעקומען, אויסגעפינען דעם באַשייד צו דעם רעטעניש און — דער עיקר — זען עפּעס צו טאָן אויף ווייטער מיט אַ וואוינונג. ערשט זיין קאַנטאָר איז געווען צוגעשלאָסן.

אין דער היים ביי אים האָב איך געפונען נאָר זיין שטומע שוועסטער, וואָס האָט מיט גרויס מי געגעבן מיר צו פאַרשטיין, אויף איר מימישן לשון, אַז אין הויז איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע. מוליעס שיין יונג ווייבל איז ערגעץ־וואו אַנטלאָפן, און ער אַליין איז אַרעסטירט.

וואָס הייב איך דאָ אָן צו טאָן? האָב איך אויפגעזוכט דאָס ביסל באַקאַנטשאַפט מיינע אין פעטערבורג, וואָס איך האָב זי שוין לאַנג ניט געזען, — דאָס רוב סטודענטן. גריניעוויצקי איז פאַר דער צייט ערגעץ־וואו פאַרשוואונדן. פון דער סטודענטשאַפט האָב איך מיך דערוואוסט, אַז גראָד אין לעצטן חודש זיינען די פּאָליציי־באַדינגונגען געוואָרן אימהדיק פאַרשאַרפט. מ׳ווייסט ניט פאַרוואָס: פון רעוואָלוציאָנערע מעשיות האָט מען גאָרנישט געהערט, זינט אוליאַנאָווס אַרעסט. אויך ביי די ליאַכאָווסקיס איז מען געווען אומרואיק און פאַרזאָרגט מיט מיין נייער לאַגע. איך בין זיכער, אַז זיי וואָלטן מיך גענומען צו זיך אויף אַ פּאָר טעג. די ריזיקע וואָלט אָבער געווען אַ סך גרעסער פאַר מיר, איידער פאַר זיי. אויך זיי האָבן געוואוסט, אַז אין שטאָט איז איצטער זייער שטרענג: „אָביסקעס״ (הויז־זוכונגען) און „אָבלאָוועס״ („כאַפּעניש׳ן״) גייען ניט אַראָפּ פון סדר היום.

וואָס אַזוינס עס האָט פּאַסירט אין פעטערבורג, און פאַרוואָס די פּאָליציי איז געוואָרן אַזוי אויפגערודערט — איז פאַר מיר געבליבן אומדערקלערט. איך האָב מיך אָבער משער געווען, אַז אויך מוליעס אַרעסט און דער צונויפברוך פון מיין לינקן „וואוין־רעכט״ האָט עפּעס צו טאָן דערמיט. עס איז מסתמא פאָרגעקומען אַ שטרענגע רעוויזיע אין די פּאָליציי־צירקלען. מוליע גאָרדין האָט מסתמא געהאַט אַ היפּש ביסל לינקע ביזנעס מיט דער פּאָליציי, אַ דאַנק גרעסערס קרובה, וואָס איז געווען אַנגעשטעלט ביי אים. דער גאַנצער ענין איז מסתמא אויפגעדעקט געוואָרן: דערפאַר אויך די צושליסונג פון זיין קאַנטאָר. האָט מען מסתמא אויך אַראָפּגעזעצט דעם פּאַספּאָרטיסט פון מיין פּאָליציי־צירקל, וואו מוליע איז געווען דער „מאַכער״. „ויקם״ — איז אויפגעקומען איינער, „אשר לא ידע את מוליע״ — און דערפון מיין קאַטאַסטראָפע.

אַ דערקלערונג פאַר אַ צרה איז אָבער ניט קיין תרופה פאַר איר. וואָס טוט מען? צום גליק האָב איך געהאַט נאָך אַ פריינט אין פעטערבורג, אַן אַלטן יידן, שטיקין, דעם פאָטער פון מיין פריינט ליזאַ שטיקין, נאָך פון מיינע יאָרן אין טולע, — אַ גוטן און ליבן מענטשן, וועלכער פלעגט ניט זעלטן אַריינקומען צו מיר, געוואויר ווערן וואָס איך מאַך, און איבערגעבן אַ גרוס פון דער טאָכטער.

שטיקין האָט געמאַכט עפּעס אַ דערפינדונג, באַקומען אַ פּאַטענט, גע־האַפּט נתעשר צו ווערן פון אים. שוין אַ יאָר זיבן, ווי ער האַלט זיך אויף אין פעטערבורג, און — אָט־אָט דאַרף אָפּגעשלאָסן ווערן דער קאָנטראַקט מיט אַ גרויסער פירמע, וואָס דאַרף ביי אים קויפן דעם פּאַטענט. פון אים האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין פּעטערבורג טרייבן זיך אַרום אַ היפש ביסל יידן מיט פּאַטענטן אין די קעשענעס און מיט „זיכערע" אויסקוקן אויף מיליאָנען, וואָס דאַרפן אָט־אָט אַריינפליסן אין זיי.

דערווייל אָבער גייען זיי, אָט די דערפינדער, אַרום הונגעריקע, האַלטן זיך אויף דאָס רוב אין דעם שיינעם יוסופאָוו־גאָרטן, פאַרקויפן איינער דעם אַנדערן די פּאַלאַצן וואָס אַרום אים, אָדער פלעטן זיי אויס, און דער גליק־לעכער קונה אָדער דער „זכה בגורל" פלעגט דאַרפן מכבד זיין די גאַנצע קאָמפּאַניע מיט — צו אַ טעלער אַרבעס־זופּ ערגעץ־וואו אין אַ קיך פאַר אַרעמעלייט.

אַן אינטערעסאַנט ווערטל פלעגט זיך פאַר מיר אויסמאָלן אין שטי־קינס הומאָריסטישע שילדערונגען פון אָט די יידישע „עדיסאָנס" אין פּע־טערבורג. צו זיך אַליין און צו זיין אייגענעם פּאַטענט האָט ער זיך אָבער באַצויגן זייער ערנסט. ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער ווייסט גענוי זיין ווערט, סטאַטיסטיש אויסגערעכנט, אַז ער מוז דעם דאָזיקן ווערט באַקומען, אויב ניט איצטער, איז אין אַ ווײַלע שפּעטער. אַראָפּלאָזן פון אים וועט ער ניט.

— איר מיינט, איך דאַרף דאָס געלט צוליב זיך? — האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט. — איך וויל נאָר, אַז איבער מיין לייב זאָל זיך גיסן אַ שטראָם גילדערנע רענדלעך און זאָל אין רינעלעך זיך אַריינגיסן אַהין, וואו מען דאַרף זיי. אָבער דווקא איבער מיין לייב.

איך האָב ליב געהאַט, דעם נאַאיוון פאַנטאַסט, די פאַרקערפּערונג פון יידישער עקשנות און יידישן בטחון. געלעבט האָט ער דערווייל פון קליי־ניקע דערפינדונגען, וואָס קאָנען ניט ווערן פּאַטענטירט, „קיקיון דיונהס", וואָס פלעגן זיך האַלטן אין מאַרק נאָר אַ קליינע צייט, ביז אַן אַנדער פירמע פלעגט זיי אויפכאַפּן און מאַכן נאָך בעסער און ווערלווערלער, אָדער ביז דער עולם וועט סתם וואַרפן אַן אומחן אויף זיי.

זיין אַדרעס האָב איך געהאַט. האָב איך אים געבעטן אין אַ בריוו, ער זאָל מיך קומען זען. ווער ווייסט? אפשר קאָן ער אויך פאַר מיין לאַגע צוטראַכטן אַ קליינינקן „פּאַטענט".

און כך הווה! ווען איך האָב אים דערציילט, אין וואָס פאַר אַ קלעם איך בין, האָט ער ניט געמאַכט קיין גרויסן וועזן דערפון און האָט מיר פאַר־

געשלאָגן, איך זאָל מיך תיכּף אַריבערקלייבן צו אים, אין זיין דירה, וואו איך קאָן בלייבן אַזוי לאַנג, ווי איך וועל וועלן.

די „זיכערקייט״ פון שטיקינס דירה, ערגעץ ווייט אין אַ עק, האָט געשטאַמט דערפון, וואָס דער באַלעבאָס פון דעם הויז איז אַליין געווען אַ פּאָליציסט פון אַזאַ ראַנג, וואָס האָט אויסגעשלאָסן, מען זאָל ביי אים מאַכן הויז־זוכונגען אָדער „כאַפּונגען״. באַשטאַנען איז די „דירה״ פון איין גרויסן טונקעלן צימער, מיט אַ באַזונדער אַריינגאַנג פון הויף. „מעבלירט״ איז זי געווען מיט הילצערנע „נאַרעס״, וואָס האָבן פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט, פון אַ שרייב־טיש און אַ שטול. אויף די „נאַרעס״ פלעגט שטיקין און איך שלאָפן, אָדער זיצן, ווען מיר זיינען געווען אין דער היים. ביים שרייבטיש פלעגט דאָס רוב אַרבעטן אַ יונגער דייטשער אינזשענער, תמיד פאַרנומען מיט צייכענונגען און רעכענונגען; דער אינזשענער פלעגט מיט זיינע טעכנישע קענטענישן העלפן שטיקינען אַרויסצוברענגען זיינע המצאות מכּוח אל הפּועל.

וואוינען איך אַזאַ „דירה״ און אַרבעטן האָב איך ניט געקאָנט. נעמען זיך ערנסט פאַר אַ נייער אַרבעט אין דער ביבליאָטעק — פאַר דעם נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעם, — איז פאַר מיר אויך געווען אוממעגלעך, אַ דאַנק דער געדריקטער שטימונג, וואָס האָט מיך דעמאָלט באַהערשט. פלעג איך די גאַנצע צייט, וואָס מיין מאַנוסקריפּט איז געלעגן „אין דעם מאָגן פון דעם וואַל־פיש״, זיך אַרומפּלאָנטערן אין שטאָט, באַזוכן באַקאַנטע, דער עיקר, פון דער שטודירנדיקער יוגנט, און דאָס רוב פירן דיסקוסיעס מיט איר.

נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין אָט דער ספערע, אויף וועלכער די „רעוואָלוציע״ האָט געלייגט אירע וויכטיקסטע האָפענונגען. שוין אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען האָב איך אָנגעמערקט, אַז די יוגנט האָט זיך גענומען אַלץ מער און מער אָפּקערן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אפילו פון אַ סימפּאַטישער שטימונג צו איר. נאָך מער: עס האָט זיך גענומען איינשטעלן ביי איר אַ געוויסער רעוואָלט אַנטקעגן דער גאַנצער אידייאישער ספערע, אין וועלכער די רעוואָלוציאָנערן האָבן געלעבט און געאָטעמט: אַנטקעגן די מיכאַילאָווסקיס און די לאַווראָווס, אַנטקעגן אַלע פּראָגרעסיווע טענדענצן פון די זיבעציקער יאָרן. ווער רעדט שוין וועגן די קאַריפעיען פון די זעכציקער יאָרן, פון פּיסאַריעוו, דאָבראָליובאָוו און טשערנישעווסקי, אויף וועלכע מען האָט מיט גרויס ביטול און חוזק געקוקט איצטער פון אויבן אַראָפּ!

ביי די רייכערע סטודענטן האָט זיך אַנטוויקלט אַ דאָרשט, אויסצולעבן זיך אין אַלערליי ברוטאַלע הנאות, אין שיכּרות און זנות. די ערנסטערע,

דאָס רוב, אָרעמערע סטודענטן האָבן מיט די קרייזן ניט געהאַט קיין מגע ומשא, אָבער קיין שאַרפן פּראָטעסט האָט דער נייער אויפּפיר ניט אַרויס־גערופן. אין אַ געשפּרעך וועגן אָט דער מאָראַלישער ירידה, האָט איינער, אַ גאַנץ ערנסטער יונגערמאַן, פאַרטיידיקט זי מיט די ווערטער: „טשעם בי דיטיאַ ניע טיעשילאָס, ליש בי ני פּלאַקאַלאַ" („מיט וואָס דאָס קינד זאָל זיך ניט טרייסטן, אַבי עס זאָל ניט וויינען").

ביי דער ערנסטערער יוגנט האָט זיך אַלץ מער און מער געשטאַרקט די טענדענץ פון די „אַכציקער", ניט צו יאָגן זיך נאָך גרויסע צילן, נאָר צו טאָן קליינלעכע, טאָג־טעגלעכע, ניצלעכע אַרבעט, דער עיקר אויף דעם פעלד פון קולטור־טעטיקייט. אין אירע שטודיען האָט זיך אָט די יוגנט געגרייט דערצו. גייסטיק האָט זיך אויך געשטאַרקט ביי איר דער אינטערעס צו דער עסטעטיק און צו דער ריינער קונסט לשם קונסט.

איצטער האָט זיך אָבער געגומען קלאָר אָנמערקן ביי איר נאָך אַ נייע טענדענץ: אַ געשטייגערטער אינטערעס צו מעטאַפּיזישע פראַגן בכלל און צו דעם זין פון אַ מענטשלעכן לעבן בפרט. פאַר אונדז, וואָס האָבן נאָך געאָטעמט מיט דער לופט פון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן, מיט זייער אַבסאָלוטן אָפּוואַרפן יעדע „מעטאַפיזיק", זיינען דאָס פשוט געווען נאַאיווע קינדערייען.

קיין אינטערעס צו רעליגיע, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט ערשט אין די ניינציקער יאָרן, איז דעמאָלט נאָך ניט געווען צו מערקן. עס האָט, אדרבה, גענומען ציען צו זיך אַ מעטאַפיזישע ריכטונג, וואָס איז אין איר תוך געווען פיינטלעך צו די הערשנדיקע קירכלעך־טעאָלאָגישע דאָגמעס: די אַנטאַיסטישע ריכטונג. דער פעסימיזם האָט גענומען ווערן דאָס מאָדע־וואָרט, אָנשטאָט „סאָציאַליזם", „מאַטעריאַליזם" און „עמפּיריזם". די נעמען שאָפּענהאַוער און האַרטמאַן האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די מיכאַילאָווס־קיס, די לאַווראָווס, די לאַסאַלס און די קאַרל מאַרקסעס.

ביי דער יידישער סטודענטנשאַפט האָבן באַדייטנדיק זיך גענומען הייבן די פאָנדן פון דעם „פּאַלעסטינאָפילנטום", פאַרבונדן ביז צו אַ געוויסן גראַד מיט אַן „אַנטי־רוסנטום".

אַלץ גאַנץ געפערלעכע „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָפּנייגונגען", ווי מען מעג זיי אָנרופן אין אונדזער איצטיקן פּאָליטישן זשאַרגאָן. און דאָס אַלץ האָט זיכער ניט געקאָנט מיר „גרינגער מאַכן אויפן האַרצן" אין מיין אויך אָן דעם היפּש־געדריקטער שטימונג.

75

לעצטע טעג אין פעטערבורג און די צוגרייטונג פון מייז בוך „געדאַנקען"

סוף מערץ 1887 האָב איך צוריק באַקומען מיין שריפט מיט דעם געגאַרטן היתר „דאָזוואָליענאָ צענזוראָיו" („דערלויבט פון דער צענזור"). קיין גרע־סערע קירצונגען זיינען ניט געמאַכט געוואָרן. דאָס קיצלדיקע קאַפּיטל וועגן ישו און די ערשטע יידישע קריסטן איז לכתחילה ניט אריין אין דער קאַפּיע, וואָס איך האָב דערלאַנגט דער צענזור, נאָר דאָ און דאָרטן האָבן ליניעס מיט רויטן טינט אויסגעמעקט אַ פּאָר שורות, אַ פּאָר ווערטער, וואָס דורך דעם איז אַ ברעקל ניט געענדערט געוואָרן דער זין. „גאָר מיט חסד!" — האָב איך זיך אַליין געמוזט זאָגן.

דאָס איז פאַר מיר געווען — איך שעם זיך ניט צו דערציילן — אַ גאַנץ היפּשער יום־טוב. עס האָט ווי ווידער די זון אַ שיין געטאָן פאַר מיר אין דעם רעכטן חושך פון די לעצטע פּאָר וואָכן. איך האָב ווידער דורכגעלייענט דעם מאַנוסקריפּט. עס האָט פאַדראָסן וואָס דאָס און יענס האָט ניט געקאָנט אַריינגיין אין אים. אָבער בדרך כלל האָב איך געהאַט די פולע זיכערקייט, אַז די „געדאַנקען" פאַרדינען אויסגעהערט צו ווערן און אַז זייער פאַרעפנטלעכונג איז אַ נייטיקער שריט אין יענער אַרבעט פאַר דער נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג פון אונדזער פאָלק, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף מיין גורל.

אָבער דאָ האָבן זיך ווידער גענומען קלייבן וואָלקנס פון דאגות אויף מיין נאַר־וואָס אויסגעלייטערטן הימל. די שריפט דאַרף דאָך ארויס ווי אַ באַזונדער בוך. אויף אַ רוסישן פאַרלעגער איז, נאַטירלעך, ניט געווען וואָס צו האָפן. דער איינציקער רוסיש־יידישער פאַרלאַג איז געווען דער פאַרלאַג, וואָס ביים „וואָסכאָד". אמת, לאַנדוי האָט ניט געוואָלט אָננעמען די שריפט פאַר זיין זשורנאַל, אָן הרכבים הסכמה. אָבער פאַרוואָס זאָל ער דאָס ניט אַרויסגעבן ווי אַ פאַרלעגער? קיין האָנאָראַר וואָלט איך ניט פאַרלאַנגט. דער פאַרקויף וואָלט „זיכער" געדעקט זיינע קאָסטן, זיין פאַר־לעגערישן פּראָפּיט און נאָך אפשר איבערגעלאָזט עפּעס אויף פאַר מיר.

ווי איז אָבער, ווען לאַנדוי זאָגט זיך אָפּ? דעמאָלט דאַרף מען דאָס דרוקן אויף דעם אייגענעם חשבון. דאָס מוז געדרוקט ווערן! דאַרף מען אָבער דערצו האָבן „מזומנים״ . . . ביז צו יענער צייט האָב איך אין מיין לעבן קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן, אַ דאַנק דער ליבעפולער זאָרג פון מיינע עלטערן פאַר אַלע מיינע הצטרכותן. אויף מיינע אייגענע הוצאות פלעג איך אויך אין פעטערבורג באַקומען פון זיי וויפל איך האָב געדאַרפט. אָבער דאָ איז אַ גאַנץ אַנדער פאַל. קודם, שמעקט דאָס מיט אַ גרעסערער סומע. נאָר ניט דאָס איז דער עיקר; אויב דער פאָטער וואָלט אייַנגעזען, אַז מע דאַרף זי אויסגעבן, וואָלט ער מיר אַרויסגעהאָלפן מיט דעם נייטיקן געלט.

איז דאָך אָבער דער ענין אַן אידייאישער. און איך האָב שוין געהאַט מיט מיין פאָטער דערפאַרונגען אין אַזעלכע ענינים: ער טרויט ניט זיין אייגענעם אורטייל; ער באַטראַכט זיך פאַר צו ווייניק קאָמפּעטענט אין די נייע באַוועגונגען און שטרעמונגען. ער באַציט זיך, אמת, מיט אַ געוויסן רעספּעקט אויך צו מיינע מיינונגען, אָבער אויטאָריטאַטיוו פאַר אים זיינען זיי ניט. מער געוויכט לייגט ער אויף די מיינונגען פון זיינע פּאַלעסטינאָ-פילישע פריינט, ווי דער אַדוואָקאַט גראַד אין סמאָלענסק אדער דער ז. קאַפּלאַן („זקן״) פון ריגע. ווי איז — ער שלאָגט מיר פאָר, איך זאָל אייַנעם פון זיי איבערגעבן די שריפט דורכצוקוקן און גוטהייסן? . . . מער פעלט מיר טאַקע ניט, ווי נאָך דורכגיין אַ די צענזור! . . . זיכער וואָלט די נייע „צענזור״ פאַרלאַנגט, איך זאָל לפּחות אַרויסוואַרפן יענע שטעלן, וואו איך פּאַל העפּטיק אָן אויף דער פּאַלעסטינאָפילישער באַוועגונג פאַר איר רעאַק-ציאָנערן כאַראַקטער, — אַ זאַך, אויף וועלכער איך וואָלט בשום אופן ניט געקאָנט אייַנגיין.

אין אַט דער קלעמעניש האָב איך לסוף באַשלאָסן, זיך צו ווענדן צום פאָטער מיט אַ לענגערן בריוו, דערציילן אים קורץ און שאַרף „דברים כהיותן״ (די זאַכן ווי זיי זיינען) און בעטן אים, ער זאָל מיר ענטפערן מיט אַ דעפּעשע, צי ער וואָלט אונטער אַזעלכע אומשטענדן געווען מרוצה צו העלפן מיר.

די אויסאַרבעטונג פון דעם בריוו האָט ביי מיר גענומען אַ פּאָר טעג. קיין „סופר מהיר״ אין העברייאיש בין איך קיינמאָל ניט געווען. אַ העברייאיש בריוול צו מיין פאָטער פלעג איך אַלעמאָל קאָנען שרייבן גאַנץ גרינג, אפילו מיט אַ תלמודישן וויץ דאָ און דאָרט. אָבער איצטער דאַרף מען ריידן וועגן גאַנץ הויכע ענינים, און מיין העברייאישע פעדער איז נאָך גאָר ניט געווען געוואוינט דערצו. וועגן שרייבן דעם בריוו אין יידיש איז מיר גאָר אויפן זינען ניט אַרויף. ווי איך זע דאָס איצטער, וואָלט אַזאַ שריט

באַטייט אַ גאַנצע רעוואָלוציע, און דערצו — ניט קוקנדיק דערויף וואָס איך בין שוין געווען אַ יידישיסט, איז אַן אינטעליגענט יידיש לשון פאַר אַבסט־ראַקטערע ענינים נאָך ניט געווען בנמצא — על כל פנים ניט ביי מיר. עס וואָלט מיר דעמאָלט אסך שווערער געווען אויסצודריקן מיינע געדאַנקען אין אַ ריינעם יידיש, איידער אין העברייאיש.

איך געדענק איצטער ניט ספּעציעל וואָס איך האָב אין יענעם בריוו געשריבן, אָבער אַ גוטע ווירקונג האָט ער געהאַט. איך האָב באַלד באַקומען אַ באַרואיקנדיקע דעפּעשע און אין אַ פּאָר טעג אַרום אַ לענגערן בריוו, וועלכן איך האָב געלייענט מיט דער פריידיקסטער אויפרעגונג און מיט דער שטאַרקסטער ליבע צו מיין פאָטער.

איך ווייס ניט, ס׳קאָן זיין, עס איז צו סענטימענטאַל פון מיין זייט, אָבער איך קאָן מיך ניט איינהאַלטן ניט צו געבן דאָ דעם בריוו אין זיין העברייאישן טעקסט, מיט נאָר אייניקע קירצונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט ריינע פאַמיליע־ענינים. סוף־סוף דוכט מיר, אַז דער בריוו האָט אויך אַ געוויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט, בפרט אין אונדזער צייט, ווען מע שטודירט אַזוי שטאַרק די פאַמיליע־געשיכטעס ביי איינצלנע פעלקער.

דער בריוו לייענט זיך אַזוי:

„בשם ד׳ וויטעבסק, אפּריל 6, 1887. בני היקר, מחמד נפשי מ׳ חיים זיטלאָווסקי. — את מכתבך היקר והארוך מן 30 מארץ לנכון הגיעני. ניחמתיך באמרים קצרים ומעטים ע״י דעפּעשע מן 4טען דנאָ, אשר בטח הגיעך, גם הרגיע את רוחך — עתה גם עתה עת הספּלאָוו לנו, אשר העת יקרה לנו מכל יקר. לכן לא אוכל להאריך אמרים ולדבר ברחבה, ככל העולה על רוחי, ורק בקצרה הנני להשיבך דבר על אפניו. — 1) אם ה׳ לנדוא מו״ל ה„וואָסכאָד״, יאות על תנאי הדפסת ספרך כחפצך, אז מה טוב ומה נעים בכל האופנים. — 2) ואם עם ה׳ לנדוא לא תבוא לעמק השוה, אז בני יקירי, הנני, הנני להושיעך בישע ד׳ ולהיות לך עזר בצר עם הכסף הדרוש לך, אשר על ידי הכסף תצא למרחב ותוציא לאור את מחברתך ותפיק את מחשבתך לאור ולפעולת ידים, וחכמותיך בחוץ תרונה (!) — 3) את מחברתך תדפיס בעיר מאָסקוואָ, ומעיר פ״ב תעתיק אהליך, כי קצר המקום לכל ישראל שמה; ומאן דביש ליה בהאָ מתאָ, ליזל במתאָ אחריתאָ וייטב לו. גם ירחב דעתך שמה, במקום אשר ירחב גבולך. — 4) לדעתי טוב הדבר אם תבוא לפה ותסור לביתך על ימים אחדים ונדברו דברים אחדים על כל, ואז תסע שלום למאָסקווע. אולם אם לא תאבה ללכת לפה, כי אם ישר מפ״ב למאָסקוואָ, אז ארשים לך האַדרעסע של האָדאָוו. — אבל לא אדע איך לכלכל הדבר עם הכסף וכל דבר אשר לנו לדבר בפרטיות

כדי בעי, אשר בכתובים לא תדבר. — 5) שמע נא, בני יקירי, אלי וישמע אליך אלקים. בוא נא, ברוך ד׳, לפה, גם ברוך תחי׳. בפה נדברו ברחבה ונכלכלו הדבר על נכון בישע ד׳. ומפה תסע שלום למאָסקווא צלחה. אבל מהר נא את נסיעתך לפה, שלום, חיש מהר, כי הלא בעוד עשרה ימים מוכן אנכי לנסוע לריגא צלחה, והטרדות רבות הנה, ולא עת יהי׳ לנו לדבר ולהתיישב בדעה מיושבת. הודיעיני נא, בני יקירי, תיכף על מכתבי זה, את מחשבותיך ופעולותיך, למען אדע את אשר אתך לטוב. — הדאָ־וויערענאָסט של ה׳ שפירא שלח נא לי אותה לפה או לריגא על אדרעסע שלי ואחדשה שמה ואשיבה אותה לידיך, יען כי היא תהי׳ למחסה ולמשגב לך גם במאָסקווא . . . — הספלאָוו הולך בטוב, תודה לד׳. — ובזה אתם את דברי. עזוב נא את העיר פ״ב, המונה ושאונה ואל תבט מאחריה. בוא נא אלינו שלום ומפה תסע למאָסקווא, ותלך מחיל אל חיל, ובכל אשר תלך תשכיל אף תצליח, כלבב אביך אוהבך מקרב ולב עמוק, יוסף זיטלאָווסקי״.

איך וויל דאָ ניט איבערזעצן דעם בריוו אין יידיש. אַלע מאָל, ווען ער שווימט אַרויף פאַר מיר על פי צופאַל פון מיין זייער ניט איינגעאָרדנטן אַרכיוו, לייען איך אים נאָך אַמאָל דורך, ווי אויך אַנדערע העברייאישע בריוו, וואָס שטאַמען פון מיין פאָטערס פעדער. עפּעס אַ באַזונדער חן שטראַלט פאַר מיר אַרויס פון אָט דעם אַלטן מליצהדיקן העברייאיש, געשריבן אין איילעניש, אין רעכטן ברען פון די „עסקים״, פון דעם „ספלאַוו״ (די צייט, ווען מע בינדט אויפן וואַסער דאָס געהילץ אין „פּליטן״, כדי אראָפּ־צולאָזן זיי מי׳ט דער דווינע, — דער „דזשווינע״, — קיין ריגע). איך בין זיכער, אז דער חן, וואָס איך שפיר אים אין אזעלכע פאַרדאַפּלטע אויס־דרוקן, ווי „עתה גם עתה״, „מהר חיש מהר״, „למחסה ולמשגב״, איז ניט נאָר א ריין סוביעקטיווער געפיל ביי מיר, געוואָרצלט אין דער ליבע פון אַ קינד צו א פאָטער. עס איז דער חן, וואָס שלאָגט פון דעם תנ״ך. אָט דער חן פעלט אונדז, די איינגעבוירענע אין דער גאַר אַלטער העברייאישער קולטור, ער פעלט אונדז אין דעם מאָדערנעם העברייאיש, וואָס איז דער־גאַנגען איצטער „מחיל אל חיל״ צו אַ פאַר אונדז שיר־אומפאַרשטענדלעכן זשאַרגאָן.

דער תוכן פון דעם פאָטערס בריוו, אויף וועלכן פילע פון מיינע לייענער האָבן, צום באַדויערן, מסתמא געקוקט ווי העגער אין „בני אדם״, איז בקיצור אַזאַ: דער פאָטער איז גרייט צו העלפן מיר מיטן נייטיקן געלט. ער שלאָגט פאָר, איך זאָל פאַרלאָזן פעטערבורג און דרוקן מיין

ווערק אין מאָסקווע. ער וואָלט געוואָלט, איך זאָל פריער קומען אַהיים, קיין וויטעבסק, כדי דורכצושמועסן זיך וועגן אַלץ.

אויף וויפל מיר געדענקט זיך, האָב איך גאָרנישט געהאַט קעגן דעם פאָרשלאָג, צו קומען אויף אַ פּאָר טעג קיין וויטעבסק, אָבער מסתּמא האָט זיך עפּעס געמאַכט, וואָס האָט צעשטערט דעם פּלאַן. אפשר האָט דער פאָטער געמוזט אוועקפאָרן קיין ריגע, איידער ער האָט גערעכנט, אָדער איך האָב געמוזט פאַרבלייבן אויף נאָך אַ פּאָר טעג אין פּעטערבורג. על־כּל־פּנים, איז אין מיין זכרון ניטאָ קיין איין מאָמענט, וועלכן איך וואָלט געקאָנט צונויפבינדן מיט מיין זיין אין וויטעבסק אויף דעם וועג קיין מאָסקווע. נעם איך אָן, אז איך בין גלייך פון פּעטערבורג געפאָרן אַהין.

איידער אָבער איך פאַרלאָז פּעטערבורג (אין דער איצטיקער באַשריי־בונג פון מיין לעבן), וויל איך נאָך אין א פּאָר ווערטער באַרירן יענע פּלענער אונדזערע, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער דירעקטער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אויב די לייענער געדענקען פון מיינע פריי־ערדיקע קאַפּיטלען, איז דער פּלאַן געווען די גרינדונג פון נאַראָדאָוואָלישע קרייזלעך, אַזוי צו זאָגן, „פון אונטן ארויף", ניט וואַרטנדיק, ביז אַ וועלכער עס איז מיטגליד פון דער פּאַרטיי („פּאַרטיעיעץ") וועט זיך באַווייזן און וועט דאָס טאָן. די קרייזלעך האָבן געדאַרפט זיין צונויפגעשטעלט פון דער יִטודירנדיקער, אָדער צום שטודירן־שטרעבנדיקער יוגנט. ארבעטער, ווי ארבעטער, זיינען אין דעם חשבון ניט אריין. ביי אונדז האָט קיינער דע־מאָלט ניט געטראַכט וועגן דעם. מיין אויפגאַבע אין פּעטערבורג האָט גע־דאַרפט זיין, צו באַזאָרגן די קרייזלעך מיט דער אונטערערדישער ליטע־ראַטור.

אין קרייזל אַזאַ האָט זיך, אונטער מיין ווירקונג, געגרינדעט אין ריגע, און איך האָב אַהין צוגעשטעלט אַ גאַנץ היפּשן פּאַק אומלעגאַלע שריפטן. אָבער פון דאָרטן האָב איך די גאַנצע צייט ניט געהערט אפילו קיין פּיפּס. אַסך שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אז דאָס קרייזל איז זיך באַלד טאַקע צעקראָכן. די מיטגלידער זיינען אָדער פאַרטאָן געווען אין ריין־פּערזענ־לעכע דאגות, אָדער אין שטרעבונגען, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין ברעקל שייכות צו רעוואָלוציע. מסתּמא האָבן זיך אויך אהין אריינגעכאַפּט די נייע, אנטי־רעוואָלוציאָנערע ווינטן, וואָס האָבן זיך שוין היפּש שאַרף ארומ־געטראָגן ביי דער פּעטערבורגער יוגנט: די ווינטן פון די „וואָסמידיעסאָט־ניקי", מיט זייער שטרעבן צו טאָן קליינלעכע קולטור־אַרבעט אין פאָלק, — די ווינטן פון דעם „עסטעטיציזם" און אפשר אויך פון דעם „פּעסימיזם".

וועגן איינעם פון דעם ריגער קרייזל, אפשר דעם גלענצנדיקסטן פון זיי אלעמען, מיינעם א נאָענטן פריינט פון קינדוויז אָן, איז מיר שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַזאַ עפּיזאָד: ווען די דעמאָלט באַרימטע באַלעט־טענצערין צוקקי, האָט זיך באַוויזן אין יענע מקומות און איז ארומגעפאָרן אויף א טור, האָבן אירע פיסלעך אים אזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ און דאָס האַרץ, אז ער, — דער אויסערסט קלוגער, דער ברויזנדיק־ענערגישער, דער טיפער רעאַליסט אין אָפּשאַצן לעבנס־פּראָבלעמען און דערשיינונגען, האָט, האַרט פאַר זיינע ענד־עקזאַמענס, אוועקגעוואָרפן זיין שטודיום אין פּאָליטעכניקום און האָט זיך געלאָזט פאָרן נאָך דער צוקקי, וואו זי פלעגט נאָר אויפטרעטן. אזוי האָט מען מיר דאָס דערציילט, ווי א זיכערן פאַקט. אויך אין אָט דעם פאַקט האָט זיך, כמעט ווי סימבאָליש, אויסגעדריקט די נייע שטימונג ביי דער יוגנט. איך האָב זי געשפּירט אויף שריט און טריט, האָב נאָך אבער אלץ ניט געקאָנט באַנעמען זי מיטן שכל, ניט געקאָנט פאַרשטיין איר היסטאָרישע אומפאַרמיידלעכקייט אין דער דעמאָלטיקער רעוואָלוציאָנערער לאַגע און איר ראָל אין דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס איך בין געווען אריינגעטאָן, ראשי ורובי, אין דער יידישער געשיכטע, האָב איך אויך ניט געהאַט קיין שום ידיעות פון וויטעבסק, — איך מיין פון די חברים. ערשט ווען איך האָב מיך באַפרייט פון דער ארבעט האָב איך מיך ווידער פאַרבונדן מיט מיין נאָענטסטן חבר, קאָליאַ לאַכאָוו. זיין לענגערער ענטפער אויף מיין בריוו איז, ניט קוקנדיק אויף זיין שטשעדריניש־סאַטירישן טאָן, געווען אַן אמתע „איכה ישבה בדד".

זינט די צוויי וויכטיקסטע קרייזל־חברים, — דוכאָוויטש און לוקאשעוויטש, — זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, האָט זיך וויעראַ לאַכאָוו אין גאַנצן פאַררוקט אין איר קרעבסשאָל. די אַנדערע זיינען געווען אין גאַנצן פאַרטאָן אין דעם טעגלעכן חיונה־קאַמף, דעם אַזאַ ביטערן און שווערן. געבליבן איז נאָר קאָליא, „איינינקער אליין". פון זיינע סאַטירישע שילדערונגען און וויצן האָבן זיך געטראָגן צו מיר טיפע וויי־געשרייען פון א געפייניקטן געמיט.

נאָר אַ פּאָר שטעלן זאָלן דאָ געבראַכט ווערן פון יענעם בריוו.

„... מיין שטעל האָב איך פאַרלאָרן ניט דורך מיין שולד. די פּאָליציי האָט באַפוילן ס." (איך לאָז דורך דעם נאָמען). „ער זאָל מיך תיכף אָפּזאָגן פון דער שטעל, ווי איינעם, וואָס האָט ניט קיין רעכט צו דינען. א דאַנק זיין פּראָטעקציע, האָב איך געוועזט געפונען אַן אַנדער באַשעפטיקונג פאַר

25 רובעליעס אַ חודש. האָט זיך די פּאָליציי ווידער אריינגעמישט, און מיין שטעל האָט דורכגעברענט. געפּרואווט זיך ווענדן צום גובערנאַטאָר, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, מחמת ניטאָ ביי אים קיין רעכט מתיר צו זיין. געשיקט א ביטע דעם מיניסטער, און אָט, דוכט זיך, איז שוין אָנגעקומען דער היתר"...

„אויב איר וואָלט איצטער געקאָנט א קוק טאָן אויף מיר, וואָלט, כ'לעבן, בלי שום ספק, אויפגעשטאַנען פאר אייער, אזוי צו זאָגן, גייסטיקן אויג, אַ נאַסער, ארומגעצופּטער האָן, מחמת גראָד אָט דעם אָנבליק האָט איצטער אייער עבדכם הקטן"...

אָבער ניט נאָר קאָליא איז אויפגעשטאַנען פאר מיין „גייסטיקן אויג", אין אָט דעם בילד. עס האָט זיך געדוכט, אז אונדזער גאַנצער מחנה, אויף וויפיל זי איז געבליבן אויף דער פריי, כאַפּט איצטער דעם אנבליק פון א „נאַסן, אָפּגעצופּטן האָן".

איך האָב אָבער בשום אופן ניט פארלאָרן די האָפענונג, אַז די פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" וועט ווידער אויפלעבן אין איר פריערדיקן גלאַנץ און פּראַכט: טאָקע מיט איר שארפן קאַמף אנטקעגן דער רעגירונג; טאָקע מיט דער מיליטערישער קאָנספּיראַציע אויף צו „פארכאַפּן די מאַכט" און דורכצופירן די סאָציאַליסטישע וועלט-אָרדענונג. עקשנותדיק האָב איך אויך געגלייבט, אַז עס וועט זיך איינגעבן, ווידער אויפבויען די „תשועת ישראל"-אָרגאַניזאַציע און צו דערשלאָגן זיך, אז זי זאָל אָנדערקענט ווערן ווי א לעגיטימער טייל פון דער פּאַרטיי.

עס איז דעריבער ביי מיר געבליבן, אַז ווי נאָר איך וועל אין מאָסקווע פּאַרטיק ווערן מיט דעם דרוק פון דער שריפט, זאָל איך זיך אראָפּכאַפּן קיין טולע, דאָרטן, וואו איך האָב געמאכט מיינע ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטישע שריט, און זען, וואָס עס טוט זיך דאָרטן.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט רוסישע „טאָלסטאָיאַנער״

אין מאָסקווע האָב איך ניט געקאָנט געפינען אַ וועלכע עס איז פאַר־בינדונג מיט רעוואָלוציאָנערע קרייזן, אפילו ניט מיט אַ מענטשן, אַ גאָענטן צו זיי. איך האָב אויך ניט געהאַט קיין פיל צייט צו זוכן אַזאַ פאַרבינדונג. די אַרבעט אויף דער קאָרעקטור פון מיין שריפט, די פאַרשפּעטיקונגען אין דעם גאַנג פון דעם דרוק, וואָס האָבן מיך דענערווירט; אַן אינ־טערעסאַנט בוך, וואָס איך פלעג אין דער פרייער צייט לייענען אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק פון דעם רומיאַנצאָווּשן מוזיי, — דאָס אַלץ האָט אָפּגעשטופּט אַלע אַנדערע דאגות אַן אַ זייט.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ בריוו פון מיין פריינט, ליזע שטיקין פון טולע, איך זאָל לעמאַנאַשעם קומען אַהין אי זען זיך מיט איר, אי באַקאַנט ווערן מיט גאָר אַן אינטערעסאַנטן מענטשן, וואָס דורכריידן זיך מיט אים וואָלט זיכער געווען אַ גרויס געווינס פאַר מיר. דאָס איז — אַנאַטאָלי בוטקעוויטש. ווער אַנאַטאָלי בוטקעוויטש איז, האָב איך געוואוסט נאָך פון מיין פריערדיקן לעבן אין טולע. ער איז געווען אַ ברודער פון יענעם גימנאַזיסט, וואָס האָט זיך געלערנט איינבינדעריי, כדי דערנאָך צו עפענען אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג, כנוסח טשער־נישעווסקי. אַנאַטאָלי איז אָבער געווען אַ „נאַראָדאָוואָל״, דעמאָלט אַ פאַרשיקטער ערגעץ־וואוהין קיין סיביר. איצטער האָט מען אים דער־לויבט צוריקצוקערן זיך קיין טולע און וואוינען דאָרטן אונטער דער אויפ־זיכט פון דער פּאָליציי.

זען זיך מיט אים און זיך גוט דורכשמועסן וועגן דער לאַגע פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, ווי אויך זען זיך מיט ליזען, וואָס האָט גע־הערט צו די מיר טייערסטע מענטשן אין לעבן, איז אוודאי געווען אַ גע־נוג מאַגנעטישער פּלאַן. און ווי נאָר איך האָב אָוועקגעטראָגן אין דרוק דעם לעצטן קאָרעקטור־בויגן, האָב איך מיר אויף אַ פּאָר טעג אַראָפּ־געכאַפּט קיין טולע.

דער דאָזיקער וויזיט האָט מיר אָבער פאַרשאַפט אפשר אַ סך מער צער, איידער פרייד. ליזע האָט זיך דאָרטן איינע אַליין דורכגעפלאָגט

מיט אַ קראַנקער שוועסטער. אָבער ניט דאָס אַליין איז געווען די שאָטנ־זייט אין דער לאַגע. די געשפּרעכן מיט ליזען און אַנאַטאָלין האָבן מיר באַוויזן, אַז זיי ביידע זיינען אַוועק ווייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן פעלד אין אַ ריכטונג, וואָס איז מיר ביז אַהער געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. דאָס האָט אַריינגעטראָגן אַ היפּשע אומרו אין מיין, ווי איך האָב געגלייבט, שוין פעסט און אַבסאָלוט זיכער איינגעשטעלטן סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם.

שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט בוטקעוויטש געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אַ בלינדער אויף איין אויג, מיט אַ ברייטער לענגלעכער באָרד, האָט פון זיין גאַנצער פיגור געוויזט אַ שטילער פרידן פון איינעם, וואָס איז שוין פאַרטיק געוואָרן מיט אַלע חשבונות אין לעבן. אַן אַריינגעטאָנענקייט אין זיך, אַ מאָנאַכיש־אַסקעטישע צוריקגעצויגנקייט פון דער וועלט האָט זיך געטראָגן פון אים. נאָר דאָס גרויסע, זעעוודיקע אויג האָט געקוקט פאַרשנדיק און פרעגנדיק. ס'קאָן זיין, אַזאַ אויסדרוק אין בליק איז ביי יעדן איין־אויגיקן.

תחילת האָב איך געמיינט, אַז דאָס האָבן די שווערע איבערלעבענישן אין דער פאַרשיקונג אַרויפגעלייגט אויף אים דעם שטעמפּל פון וועלט־פאַרפרעמדטקייט. אָבער ליזע האָט מיך פאַרזיכערט, אַז דאָס איז טאַקע זיין נאַטירלעכער מהות, — דער מהות פון אַ מענטשן, וואָס לעבט דער עיקר מיט ריין־אינעווייניקסטע, רייך־רוחניותדיקע אינטערעסן.

דער שפּיץ פון דער זאַך, — און אַ גאַנץ שאַרפער שפּיץ, — איז געווען, וואָס ליזע און אַנאַטאָלי זיינען געוואָרן אַנהענגער פון אַ נייער ריכטונג אין דער רוסישער גייסטיקער וועלט, — די ריכטונג פון גראַף ל. טאָלסטאָי. אַזאַ מין זאַך, ווי „טאָלסטאָיאיזם”, איז פאַר מיר געווען אַן אַבסאָלוטע נייס. איך געדענק ניט, צי די ריכטונג האָט שוין דעמאָלט געהאַט דעם באַשטימטן נאָמען. קיין געדרוקטע ליטעראַטור איז נאָך ניט געווען, אַפילו ניט קיין העקטאָגראַפירטע. זי איז באַשטאַנען פון טאָל־סטאָיס בריוו און איינצלנע כתבים, — אַלץ אין קאָפּיעס.

מיינע טאָלסטאָיאַנישע פריינט האָבן אָבער אויך געשעפּט דירעקט פון דעם מקור, אַ דאַנק דעם פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט דעם גראַף טאָלסטאָי און מיט איינעם פון זיינע ערשטע אַפּאָסטאָלן, דעם לערער פון דער פאָלקשול אין „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ” (טאָלסטאָיס פריצישער גוט), פיינערמאַן, שפּעטער באַקאַנט אין דער ליטעראַטור אונטער דעם פּסעוו־דאָנים טענעראָמאָ.

ליזע האָט זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון יענעם יידישן יונגן מאַן. זי האָט מיר אויך פאַרגעשלאָגן, מיר זאָלן זיך דורכפאָרן צו אים. עס האָט זיך מיר גריילעך געוואָלט אַריינפאָרן קיין „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ", ניט צוליב דער געלעגנהייט אַ כאַפּ צו טאָן אַ בליק אויף דעם גרויסן רוסישן קינסטלער און אפשר זוכה צו זיין רעדן מיט אים, נאָר בפירוש כדי באַקאַנט צו ווערן מיט פיינערמאַנען. ליידער האָב איך מיך געאיילט צוריק קיין מאָסקווע. איך האָב אָבער צוגעזאָגט ליזען צוצושיקן אַן עקזעמפּליאַר פון די „מיסלי" אויף פאַר אים, און איך האָב דערנאָך באַקומען פיינערמאַנס אַ גאַנץ לאַנגן בריוו, אָפיציעל געשריבן צו ליזען, מיט אַ פּאָר קריטישע באַמערקונגען וועגן מיין בוך און אַ לענגערער דיסערטאַציע וועגן דעם מהות פון דער נייער ריכטונג און דער יידן־פראַגע אין דער נייער באַלייכטונג.

פון די געשפּרעכן מיט די טולער פריינד און פון פיינערמאַנס בריוו האָב איך אַרויסגעטראָגן אַ מער אָדער ווייניקער קלאָרן באַגריף וועגן דער נייער תורה. איך וועל דאָ איבערגעבן דעם תמצית פון פיינערמאַנס בריוו.

ווי אַזוי פיינערמאַן איז געוואָרן אַ „טאָלסטאָיאַנער", ווי ער איז באַקענט געוואָרן מיט טאָלסטאָיען און געוואונען זיין צוטרוי, ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ער איז געווען אַ טישלער (אַ סטאָליער) און האָט זיך געשמדט כדי צו מעגן וואוינען אין „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ" און זיין אַ לערער אין טאָלסטאָיס פּאָלקשול.

אין זיין לאַנגן בריוו באַשרייבט ער די עקלהאַפטע פּראָצעדור, וואָס ער האָט געמוזט דורכמאַכן ביי אָפיציעל אָננעמען דעם „פּראַוואָסלאַוונעם" גלויבן. די באַשרייבונג איז פאַרבונדן מיט דער קריטיק פון דער קירך, פון אַלע אַלטע רעליגיעס, ווי בכלל פון אַלע סאָרטן איינטיילונגען און מחיצות צווישן מענטש און מענטש. אַלץ, וואָס טיילט אָפּ איין מענטשן פון דעם אַנדערן איז ווילד־גראָז, וואָס מוז אויסגעוואָרצלט ווערן פון אַ מענטשלעכער נשמה. ווען דאָס ווילדגראָז ווערט אויסגעיעט, בליט זיך אין איר פונאַנדער דער אמתער מענטשלעכער תוך, די ליבע צו יעדן מענטשן, די פרייד פון אַ נשמה־צונויפגוס מיט אים. אָט די געפילן פון מענטשן־ליבע און דער באַזונדערער פרייד, וואָס זי באַשאַפט, איז די העכסטע מדרגה פון גליק. צו איר דאַרף שטרעבן יעדער מענטש, דורך דער אייגענער אויסאיידעלונג פון די געפילן. די מאָראַלישע זעלבסט־פאַרפולקומענונג אין אָט דעם זין איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פאַר יעדן מענטשן. אין אָנהייב גייט עס אַביסל שווערלעך, אָבער דאָס קאָן דערגרייכט ווערן.

פיינערמאַן, דער טישלער, ווענדט דאָ אָן אַ בילד פון זיין אומנות־יד. פּאָלירן אַ שטיק האָלץ נעמט אַ היפּשע צייט. אָבער גראָד פאַר דעם סוף פון דעם פּראָצעס הייבן זיך אָן באַווייזן אויף דער אויבערפלאַך ווייסע בלעזעלעך ווי אַ שוים, וואָס פאַרדעקט דעם געוואונענעם גלאַנץ. אָבער גראָד זיי — די „סמוהאָ״, ווי דער סטאָליער רופט דאָס — זיינען אַ סימן, אַז די פּאָלירונג גייט אויף אַ ריכטיקן גאַנג און אַז באַלד וועט קומען די אמתע, פעסטע און שפּיגל־קלאָרע פּאָליטור.

די איינטיילונגען צווישן מענטש און מענטש און די רייסעגישן צווישן זיי — דאָס איז די „סמוהע״, דער שוים פון ווייסע בלעזלעך — וואָס די געשיכטע ברענגט אַרויס אין דעם פּאָליר־פּראָצעס פון מענטשלעכע נשמות. זיי זיינען אַ סימן, אַז די גאַנצע מענטשהייט איז שוין אַריין אין דעם פּראָצעס פון מאָראַלישער פאַרפולקומענונג. דער ענד־ציל פון דעם פּראָצעס קאָן אָבער דערגרייכט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען יעדער איינער וועט אַראָפּפּאָלירן אין דער אייגענער נשמה יענע שוים־בלעזלעך פון קירכלעכע גלויבנס, נאַציאָנאַלע אונטערשיידן און געפילן, פּאָליטישע און סאָציאַלע שטרייטיקייטן און שטרעבן דערצו, אַז דער אייגענער „איך״ זאָל אָפּגעפּאָלירט ווערן בלאַנק, ווי אַ שפּיגל. ערשט דעמאָלט וועט זיך קאָנען אָפּשפּיגלען אין אים דער מיט־מענטש: יענעמסליידן און יענעמס פריידן וועלן ווערן דער הויפּט־אינהאַלט פון יעדנס נשמה, און דער גרויסער אידעאַל פון אַבסאָלוטער ריינער מענטשן־ליבע און פון דעם העכסטן נשמה־גליק, וואָס איז פאַרבונדן מיט איר, וועט ווערן אַ ווירקלעכקייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אויך פון ליזעס דערקלערונגען, אין אַ פּשוטערן, ניט אַזאַ אַרויפגעג־שרויפטן טאָן, האָט געקלונגען דער זעלביקער גרונט־מאָטיוו: מען דאַרף שטרעבן צו דער באַנייאונג און ווידער־געבורט פון דעם ריינעם מענטשנ־טום אין דעם מענטשן, צו דעם אויפבלי פון יענעם קערנדל, וואָס איז אין יעדן מענטשן זיין אמתער מענטשלעכער תוך. איך האָב גלייך געמערקט, אַז פאַר ליזען זיינען אָט די רייד ניט געווען קיין נייע אַנטפּלעקונג. די טאָלסטאָיאַנישע אויסדרוקן זיינען פאַר איר, דער, אַזוי צו זאָגן, געבאָרענער טאָלסטאָיאַנערין, געווען נאָר אַ פאָרמולירן אין ווערטער דאָס, וואָס האָט תמיד געלעבט און אַרויסגעשטראַלט פון איר קרישטאָל־קלאָרער, ליבע־פולער נשמה.

מודה זיין מוז איך מיך, אַז אָט דער איינשטעל האָט גראָד איצטער אַרויסגערופן אין מיר זייער ווידערשפּרעכפולע און אָפט פיינלעכע גע־פילן און געדאַנקען. די פיינלעכע געפילן האָבן זיכער געהאַט אויך אַ

ריין פּערזענלעכן וואָרצל, וואָס זיין באַשרייבונג געהערט ניט צו די אויפ־גאַבן פון מיינע מעמואַרן. אָבער אַ חוץ אָט דעם ריין־פּערזענלעכן ענין, האָב איך האַלב אומבאַוואוסטזיניק געשפּירט ווי אַ טונקעלע געפאַר וואָלט זיך אָנגערוקט אויף מיר.

דער גאַנצער נייער איינשטעל האָט זיכער געוועקט אין מיר אַ שטאַרק סימפּאַטישן אָפּקלאַנג. עס האָט געווייט פון אים מיט דעם גייסט פון דעם אור־קריסטנטום און פון ישו, דעם קריסט, מיט וועמען איך בין איינ־טימער באַקאַנט געוואָרן אין דער פּעטערבורגער קייסערלעכער ביבליאָ־טעק, און וועמען איך האָב ליב געקראָגן ווי אַ יידישע משיח־געשטאַלט, ווי מיינעם אַ ברודער אין פליש און בלוט.

די רעליגיעז־מעטאַפיזישע זייט פון טאָלסטאָיס שיטה — די איבער־מענטשלעכע און אויסערוועלטלעכע קריסטוס־סובסטאַנץ, וואָס איז דער תוך פון יעדער מענטשלעכער נשמה, און וואָס דורך איר קאָן דער מענטש זיך באַהעפטן מיט דעם געטלעכן וועלט־תוך — אָט דער געדאַנק, וואָס גיט אויך דעם טאָלסטאָאיזם אַ טעאָלאָגיש־קריסטלעכן באַטייט, איז מיט קיין רמז ניט אָנגעמערקט געוואָרן ניט אין די טולער געשפּרעכן, ניט שפּעטער אין פיינערמאַנס בריוו. אפשר איז ער נאָך ניט געווען אין גאַנצן קלאָר פאַר דעם גרינדער פון דער שיטה אַליין.

גערעדט האָט זיך וועגן ריין־מענטשלעכע ענינים אין אַ ריין סאָציאַל־עטישן — אפילו סאָציאַליסטיש־עטישן איינשטעל: וועגן דעם מענטשנס שטרעבן צו גליק, וועגן די אומגערעכטיקייטן און מיאוסקייטן, וואָס קומען פאָר אין דער איצטיקער וועלט, דער געגרינדעטער אויף פּריוואַט־אייגנטום, שטאַט, קירך, פאַמיליע און פאַטערלאַנד.

און פאָרט האָט זיך געשפּירט, אַז אָט דער נייער טאָלסטאָיאַנישער וועג טראָגט מיט זיך אַן אָראָפּצי פון יענעם וועג, וואָס איך האָב באַ־טראַכט פאַר דעם איינציק־מעגלעכן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. אין טאָלסטאָיס רוף האָט געקלונגען כמעט ווי אַ מאָראַלישער באַפעל: „שטעל זיך אָפּ! קלער־איבער נאָך אַ מאָל! דאָ איז אַ נייער וועג, וועגן וועלכן דו האָסט קיינמאָל ניט געטראַכט! אויב אָט דער וועג איז דער ריכטיקער, אויב אַלע מענטשן זאָלן אָנהייבן טראַכטן און פילן ווי טאָלסטאָי, און אויב ס'איז אין דער איצטיקער צייט מעגלעך דערפירן דערצו, זיי זאָלן אָנהייבן אַזוי צו טראַכטן — מוזן דען ניט די העכסטע אידעאַלן פון דעם ראַדיקאַלסטן סאָציאַליזם מקוים ווערן פון זיך אַליין?"

77

„מסירת־נפש“ און „מסירת־נשמה“

מיט דער נייער „טאָלסטאָיאַנישער“ ריכטונג, וואָס האָט שפּעטער פאַרכאַפּט אין אַ גאָר גרויסער מאָס די בעסערע רוסישע יוגנט, בין איך באַקאַנט געוואָרן, כמעט ווי ביי אירע ערשטע אָנהייבן, בעת מיין וויזיט אין טולע. און דער נייער געדאַנקען־גאַנג האָט טאַקע געצוואונגען אַ היפּש ביסל צו קלערן און צו איבערקלערן.

פון דעם גאַנצן „זאַק“ נייע (אַלט־נייע) געדאַנקען און איינשטעלונגען האָט גלייך פון אָנהייב אַן אַרויסגעשטאַרצט אַ שפּיציקע „נאָדל“: די אַבסאָלוטע אָפּלייקענונג פון דעם פּאָליטישן קאַמף בכלל, פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף בפרט און פון דעם טעראָריסטישן וועג אין אים ספּעציעל. דאָס איז געווען די זעלביקע שפּיציקע, שטעכיקע נאָדל, וואָס האָט געשטאַרצט פון די דריי אַנדערע נייע ריכטונגען ביי דער יוגנט, מיט וועלכע איך בין באַקאָנט געוואָרן אין פּעטערבורג: די פּעסימיסטישע, די עסטעטישע און די קולטור־טרעגערישע. אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד צווישן דעם טאָלסטאָיאַניזם און זיי!

יענע דריי האָבן אָדער אינגאַנצן געלייקנט דעם סאָציאַליסטישן ענדציל צו וועלכן מיר שטרעבן, אָדער געווען צו אים לגמרי אינדיפערענט. אין דעם טאָלסטאָיאיזם אָבער איז דער ענדציל, — דער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל פון אַ פאַרברידערטער און אַרבעטאָרישער מענטשהייט, — געשטאַנען אין דעם צענטער פון אַלע באַטראַכטונגען. און ניט נאָר איז דער אידעאַל גופא געבליבן ניט אָנגערירט, נאָר איז נאָך בולטער און שאַרפער אַרויסגערוקט געוואָרן אין פראָנט (אַזוי האָב איך דעמאָלט געגלייבט).

די נפקא־מינה צווישן „אונדז“ און „זיי“ איז נאָר אין דעם וועג צו דעם ענדציל. און אויך אין דעם נייעם וועג דאָמינירן יענע שטריכן, וואָס זיינען אַזוי טייער דעם רעוואָלוציאָנערן קעמפער פאַר אַ בעסערער צוקונפט. די אַבסאָלוטע אָפּלייקענונג פון דעם איצטיקן לעבנספּיר, פון אַלע בורזשואַזע אידעאַלן און לעבנס־פאָרמען. אין אָט דעם פרט איז דער

טאָלסטאָיאיזם נאָך אַ סך ראַדיקאַלער, איידער די סאָציאַליסטישע וועלט. און נאָך אַ צווייטער שטריך בינדט אים צונויף מיט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף: די גרייטקייט אָוועקצוגעבן דעם אייגענעם לעבן פאַר דאָס לעבן און דאָס גליק פון די מיטמענטשן.

אויף אָט דעם שטריך אין דעם טאָלסטאָיאיזם לוינט זיך אָפּצושטעלן אַ ווײַלע, ווייל ער איז פאַרבונדן מיט גאַר אַ גרויסן און וויכטיקן פּראָבלעם: דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם רעוואָלוציאָנערן קעמפער אין יענע צייטן, ווען די באַוועגונג ווערט נאָך ניט געטראָגן פון אַ גרעסערן אָדער קלענערן מאַסן־אויפשוואונג, ווען, ווי אַ רוסיש ווערטל זאָגט, „נאַ מירו אי סמערט קראַסנאַ": „בפני עם ועדה איז אויך דער טויט אַ שיינע זאַך"; אין יענע צייטן, ווען די „עם ועדה" ווילן נאָך גאָרנישט ניט וויסן פון דעם רעוואָלוציאָנער, פון זיין מסירת־נפש, זיין פרייוויליקן קרבן פאַרן טובת הכלל. אָט די פּסיכאָלאָגיע איז, אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, נאָך ערגעץ ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן גרינטלעך.

אין דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט פון די אַכציקער יאָרן, מיט וועלכער איך בין געווען באַקאַנט, האָבן געהערשט צוויי טעאָרעטישע איינשטעלונגען צו דעם ענין פון מסירת־נפש און קרבנות. איין איינשטעלונג האָט געשטאַמט פון טשערנישעווסקין. איך האָב גערעדט וועגן דעם אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. טשערנישעווסקי, ווי אַלע ראַדיקאַלע דענקער פון דעם מאַטעריאַליסטישן לאַגער אויך אין מערב־אייראָפּע, האָט געלייקנט דעם גאַנצן ענין פון „אַלטרואיזם". בטבע איז דער מענטש אַן עגאָאיסט, וועמעס האַנדלונגען עס ווערן דיריגירט פון צוויי, ריין עגאָאיסטישע, קערימענס: דאָס שטרעבן צו הנאות, צו פריידי און דאָס אַנטלויפן פון פּיין, פון לייד.

„מסירת נפש"? „קרבנות?" אַן אַבסורד! „אַ פּיינקוכן פון אַ פאַר שטיוול!" („סאַפּאָגי ו'סמיאַטקו"). דער רעוואָלוציאָנער איז גאָרנישט ניט „מקריב", ווען ער גייט אויף מסירת־נפש. אַ דאַנק אַ היכער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג („ראַזוויטיע!"), געפינט דער מענטש גראָד אין דער מסירת־נפש פאַר אַנדערע זיין אייגענע (עגאָאיסטישע) הנאה. עס איז ניט קיין באַזונדערע מאָראַלישע דערהייבונג. דער „העלד" איז דאָ געקנאָטן פון דעם זעלביקן טייג, וואָס דער פּשוטסטער עגאָאיסטישער בשר ודם, נאָר מסתמא, אַזוי צו זאָגן, בעסער „אויפגעגאַנגען" און בעסער געקנאָטן. אָט דער פּסיכאָלאָגישער איינשטעל, אַ קאָלאָסאַל־וויכטיקער פאַר דער פאָרשטעלונג וועגן דעם צוקונפטס־מענטשן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, האָט אין דער מערב־אייראָפּייאישער ראַדיקאַלער וועלט גע־

הערשט, — אַ דאַנק שטירנערן, — אין די פערציקער יאָרן. אין רוסלאַנד איז ער געוואָרן פּאָפּולער אין די זעכציקער.

אין די זיבעציקער יאָרן האָט אָבער דער גרויסער רוסישער דענקער, פּיאָטר לאַווראָוו, אַרויסגערוקט אַן אַנדער פּסיכאָלאָגישן מאָטיוו פאַר דער רעוואָלוציאָנערער מסירת־נפש: דעם קאַנטיאַנישן „מאָראַלישן חוב", די שולד, וואָס די אינטעליגענציע דאַרף באַצאָלן דעם אַרבעטאָרישן פאָלק פאַר איר עקזיסטענץ און איר הויכער אַנטוויקלונג. אין דעם טעראָריס־טישן קאַמף פון די „נאַראָדאָוואָלצן" האָט זיכער דער לאַוורואָווישער „פליכט־באַוואוסטזיין" געשפּילט די דאָמינירנדיקע ראָליע אין דער פּסיכאָלאָגישער טרייב־קראַפט. אָבער ניט ביי אַלע „נאַראָדאָוואָלצן". איך האָב געהערט צו די פון זיי, וואָס האָבן פריער אָנגענומען טשערנישעווסקיס תורה מיט אַלע אירע פּרטים און דקדוקים. געוויסע איבערלעבונגען האָבן גאַנץ אָפט געוועקט ספיקות אין מיר, ספּעציעל אין איר טעאָריע פון דער מענטש־לעכער מאָראַל. עס איז ביי מיר געוועזן אַ טעאָרעטישע וואַקלעניש צווישן די צוויי שטאַנדפּונקטן.

אָבער די לאַווראָווישע דאָקטרין פון „באַצאָלן דעם חוב" האָט זיך ניט געקאָנט גוט אַריינפּאַסן אין מיין געוואונענער יידיש-נאַציאָנאַלער פּאָזיציע. לויט לאַווראָוון וואָלט אויסגעקומען, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס לעבט סאָציאַל־עקאָנאָמיש אויף דעם חשבון פון די רוסישע אַרבעטאָרישע מאַסן, טאָר גאָר ניט טראַכטן וועגן דער אייגענער באַפרייאונג און נאַצי־אָנאַלער ווידערגעבורט. און אַ יידישער רעוואָלוציאָנער איז אוודאי מחויב צו אַרבעטן נאָר פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, כדי צו „באַצאָלן" אי זיין פּערזענלעכן חוב, אי דעם חוב פון זיין גאַנצן פאָלק.

אין די „מיסלי", וואָס האָבן שוין באַלד געדאַרפט אַרויסגיין פון דרוק, האָב איך דעריבער אָנגעמערקט, אַז וועגן אַט דעם „חוב" וועלן מיר, יידן, מוזן בעטן מחילה וסליחה ביי דעם רוסישן פאָלק, — פּשוט אָפּצומעקן דעם חוב. די עגאָאיסטישע ראַדיקאַלע טעאָריע איז דאָ געוועזן אַ מער זיכערער מאָראַלישער באָדן אונטער די פיס.

אין דעם טאָלסטאָיאיזם אָבער האָט זיך אָפּגעעפנט אַ גאַנץ נייער אויסבליק אויף דעם מאָראַלישן פּראָבלעם. עס איז אין אים ניטאָ יענער קאָנפליקט פון „פּערזענלעכער הנאה" און „מאָראַלישן חוב", וואָס הערשט אייגנטלעך אין דער גאַנצער מענטשלעכער עטיק. יאָ, אַ מענטש ווערט דיריגירט אין זיינע האַנדלונגען דורך דעם איינגעבוירענעם שטרעבן צו גליק פאַר זיך אַליין. אָבער די טבע פון יעדער מענטשלעכער נשמה איז אַזאַ, אַז דעם אמתן גליק און די העכסטע פרייד געפינט זי נאָר דע־

מאַלט, ווען זי, די נשמה, ברענט ווי אַ ליכט אין דער ליבע צו אַנדערע און גייט אויס אין מסירת נפש פאַר זיי.

אַ קאַלאָסאַל־נייער אויסבליק! און געעפנט אים האָט ניט קיין אַנדערער, ווי גראַף ליעוו טאָלסטאָי, אפשר דער גרעסטער פּסיכאָלאָג אין דער ליטעראַטור, דער בעסטער מומחה אין די פאַרבאָרגנסטע סודות פון אַ נאָרמאַלן פּסיכישן לעבן.

דער וועג צו דעם ראַדיקאַלסטן סאָציאַליזם ליגט דורך אויפוועקן אין דער אייגענער נשמה די בענקשאַפט צו אַזאַ פרייד און גליק. די אויפגעוואַכטע און זיך פונאַנדערגעברענטע מענטשן־ליבע שיקט דעמאָלט אַרויס אירע שטראַלן אין די הערצער פון די מיט־מענטשן, און אויך דאָרטן צינדט זיך אָן דער זעלביקער פלאַם. דאָס איז דער אַלגעמיינער נאַטור־געזעץ פון „קעגן־ווירקונג גלייך ווירקונג", נאָר אַריבערגעטראָגן אויף דעם לעבן פון אַ מענטשלעכער נשמה. האָס ברענגט אַרויס האָס. ליבע ברענגט אַרויס ליבע.

ליזע האָט זיך געוויס ניט געניייטיקט, טאָלסטאָי זאָל איר אויפדעקן אָט דעם סוד. דאָס איז פאַר איר געווען אַ נאַטירלעכער, איינגעבוירענער אינסטינקט. אויך איז ביי איר ניט געווען איבעריקס ניי דער געדאַנק, אַז אַזוי ווי זי, איז יעדער מענטש. דער גאַנצער צויבער פון איר פער־זענלעכקייט האָט זיך גענומען אָט פון דער אַרויסשטראַלונג פון דער ליבע צו יעדן מענטשן און צו יעדן לעבעדיקן באַשאַף. טאָלסטאָיס שיטה האָט פון דער פּסיכאָלאָגישער זייט אירער ניט געקאָנט געבן איר קיין שום נייס, אַ חוץ אפשר דער קלאָרערער פאָרמולירונג און דער אינעווייניקסטער זיכערקייט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אַלגעמיין מענטשלעכער דער־שיינונג. ניי איז פאַר איר געווען דער היסטאָרישער באַטייט פון אָט דער דערשיינונג, די באַוואוסטזיניקע אָנווענדונג אירע, ווי אַ וועג, וואָס מוז פירן צו דער אַלגעמיין־מענטשלעכער באַפרייאונג פון אַלע צרות, וואָס פּלאָגן אונדז, — אַ וועג צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן גליק.

אויך פאַר בוטקעוויטשן, דעם געוועזענעם טעראָריסט, איז דער טאָל־סטאָיאיזם, רעכן איך, ניט געווען קיין דרויסנלעכע שיטה, וואָס מען נעמט אויף נאָר מיט דעם פאַרשטאַנד. דער טעראָריזם איז אויך פאַר אים, ווי פאַר אַ סך פון אָט דעם טיפּ, — ווי שפּעטער פאַר אַ קאַליאַיעוון פון דער „באַיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציע", — געשטאַנען, אַזוי צו זאָגן, מיט דער רייך אַל־טרואיסטישער זייט, — דער זייט פון מסירת נפש, ניט ווי אַ מאָראַלישער חוב, נאָר ווי אַ דראַנג, צו העלפן דער ליידנדיקער מענטשהייט. דעם שווערן קרבן, וואָס מען נעמט אויף דערביי, באַשטייט, פאַר אָט דעם טיפּ

מענטשן, ניט אַזוי אין דער מסירת־נפש, ווי אין דער מסירת־נשמה: מען גייט אויף אַן אַקט, וואָס איז איר צוואווידער ביז איר טיפסטן גרונט.

איז קיין חידוש ניט, וואָס מען ווערט פאַרכאַפּט פון אַזאַ אין תוך פּסיכאָלאָגישן, נשמהדיקן וועלט־באַנעם, — געדעקט מיט דער אויטאָריטעט פון דעם גרעסטן פּסיכאָלאָג, — אַ וועלט־באַנעם, וואָס באַפרייט פון אַט דעם שווערסטן פון אַלע קרבנות,—דער מסירת נשמה,—און וואָס ברענגט די באַפרייאונג אויף אַזאַ אַרט, אַז די ענד־ציל, צוליב וועלכע מען איז געווען גרייט אויף די שווערסטע קרבנות, ווערן ניט אָפּגעלייקנט אָדער געלאָזן אַן אַ זייט, ווי ביי די אַנדערע אַנטי־רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען, נאָר, אדרבה, ווערן אַוועקגעשטעלט אין נאָך אַ שאַרפערער באַלייכטונג אײדער פריער.

דאַרף מען אָבער גלייבן סיי אין דעם גרונט־געדאַנק פון אַט דעם סיסטעם, סיי אין דעם וועג, וואָס ווערט פאָרגעשריבן פון אים. מען דאַרף זיך אינגאַנצן אָפּטרייסלען פון דעם איצטיקן לעבן און פון דער איצטיקער וועלט, אינגאַנצן מבטל זיין די פּאָליטיק און די רעאַל־עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע אומשטענדן, מיט זייערע פּראָבלעמען און קאָנפליקטן. אַט דער אַבסאָלוטער ראַדיקאַליזם, וואָס האָט געשלאָגן פון דעם טאָלסטאָיאַנישן איינשטעל, איז זיכער געווען איינער פון יענע מאַגנעטישע מאָמענטן, וואָס דער נייער גלויבן האָט געהאַט אין זיך.

דאַרף מען אָבער האָבן דעם שטאַרקן גלויבן. אָבער גראָד אים האָב איך ניט געהאַט. און ביי דעם גאַנצן צויבער סיי פון דער שיטה אַליין, סיי פון די צוויי פּערזאָנען, וואָס האָבן אים פאַרקערפּערט, — צוויי פּראַכט־עקזעמפּליאַרן פון דעם מענטשלעכן מין, — בין איך פאַרהיט געוואָרן פון אַט דעם נייעם „אַפּיקורסישן״, אַנטי־רעוואָלוציאָנערן אָפּנייג. עס איז פאַר מיר געווען אַן ענין, צו קלערן און איבערקלערן, אָבער ניט אַזאַ, וואָס זאָל קענען שוין דורכפירן דעם נייטיקן איבערבראַך אין דעם גאַנצן ביז־אַהעריקן נשמה־איינשטעל.

78

געזעגנט זיך מיט דעם „טאָלסטאָיאיזם"

דער יונגער טאָלסטאָיאיזם, וואָס איז כמעט נאָר וואָס אויפגעגאַנגען ווי אַ לייכטנדיקער שטערן אויף דעם רוסישן גייסטיקן האָריזאָנט, האָט שיר־שיר אויך מיך ניט באַצויבערט מיט זיינע מילדע, ריין־מאָראַלישע שטראַלן. דער עיקר מאַגנעטיש איז ער געווען ביי מיין פריינט ליזע שטיקין און ביי בוטקעוויטשן. די אינעווייניקסטע שיינקייט פון דער שיטה איז דאָ פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דער מערקווירדיקער גייסטיקער טיפקייט און שיינקייט פון די צוויי פאַרקינדיקער פון דעם נייעם גלויבן.

ביי זיי איז ער לחלוטין געווען פריי פון יענעם אַנטי־סאָציאַליסטישן שטריך, וואָס ער האָט שפּעטער אָנגענומען ביי אַ סך פון זיינע לעגאַלע אָנהענגער. ביי מיינע פריינד איז ער געווען דורך און דורך סאָציאַליסטיש. פאַר זיי איז ער געווען אַ נייער וועג צו דעם זעלביקן ענדציל, אָן אַ סך מער זיכערער, ווי זיי האָבן געגלייבט, איידער דער רעוואָלוציאָנערער: אַ וועג דורך דער ווידערגעבורט פון ריינער מענטשנליבע אין יעדן מענטשן, דורך דעם אויפבלי פון יענעם קערנדל, וואָס געפינט זיך, ווי דער גרויסער פּסיכאָלאָג טאָלסטאָי פאַרזיכערט, אין דער נשמה פון יעדן מענטשן, ווי דער אייגנטלעכער תוך פון אַ מענטשלעכער נשמה.

פאַרהיט פון אָט דעם געפערלעכן „אָפּנויג", האָט מיך אפשר מיין קריטישער געדאַנק, וואָס האָט אַלעמאָל געזוכט דעם טעאָרעטיש־איינגעפונדעוועטן באַווייז פאַר דער אָדער יענער נייער מיינונג און אפשר מיין דאָגמאַטישע איינגעשפּאַרטקייט אין דעם ראַדיקאַלן פסק־דין, אַז די מענטשלעכע נשמה איז אַ פּראָדוקט פון די סאָציאַלע אומשטענדן, אין וועלכע זי ווערט אויפגעצויגן און לעבט, און דורך דעם ספּעציעל נאַראָדאָוואָלישן גרונט־בליק, אַז די סאָציאַלע אומשטענדן קאָנען ניט ווערן אַנדערש, ווי נאָר דורך אַ רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישן קאַמף.

אָבער עס איז געווען נאָך אַ וויכטיקער מאָטיוו, וואָס האָט געווירקט אין מיר, ווי אַ קעגן־וואָג אַנטקעגן דעם טאָלסטאָיאַנישן צויבער. דער טאָלסטאָיאיזם איז אַ באַנייאונג פון דעם קריסטנטום. אָבער דער טאָל-

סטאַיאַנישער קריסטנטום איז ניט געווען אינגאַנצן דאָס קריסטנטום פון ישו הנוצרי, דעם נאַציאָנאַל־יידישן משיח, מיט דעם אויסבליק פון אַ „מלכות שמים" פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס איז געווען דער קריסטנטום פון דעם אַפּאָסטאָל פאול (שאול פון תרשיש) מיט דער הויפּט־וואָג, וואָס ער האָט געלייגט אויף „ליבע, האָפענונג און גלויבן" און מיט זיין קאַטעגאָרישן גזר־דין, אַז „אין דער מלכות־שמים זיינען נישטאָ קיין העלענען און קיין יידן".

דער טאָלסטאָיאיזם אין זיין ערשטער ריינער געשטאַלט איז געווען די פאַרקערפּערונג ניט נאָר פון דעם ריינעם אַנאַרכיזם, נאָר אויך פון דעם קאָנסעקווענטן קאָסמאָפּאָליטיזם, ווי ביי דעם אַפּאָסטאָל פאול. די רעלי־גיעזע און די נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן און איינטיילונגען ביי דער מענטשהייט זיינען ניט מער ווי ווילד־גראָז, וואָס דאַרפן אומברחמנותדיק אויסגעוואָרצלט ווערן, אָדער, — לויט טענעראָמאָ־פּיינערמאַנס ביישפּיל — די „סמוהע", די קליינע בלעזעלעך, וואָס באַווייזן זיך, ווען מען פאַ־לירט אַ הילצערנע אויבערפלאַך, און גראָד דעמאָלט, ווען די פאָלירונג איז שוין אין גוטן גאַנג און דערנעענטערט זיך צום סוף.

וואָס איז די נפקא־מינה — אַזאַ בלעזל, אַן אַנדער בלעזל; אַזאַ ווילד־גראָז, אַן אַנדער ווילד־גראָז?

אין תוך איז דאָס געווען דער זעלביקער איינשטעל, וואָס האָט גע־הערשט אין דער דעמאָלסטיקער ראַדיקאַלער וועלט בכלל. צו די אָפי־ציעלע רעליגיעס פון די קירכעס, סינאַגאָגן און מאָשייען האָט דער טאָל־סטאָיאיזם געהאַט די זעלביקע טיף־איינגעוואָרצלטע אַנטיפּאַטיע, וואָס ביי יעדן ראַדיקאַל. פאַר די טאָלסטאָיאַנער זיינען די הערשנדיקע רעליגיעס פון קריסטנטום, יידנטום, און מאַכמעדאַניזם געווען די פאַרקערפּערונג פון דער טומאה, פון אַל־דאָס־בייז אין נאָך אַ גרעסערן גראַד איידער ביי מיינע פריינט, די ניט־יידישע רעוואָלוציאָנערן.

דער אונטערשייד פון די צוויי וועלט־אַנשויאונגען איז געלעגן אין דעם נייעם צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון אַ פילאָסאָפישן וועלט־באַנעם און לעבנס־בליק. אין דער ראַדיקאַלער וועלט פון מיין דור האָט גע־הערשט דער אַטעאיסטישער „עמפּיריזם", דאָס כורעים־פאַלן פאַר דער ריינער וויסנשאַפט. דער טאָלסטאָיאַנישער וועלט־ און לעבנס־באַנעם איז געווען געגרינדעט אויף אַ פּסיכישן פאַנטעאיזם: דער טיפסטער עצם פון דער וועלט, — די „סובסטאַנץ", מיט ספּינאָזאַ גערעדט, — אין נשמהדיקייט, און דער וויכטיקסטער אייביקער שטריך פון דער אַלוועלט־

לעכער נשמהדיקייט, — אַזוי צו זאָגן דער „אַטריבוט“, — איז די ליבע: די ליבע צו דעם מענטשן, און צו דעם גאַנצן וועלט־אַל.

אין דער צייט פון מיין וויזיט אין טולע, איז אָט דער אונטערשייד ניט געשטאַנען פאַר מיינע אויגן. ביז צו דעם מעטאַפיזישן גרונט פון דעם טאָלסטאָיאיזם האָבן מיר זיך דעמאָלט ניט אַראָפּגעלאָזן. איך וואָלט אויך ניט געהאַט דעם נייטיקן חשק דערצו. און וואָלט דאָס געשען, וואָלט אָט דער מעטאַפיזישער איינשטעל מיך נאָך מער אָפּגעשטויסן פון דער נייער שיטה. „מעטאַפיזיקע“ איז פאַר מיר אַלץ נאָך געווען טריף, ווי חזיר. אין דער שטעלונג אָבער צו די הערשנדיקע רעליגיעס, ווי צו די „אבות הטומאה“, וואָלטן ביי אונדז זיכער ניט פאָרגעקומען קיין טעאָרעטישע אַמפּערייען.

אַ גאַנץ אַנדער זאַך איז אָבער געווען די טאָלסטאָיאַנישע שטעלונג צו דעם פּראָבלעם פון די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן און פון דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. אין דעם פּונקט בין איך שוין דעמאָלט באַוואוסטזיניקערהייט געגאַנגען אויף אַ וועג, וואָס האָט זיך שאַרף אָפּגעצווייגט פון דעם ברייטן קאָסמאָפּאָליטישן שליאַך, אויף וועלכן עס האָט זיך באַוועגט דער ראַדיקאַלער געדאַנק, סיי דער מאַטעריאַליסטישער, סיי דער אידעאַליסטיש־טאָלסטאָיאַנישער.

איך וואָלט נאָך דעמאָלט ניט געקאָנט טעאָרעטיש באַגרינדן מיין שטאַנדפּונקט. די שטודיען אין דער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע זיינען אין פּעטערבורג איבערגעריסן געוואָרן, אַ דאַנק דער נויט, צו פאַרטיפן זיך אין דער יידישער געשיכטע. אָבער אין בלוט און פלייש איז שוין אין מיר אַריין דער זיכערער גלויבן, — און אפשר איז ער שוין פון פריער אומבאַוואוסטזיניקערהייט געלעגן דאָרטן, — אַז די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן קאָנען ניט פאַרגליכן ווערן צו „בלעזלעך“, וואָס פאַרשווינדן אין דעם „פּאָליר־פּראָצעס“, אָדער ווי ווילדע גראָזן, וואָס דאַרפן אויסגעיעט ווערן פון דעם מענטשהייטס־גאָרטן.

צו שטאַרק איז שוין אין מיר געזעסן מיין יידישער נאַציאָנאַליזם, הגם איך וואָלט מיך דעמאָלט שטאַרק באַליידיקט, ווען מען וואָלט מיך אָנגערופן „נאַציאָנאַליסט“. ווי ביז עד היום, האָב איך אויך דעמאָלט געהאַט אַ רעכט צו רופן זיך „אינטערנאַציאָנאַליסט“. און שוין איז געווען איינגעוואָרצלט דער גלויבן אין מיר, אַז אינטערנאַציאָנאַליזם איז ניט אַנטינאַציאָנאַליזם, און אַז פעלקער, מיט זייערע מענטשלעך־באַרעכטיקטע נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, וועלן אויף אייביק פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

מיין גאַנצע יידיש־סאָציאַליסטישע שטרעבונג האָט גערוט אויף אָט דעם גלויבן. אויף אים האָט אויך גערוט דער קאַמף אַנטקעגן אַסימי־לאַציע, וואָס איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף מיר פון יענעם קאַלט־בלוטיקן אינדיפערענטיזם, מיט וועלכן די יידישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענציע האָט זיך באַצויגן צו דעם היסטאָרישן גורל פון דעם איי־גענעם פאָלק. אין דעם טאָלסטאָיאַניזם מיט זיין אַבסאָלוטן קאָסמאָפּאָ־ליטיזם און דער לערע פון דעם ריינעם מענטשנטום, האָב איך געמוזט דערבליקן דעם שאַרפסטן פיינט אַנטקעגן דעם גאַנצן נייעם לעבנסוועג, אויף וועלכן איך האָב מיך געריסן.

דער „פיינט" איז אָבער געווען צו פאַפירעריש שיין (און ליזע שטיקין, די טרעגערין פון אָט דער פיינטלעכער ריכטונג, — איז פאַר מיר דעמאָלט געווען אַ סך מער, איידער נאָר אַ חבר און פריינט). האָב איך טאַקע דורכגעלעבט אַ היפשן „ויתרוצצו" אין מיין נשמה. הויך־מליצהדיק גע־רעדט, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער טאָלסטאָיאַניזם האָט געשטעקט אין מיין ברוסט, ווי אַ פייל, אַ פאַרסמטע מיט פאַרשיכורנדיקן גיפט. אַרויס־רייסן אים דאַרף מען און אַרויסרייסן אים ווילט זיך ניט.

אין אַזאַ היפש מטושטשער שטימונג האָב איך מיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. דאָס בוך איז באַלד אַרויס פון דרוק, און איך בין געשטאַנען פאַר אַ גאַנץ נייער, ריין־פּראַקטישער אויפגאַבע: „וואָס הייבט מען איצטער אָן צו טאָן מיט דעם?"

דאָס בוך האָט זיך געדרוקט ביי אַ יידישן דרוקער, וואָס איז אַליין געווען אַ שטיקל רוסישער מחבר. זיין נאָמען האָב איך פאַרגעסן. אָבער ער האָט גראָד אַרום יענער צייט אַרויסגעלאָזן אַ ביכל אונטער דעם נאָ־מען „פיסמאַ שלים־שלימאַזעלאַ ק' אַקולינע איוואַנאָווניע" (שלים־שלימ־מזלס בריוו צו אַקולינאַ איוואַנאָוונאַ), — טענות פון דעם יידישן פאָלק צו דעם רוסישן, — אויף וויפיל מיר געדענקט זיך, אין אַ ריין אַסימי־לאַטאָריש־יודאָפילישן גייסט.

אָט דער דרוקער האָט מיר געגעבן די עצה, איבערצוגעבן מיינע ביכער צו אַ קאָמיסיאָנער. ער האָט מיר אויך רעקאָמענדירט אַ יונגן מאַן וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַזוינע זאַכן. אָט דער יונגערמאַן וועט שוין באַ־זאָרגן אַלץ: אי פונאַנדערשיקן אין די בוכהאַנדלונגען סיי אין די הויפּטשטעט, סיי אין דער פּראָווינץ, — דער עיקר אין די יידישע שטעט, — אי די אַנאָנסן אין די נייטיקע צייטונגען, אי פירן פאַר מיר די חשבו־נות מיט די בוכהענדלער, אי באַזאָרגן די פּרעסע מיט רעצענזיע־עקזעמ־

פליאַרן. און וואָס איז שייך ערלעכקייט, קאָן איך בויען אויף אים, „ווי אויף אַ שטיינערנעם פעלדז״.

דאַרף מען בעסער? האָב איך געלאָזן זיך אַ הונדערט עקזעמפּליאַרן פאַר אייגענע, פאַר פריינט און באַקאַנטע און אַלץ איבערגעגעבן יענעם יונגן מאַן, וועמעס נאָמען איך האָב שוין אויך פאַרגעסן. אויף וויפיל ער איז געווען ערלעך, ווייס איך ניט, אָבער אין איין פּרט איז ער זיכער געווען, ווי אַ „שטיינערנער פעלדז״. ווי פון אַזאַ פעלדז, האָב איך אויך פון אים קיינמאָל ניט באַקומען ניט קיין בריוו, ניט קיין גראָשן געלט. אַ פּאָר אַנאַנסן האָב איך יאָ ערגעץ געזען. אגב, בין איך די גאַנצע צייט געווען פאַרנומען מיט גאַנץ אַנדערע דאגות, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שייכות צו דער געשעפטלעכער זייט פון דעם ענין.

מיט די הונדערט עקזעמפּליאַרן בין איך תיכף, נאָך דעם גמר מיט דעם קאָמיסיאָנער, אוועקגעפאָרן קיין וויטעבסק. די טאָלסטאָיאַנישע „פּייל״, וואָס האָט נאָך געשטעקט אין דער ברוסט, איז שפּעטער, שוין אין וויטעבסק, פאָרט אַרויסגעצויגן געוואָרן. געהאָלפן דערין האָט מיר שטאַרק קאָראָלענקאָס שיינע לעגענדע וועגן „מנחם דעם איסיי און העסיי פלאָר״. די „לעגענדע״ איז אין איר תוך אַ שאַרפע קריטיק פון דעם טאָלסטאָיאַנישן פרײדיקן „ניט צו קעמפן מיט שלעכטס אַנטקעגן בייז״.

רוימישע סאָלדאַטן גייען זוכן יידישע רעוואָלוציאָנערן. זיי פאַרוואָגלען און ליידן, און ווייסן ניט, ווי אַרויסצוגיין פון דער לאַגע. באַגעגנט זיי אַ מלאך פון הימל, איינער פון יענע אומשולדיקע מלאכים, וואָס זיינען פול מיט רחמנות און ליבע צו יעדן איינעם און האָבן קיין ברעקל השגה ניט וועגן אַל־דאָס־בייז, וואָס קומט פאָר אין אַ מענטשלעכן לעבן. דערוואוסט זיך, אין וואָס די רוימישע תלינים נייטיקן זיך, האָט ער זיי געבראַכט צופירן צו דעם אָרט, וואו די רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך באַהאַלטן. די בלינדע ליבע צו אַלץ און אַלעמען האָט דאָ געהאָלפן די רוצחים אויסצוגעפינען זייערע קרבנות און פאַרצוגרייטן דעם טריאומף פון בייז איבער גערעכטיקייט.

צו די מערקווירדיקע שטריכן פון אָט דעם מערקווירדיקן ווערק קאָראָלענקאָס געהערט אויך די טיפע קינסטלערישע אינטואיציע, מיט וועלכער ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין דער געשילדערטער עפּאָכע פון דעם יידישן פרייהייטס־קאַמף אַנטקעגן רוים. באַזונדערס — די כאַראַקטעריסטיק פון די איסיים וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער צוגרייטונג פון ישוס משיחימשער באַוועגונג. די איסיים זיינען שוין גאָר ניט געווען אַזעלכע וועלט־פרעמדע נזירים, דורכגעדרונגענע מיט ליבע צו יעדן איינעם,

ווי זיי ווערן געשילדערט ביי די ידישע און ניט־יידישע היסטאָריקער. דער איסיי מנחם רעדט ווי אַ רעוואָלוציאָנער, ווי אַ העלד פון דער קלאָר־זעעוודיקער ליבע, וואָס ווייסט ווי פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די פאַר־פלאָנטערטע דערשיינונגען פון דעם לעבן; ווייסט ווער עס פאַרדינט רחמנות, ליבע און הילף און ווען עס קומט פונקט דער היפוך דערפון.

קאָראָלענקאָס בליק אויף די איסיים האָט אינגאַנצן צונויפגעשטימט מיט יענע רעזולטאַטן, וועלכע אויך איך האָב באַקומען אין די שטודיען וועגן זיי, ווי איך האָב זיי, — די רעזולטאַטן, — אַרויסגעבראַכט אין מיין שריפט.

קיין נייס האָט קאָראָלענקאָ מיר ניט געקאָנט זאָגן. אָבער העלפן פאַרשטאַרקן דעם גלויבן אין דער נייטיקייט און העכערער גערעכטיקייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָט זיין לעגענדע זיכער געקאָנט. גראָד די דעמאָלסטיקע יוגנט אין רוסלאַנד, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם קראַך פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און האָט זיך מיט אַ באַזונדערן ערנסט גענומען איינהערן אין טאָלסטאָיס נייעם רוף, האָט זיך גענייטיקט אין אַזאַ וואָרנענדיקער און אויפמונטערנדיקער שריפט.

מיר האָט די לעגענדע פאַרשאַפט דעם גרעסטן נחת סיי מיט איר הויכער קינסטלערישקייט, סיי מיט איר טיפער טענדענץ. תמיד דערמאָן איך מיך וועגן איר מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט.

79

די ערשטע אָפּרופן אויף מיין ערשטער שריפט

תיכף ווי איך בין אָנגעקומען קיין וויטעבסק האָב איך פונאַנדערגע־שיקט די עקזעמפּליאַרן פון מיין ערשטער שריפט צו די גאָר נאָענטסטע מענטשן. אין דער ערשטער ליניע צו דעם פאָטער, וואָס איז דעמאָלט ניט געווען אין דער היים. איך געדענק, אַז אויף דעם בוך גופא האָב איך אָנגעשריבן אַ לענגערן „שיר" (נאַטירלעך, אין העברייאיש). דאָס איז געווען אַ ווענדונג צו דעם פאָטער מצד דער שריפט גופא. זי האָט אים באַדאַנקט פאַר זיין הילף, האָט אָנגעמערקט די אויפגאַבע, וואָס איך שטייט פאַר — צו קעמפן מיט די אָדער יענע „פיינד" (מסתמא האָט דאָרטן ניט געפעלט דער הויפּט־שונא — די אַסימילאַציע) און האָט פאַרענדיקט מיט דעם איינציקן פערז, וואָס איז פאַרבליבן אין מיין זיכרון: „ברכני נא ואלך, ואעריך עמם קרב" („בענטש מיך, איך בעט דיך, לאָמיך גיין פירן מיט זיי קריג").

איך געדענק ניט, צי דער פאָטער האָט ווי עס איז רעאַגירט אויף דער שריפט. אפשר איז אים שווערלעך געווען צו פאַרשטיין די רוסישע „עברי", צו וועלכער ער האָט ניט געהאַט קיין ברעקל רעספּעקט. און אפשר — אויב ער האָט זי דורכגעגעמען אַליין, צי מיט איינעם פון זיינע געבילדעטע פריינד — איז אים דער אינהאַלט גאָר ניט געווען לרצון. איך געדענק אָבער, אַז ווען איך האָב אים שפּעטער צוגעשיקט אַ גוטע רעצענזיע וועגן איר, מיט דער בקשה, ער זאָל דאָס מיר באַלד צוריק־שיקן, האָט ער מיר מיטגעטיילט, אַז ער האָט פון דער רעצענזיע געהאַט גרויס נחת, אַז זי איז אומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און איז צעפאַלן געוואָרן אויף פּיצלעך.

פון די פריינד, צו וועמען איך האָב געשיקט עקזעמפּליאַרן, האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופן שלמה זאַנוול (ש. אַנסקי), וואָס איז שוין דע־מאָלט געווען ערגעץ־וואו אין דרום־רוסלאַנד, נאָך ווי אַ פּריוואַט־לערער אין אַ יידיש הויז (דוכט מיר — ביי אַ פאַמיליע שור, וואָס האָט געהאַט אַ זון אַ רעוואָלוציאָנער, שוין אַן אַרעסטירטן און פאַרשיקטן).

מיט גרויס נייגיר האָב איך געעפנט שלמה זאַוולס בריוו. אונדזער פריינטשאַפט האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ קריזיס, אַ דאַנק אַ העפ־טיקן פּאָלעמישן בריוו זיינעם, אין וועלכן ער איז שאַרף אָנגעפאַלן אויף מיין רעאַקציאָנערן „נאַציאָנאַליזם" און האָט מיך היפּש געמוסרט פאַר אים. דעם בריוו האָב איך געלאָזן אָן אַן ענטפער. שיקנדיק אים דאָס בוך מיט אַ זייער וואַרעמער אויפשריפט, אָבער מיט אַ פּאָר קאַלטע שורות אין דעם באַגלייט־בריוו, האָב איך באמת דערוואַרט אַ גאַנצע תוכחה אין זיין ענטפער.

ווי גרויס איז אָבער געווען מיין פרײדיקע פאַרוואונדערונג, ווען איך האָב איבערגעלייענט זיין ענטוזיאַסטישן ליבעפולן שרייבן. ער האָט דאָס בוך געלייענט און איבערגעלייענט, און די גאַנצע צייט פון לייענען גע־הערט מיין שטים, ווי איך וואָלט דאָס פאָרגעלייענט. דערנאָך האָט ער עס פאָרגעלייענט אין אַ מסיבה יונגעלייט; צווישן זיי אויך אַ פּאָר ישיבה־בחורים, גרויסע לומדים אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. צו האָבן אַן אייגענע שטעלונג וועגן די ענינים פון דער יידישער געשיכטע, קאָן ער, שלמה זאַוול, זיך ניט דערלויבן. די „לומדים" האָבן אָבער אַרויסגעטראָגן אַזאַ גזר־דין: „פּתח בכבד וסיים בחבית" (האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן איין זאַך, אין איין גייסט, און פאַרענדיקט מיט אַן אַנדער זאַך, אין אַן אַנדער גייסט).

איך האָב פאַרשטאַנען דעם מיין פון אָט דער באמת צוגעטראָפענער קריטיק. דער היסטאָרישער טייל איז געווען געשריבן מיט אַ געפיל פון אַ גליענדיקער פאַרערונג פאַר אונדזער פאַרגאַנגענהייט, סיי פון דער ביבלישער עפּאָכע מיט אירע נביאים, סיי פון דער צייט פון דעם בית־שני מיט אירע זעלאָטן און איסיים, סיי פון דער גלות־צייט מיט איר תלמוד, דעם „שלחן־ערוך", דער פילאָסאָפיע, דער קבלה, די משיחימשע באַוועגונגען. דער טאָן בייט זיך אָבער אינגאַנצן איבער, ווען עס ווערט באַהאַנדלט די איצטיקע צייט פון דער השכלה, דער אַסימילאַציע, דעם איצטיקן גייסטיקן און עקאָנאָמישן לעבן פון דער יידנשאַפט.

און דער אויספיר? אין דעם געשיכטלעכן טייל רעדט אַ הייסער יידישער נאַציאָנאַליסט, וואָס פאַרטיידיקט די יידישע פאַרגאַנגענהייט אי פאַר די הויכע אידעאַלן פון די נביאים און די איסיים, אי פאַר דעם פּול־באַרעכטיקטן קאַמף פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. פון דעם לעצטן קאַפּיטל רעדט אָבער קלאָר אַרויס דער געדאַנק, אַז דער אַמאָליקער „זכות הקיום" איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם לויף פון דעם גלות־לעבן, ווען די תלמודיש־רבנישע געזעצגעבונג איז פון אַ מיטל, ווי

אַזוי צו דערהאַלטן דאָס יידישע פאָלק, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלבסט-צוועק, וואָס האָט לגמרי פאַרטונקלט יענעם הויכן אַלגעמיין־מענטשלעך אַזוי וויכטיקן אינהאַלט, צוליב וועלכן און אַ דאַנק וועלכן דאָס פאָלק האָט אָנגעטאָן אויף זיך די שטאָלענע שלחן־ערוך-נעץ, האָט אַלץ ענגער געמאַכט אירע אייגלעך און אַלץ שטייפער אָנגעצויגן זיי אויף זיין גוף.

צוליב דעם איצטיקן מעמד פון דער יידנשאַפט לוינט זיך ניט צו פירן דעם קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלער אייגענער עקזיסטענץ — אַזוי האָט מען גאַנץ גלאַר געקאָנט אַרויסלייענען פון די שורות. אלא וואָס דען? — איצט הענגט אַלץ אָפּ דערפון, צי אַן אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ קאָן פאַרענטפערט ווערן מיט די פאָדערונגען פון דעם „אַלגעמיין מענטש־לעכן פראָגרעס” — אַן אויסדרוק, וואָס איז אַ לאַנגע צייט אין דער רו־סישער ליטעראַטור געווען דער פסעוודאָנים פאַר דעם סאָציאַליסטישן וועלט-באַנעם, וועלכן מען האָט ניט געטאָרט אָנרופן ביי זיין נאָמען. און גראָד די פראַגע, צי „נאַציאָנאַליזם” און „פראָגרעס” קאָנען פאַראייניקט ווערן — און ווי אַזוי — איז געבליבן אַן אָפענע, און מיט איר פאַרענ־דיקט זיך די שריפט!

אגב, וויל איך דאָ באַמערקן, אַז ווען אייניקע איצטיקע קריטיקער מייַ־נע וואַרפן מיר פאָר, אַז מיין יידישער נאַציאָנאַליזם איז אַ ריין פאָר־מעלער, אַ ליידיקער פון יעדן גייסטיקן אינהאַלט, וואָס זאָל אונדז געבן אַ „זכות הקיום”, און אַז דער „זכות הקיום” דאַרף זיך גרינדן אויף אַ באַשטימטן יידיש-נאַציאָנאַלן אינהאַלט, איז דאָס פאַר מיר ניט קיין גאָר נייער געדאַנק. גראָד פון אים בין איך אַרויסגעגאַנגען אין מיין ערשטער שריפט. מיט אים איז זי געווען דורכגעדרונגען. איך האָב מיך אָבער פון אָט דעם געדאַנק באַוואוסטזיניקערהייט אָפּגעזאָגט, מחמת טעמים, וועל־כע איך האָב ניט איינמאָל אַנטוויקלט און וואָס, על־כל־פנים, געהערן זיי ניט אַהער.

דאָ נאָר אַזויפיל: אויב דער זכות הקיום פון אַ פאָלק דאַרף געזוכט ווערן אין אַ באַשטימטן גייסטיקן אינהאַלט, וואָס דאָס פאָלק ברענגט אַרויס, דאַרפן מיר פאַר אונדזער פאָלק ניט זוכן קיין נייעם אינהאַלט. דאָס, וואָס מיר האָבן אַרויסגעבראַכט אין די אידעאַלן פון די נביאים און די איסיים, איז נאָך גאָר ניט „אויסגעטראָגן” געוואָרן פון דער מענטש־הייט, איז נאָך שפּאָגל־ניי, ווי ערשט פון אונטער דער נאָדל. זיי דאַרפן נאָר אידייאיש צוגעפּאַסט ווערן צו דעם איצטיקן וואוקס פון דער מענטש־הייט, נאָך אַ צוויי־טויזנט יעריקער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

נאָר — צוריק צו שלמה זאָוולס בריוו! פאַר אים אַליין איז דער אויספיר און דער „ענטפער״, וואָס די שריפט גיט, שוין ניט געווען קיין רעטעניש, ווי פאַר אַנדערע. ער האָט פון אונדזער פריערדיקער קאָרעס־פּאָנדענץ, וואָס איז דורכגעלאָפן ווי אַ שוואַרצע קאַץ צווישן אונדז, שוין לאַנג געוואוסט, אַז פאַר מיר זיינען יידישער נאַציאָנאַליזם און אַלגעמיין־מענטשלעכער פראָגרעס (לייען „סאָציאַליזם״) ניט געווען קיין סתירה. ער האָט אָבער נאָך ניט פאַרשטאַנען די אַרגומענטן, ווי אַזוי דאָס דאַרף באַוויזן ווערן, ווי איך אַליין וואָלט דעמאָלט נאָך ניט געווען ביכולת מיט פעסטער זיכערקייט צו אַנטוויקלען די גייטיקע, ריין־טעאָרעטישע טעמים, לויט אַ בעסערער פאַרשטענדעניש פון די ענינים „נאַציע״ און „פראָג־רעס״. אָט פאַרוואָס זיין ענטוזיאַסטישער בריוו איז פאַר מיר געווען ממש „אַ ליכט אין די אויגן״. איך האָב שוין געשפּירט, אַז די „שוואַרצע קאַץ״ איז דערוואָרגן געוואָרן, און אַז עס איז שוין ניטאָ מער קיין וואָלקנדל אויף דעם הימל פון אונדזער פריינטשאַפט. אדרבא! פון דעמאָלט אָן איז זי נאָך מער פאַרפעסטיקט געוואָרן.

גאַנץ אַנדערש זיינען געווען די אָפּרופן פון די אַנדערע פריינד, פון שמואל גורעוויטש און פון באָריס ריינוס. געשריבן האָבן זיי מיר גאָרנישט. אָבער שפּעטער, ביים פערזענלעכן באַגעגענען זיך, האָט יעדער איינער פון זיי אויף זיין שטייגער קורץ אָפּגעפּטרט דעם ענין. סאַמואיל האָט נאָר אַ וואָרף געטאָן דאָס ווערטל: „אַזוי? ביסטו גאָר אַ „מיסליאַש־טשיאַ״! („דענקענדיקער״ אָבער אויך „אַ געדאַנקען-מאַכער״). היינט, גיי, טרעף, וואָס ער האָט געמיינט דערמיט. צי דאָס איז אַ לויב, אָדער אַ ביטול!

על פּי דער „רעפּוטאַציע״ מיינער, וואָלט מען געדאַרפט דערוואַרטן פון מיר עפּעס אַ רעכטע פּאָעמע אָדער אַ ביכל שירים. און דאָ — נאַ דיר גאָר „געדאַנקען״!

באָריס ריינוס, מיט זיין גאַליק-בייסיקער צונג, האָט מיך סאַטיריש קלאָר מבטל געווען פאַר מיין נאַציאָנאַליזם און פאַר דער שטעלונג צו „יידיש״, דעם פאַרהויקערטן, רוק־און־לענד איבערגעבראָכענעם דייטש.

איך געדענק ניט, צי איך האָב מיט אָט די בעסטע פריינד מיינע אפילו געפּרוואוט אַריינצולאָזן זיך אין וויכוחים. צו גרויס און טיף איז שוין געווען דער אידייאישער תהום צווישן מיר און זיי, די דעמאָלט אַזוי איינ־געגלייבטע, פאַרעקשנטע אַסימילאַטאָרן.

זייער בושא-חן געווען האָט מיין שריפט ביי יאַקאָב מינצן, וואָס האָט געקוקט אויף איר מיט דרך־ארץ, און ביי מיינע צוויי פאַרבליבענע רוסישע

פריינד, קאַליאַ און ווירא לאַכאָוו. זיי האָבן אין איר געפונען אַ באַ־ריכט וועגן די אַמאָליקע גייסטיקע קאַמפן ביי דעם יידישן פאָלק, ווען ער איז נאָך געווען אַ „בן־מלך", אַ מענטשלעכע פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער היסטאָרישן וועג און אויך אַ טיפערע פאַרשטענדעניש פאַר מיין אייגענעם שטרעבן, צו גיין אויף דעם זעלביקן וועג פון קאַמף פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, נאָר אונטער גאַנץ נייע באַדינגונגען און מיט גאַנץ נייעם גייסטיקן באַגאַזש.

איך מוז דאָ בכלל באַמערקן, אַז די ניט־יידישע לייענער האָבן אויפ־גענומען מיין שריפט אַ סך סימפּאַטישער, איידער די יידישע. צי דאָס איז אַן אַרגומענט פאַר דער שריפט, אָדער קעגן איר, מעג יעדער באַשטי־מען, ווי ער פאַרשטייט. איך זע דערינען אַן אַרגומענט פאַר. די יידישע וועלט, אַ צעשפּאָלטענע אין די דריי דעמאָלסטיקע גייסטיקע לאַגערן — דעם פרום־נאַציאָנאַלן, דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן און דעם רעאַק־ציאָנער געוואָרענעם „פאַלעסטינאָפילישן" — האָט געמוזט דערבליקן אין דער שריפט אַ שטעלונג, וואָס, הגם זי איז דורכגעדרונגען מיט געדאַנקען וועלכע שטאַמען פון זיי אַלע דריי, לייקנט זי זיי אָפּ אַלע דריי. די ניט־יידישע וועלט אָבער — איך מיין די ראַדיקאַלע — האָט געמוזט דער־קענען אין דער שריפט פלייש פון איר פלייש, ביין פון איר ביין, נאָר אין אַ באַשטימטער נאַציאָנאַלער מאָדיפיקאַציע, דער יידישער, וואָס דאָס איז פאַר איר בשום אופן ניט געווען קיין גרויסער חטא — אדרבא! אַ וועג צו אַ נייער פאַרשטענדעניש פאַר דעם „יידיש־גויאישן" קאָנפליקט.

דער זעלביקער אונטערשייד צווישן יידן און ניט־יידן אין דער שטע־לונג צו „מישלי" האָט זיך אויך דערנאָך קלאָר אַרויסגעוויזן אין דעם אָפּ־רוף פון דער רוסישער און דער רוסיש־יידישער פּרעסע.

לאַנג האָב איך געוואַרט אויף אַט דעם אָפּרוף! און אפשר האָט דאָס נאָר פאַר מיר, דעם יונגן מחבר, די צייט געצויגן זיך אזוי לאַנג. איך האָב מיך שוין באַלד מיאש געווען: מרה־שחורהדיק געטראַכט, אַז זי, די שריפט מיין איך, וועט אפשר אינגאַנצן באַגראָבן ווערן „אָהנע זאַנג אונד קלאַנג". די שריפט איז אַרויס אין שפּעטן פרילינג. ערשט אין מיטן אָדער סוף זומער איז צו מיר אַריינגעקומען קאַליאַ, אַ פאַראַטעמ־טער, אַ שיינענדיקער, און האָט מיר דערלאַנגט אַ נומער פון אַ צייטונג.

— נאַט! לייענט, וואָס מען שרייבט וועגן אייך! נעמט זיך אָבער ניט איבער! (טאָלקאָ ניע וואָזגאָרדיטיעס!).

די צייטונג איז געווען דער מאָסקווער „רוסקי קוריער" — פון אַ לינק־ראַדיקאַלער ריכטונג — ניט לאַנג געגרינדעט, אָדער ניט לאַנג אַריבער

אין ראַדיקאַלע הענט. נאָכדעם ווי די „פיר מיניסטאָרן" האָבן צוגעשלאָסן אונדזער הייליקסטן טעמפּל — די „פּאַטערלענדישע אַנאַלן" פון מיכאַילאָווסקי און שטשעדרין — האָבן די מיטאַרבעטער זיך פונאַנדערגעשאָטן, וואו ווער. מיכאַילאָווסקי און — געדענקט זיך — אויך שטשעדרין זיינען אריין אין די „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי" — דער צייטונג פון די ליבעראַלע מאָסקווער פּראָפעסאָרן. שפּעטער איז מיכאַילאָווסקי — מיט אַ היפּש ביסל אַנדערע פון זיין קרייז — אַריבער אין דעם חודש־זשורנאַל „סיעווערני וויעסטניק", און איז דאָרטן געוואָרן דער פירנדיקער גייסט. אַ טייל מיטאַרבעטער פון די „פּאַטערלענדישע אַנאַלן" האָט זיך אַריבערגעפּעקלט אין דעם „רוס-קי קוריער", אָפּהיטנדיק און טראַגנדיק הויך — אויף וויפיל די צענזור האָט דאָס געקאָנט דערלאָזן — די אַלטע פאָן.

פון איינעם אַזאַ מיטאַרבעטער — וואָס האָט אין „קוריער" געשריבן אונטער דעם פּסעוודאָנים וועניעוויטש — האָט געשטאַמט אַ גאַנץ לאַנגער און אינהאַלטרייכער אַרטיקל וועגן די „מיסלי".

ווי דער „וואָסכאָד״ און נאָך זשורנאַלן האָבן זיך אָפּגערופן אויף מיין ערשטער שריפט

וועניעוויטשעס רעצענזיע אין דעם ראַדיקאַלן „רוסקי קוריער״ — אַ לאַנגער אַרטיקל — האָט געגעבן, אויף וויפיל מיר געדענקט זיך, אַ גוטן איבערבליק איבער דעם אינהאַלט פון די „מיסלי״. איך האָב ניט דערוואַרט פון איר קיין פולע פאַרשטענדעניש פאַר די ריין היסטאָרישע ענינים, און זי איז דאָרטן אויך ניט געווען. דערפאַר אָבער האָט וועניעוויטש אַרויסגעוויזן אַ פולע פאַרשטענדעניש פאַר דעם ריין וועלטלעכן קערן, וואָס איך האָב מיך געמיט אַרויסצושיילן פון דער רעליגיעזער געשיכטע אונדזערער.

דער רעצענזענט האָט גוט אויפגעכאַפּט דעם תוך פון דער זאַך: די סאָציאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער אַרבעט. עס איז אים אויך געווען קלאָר, אַז די שריפט באַטייט אַ גאַנץ אַנדער שטעלונג צו דער יידישער געשיכטע, דעם יידישן פאָלק און די פּראָבלעמען פון דער יידן־פראַגע — אַ שטעלונג, וואָס איז דעמאָלט נאָך ניט געווען בנמצא אין דער רוסיש־יידישער ליטעראַטור.

דער גאַנצער אָפּרוף איז געהאַלטן געוואָרן אין זייער אַן ערנסטן און זייער סימפּאַטישן טאָן. ער האָט אָבער אויפגעוויזן אויף אַ פּאָר חסרונות און איז ניט אינגאַנצן געווען איינשטימיק מיט מיין אָפּשאַץ פון דער איצטיקער עקאָנאָמישער ראָלע אונדזערער. עס האָט אים געוואונדערט, וואָס איך האָב לגמרי אַרויסגעלאָזן פון אויג די עקזיסטענץ פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין דעם תחום המושב, וואָס באַווייזט, אַז אויך איצט זיינען די יידן ניט דורכאויס אַ הענדלער־פאָלק.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גאַר וויכטיקע אָנצוהערעניש. זיכער האָב איך געוואוסט, אַז אין אַלע יידישע שטעט זיינען דאָ יידישע אַרבעטער, בעלי־מלאכות און פועלים ביי זיי. זיי זיינען אָבער פאַר מיר געווען „כלא היו״, אַ ליידיקער אָרט. ביז איבערן קאָפּ האָב איך געשטעקט אין יענער ריכטונג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, וואָס האָט אַלץ געבויט אויף דעם קאַמף פון דער רעוואָלוציאָנערער אונטערערדישער פּאַרטיי.

זי דאַרף צוציען צו זיך די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון אַלע קלאַסן, פון דער שטודירנדיקער יוגנט, ווי אויך פון די אַרבעטער און פון דער אַרמיי, סיי די אָפיצערן און סיי די אויסגעווײלטע יחידים פון די סאָלדאַטן. אָט די שטרענג קאָנספּיראַטיווע פּאַרטיי האָט געדאַרפט דורך דעם טעראָריסטישן קאַמף פונאַנדערטרייסלען די יסודות פון דעם צאַריזם, צעשטערן זיין כישוף איבער די מוחות פון די מאַסן, פאַרכאַפּן די שטאַט־לעכע מאַכט, איבערגעבן די ערד צום פאָלק, צונויפרופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און עפענען אַ פרייען וועג פאַר דעם אַרבעטאַרערישן פאָלק, איינצואָרדענען זיך אויף ריין סאָציאַליסטישע יסודות — דער עיקר, נאַטירלעך, אַגראַר־סאָציאַליסטישע.

דער קאַפּיטאַליזם און דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט זיינען נאָך דעמאָלט געווען זייער ווייניק אַנטוויקלט, און אין דער אַלט־נאַראָדאָוואָלישער קאָנצעפּציע פון אַלע אירע ריכטונגען איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ באַזונדערער אַרבעטער־פּאַרטיי כנוסח מערב־איראָפּע. איז אויך אין מיין נאַראָדאָוואָלישן איינשטעל ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ יידישער אַרבעט־פּאַרטיי. עס איז אין איר געווען אָרט נאָר פאַר אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, אַ באַשטייענדיקער פון יחידים, וואָס געהערן צו פאַרשיידענע קלאַסן — דער עיקר צו דער אינטעליגענציע און צו דעם גייסטיקן פּראָלעטאַריאַט.

אויך דאָס טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז די פאָרשטעלונג פון דעם „פּראָלעטאַריאַט“, ווי אַ באַזונדער קלאַס, איז ביי אונדז געווען אַסאָציאירט מיט דעם מערב־איראָפּייאישן מוסטער פון אַ לוין־אַרבעטערשאַפט, אַ קאָנצענטרירטער אין גרויסע פאַבריק־אונטערנעמונגען. די ניט־יידישע וועלט אין רוסלאַנד — דער עיקר די גרויס־רוסישע — האָט שוין געהאַט אַזעלכע אינדוסטריעלע אינדזלען, אין וועלכע פלעכאַנאָוו האָט דערבליקט דעם אָנהייב פון דער אומפאַרמיידלעכער קאַפּיטאַליסטיש־פּראָלעטאַרישער אַנטוויקלונג. אָבער אין דעם יידישן תחום, ספּעציעל אין אונדזער ווייס־רוסלאַנד, האָבן מיר פון אַזוינע אינדזלען ניט געהערט. ווי האָט דאָ געקאָנט אַרויף אויפן זינען צו פאַרבינדן וועלכע עס איז סאָציאַליסטישע האָפענונג מיט אַ ספּעציעל־יידישן אַרבעטער־קלאַס?

דער ייד איז, דער עיקר, דער מעקלער, דער קליינער סוחר און דער גרויסער קבצן. זיי אַלע מוזן פאַרשווינדן אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט. זייער אַלעמענס רעטונג (די „תשועת ישראל“) ליגט אין דער אַגראַר־סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, הבאה עלינו לטובה, באַלד נאָך דעם, ווי די פּאַרטיי וועט ווערן דער באַלעבאָס אויף דעם עקאָנאָמישן איבערבוי

פון דעם גאַנצן לאַנד. אַט דער געדאַנק איז געלעגן אין דעם יסוד פון אונדזער ערשטן יידיש-סאָציאַליסטישן אַרויסטריט און מיט אים זיינען אויך געווען דורכגעדרונגען די „מיסלי".

וועניעוויטשעס פאַרוואורף, פאַרוואָס איך האָב אין דער קורצער כאַראַקטעריסטיק פון דעם יידישן מצב מיט אַ וואָרט ניט דערמאָנט די יידישע אַרבעט, איז, אָביעקטיוו־גענומען, געווען אַ באַרעכטיקטער. אָבער — האָט ער אַ וועלכע עס איז פּאָליטישע באַרעכטיקונג? דאַרף דער יידישער סאָציאַליסט זיך רעכענען מיט דעם פאַקט, וואָס אַזאַ אָדער אַן אַנדער קליינער טייל פון אונדזער פאָלק באַשעפטיקט זיך מיט מלאכות, לעבט פון זיין אייגענער אַרבעט, צי ווי קליינע באַלעבאַטימלעך, צי ווי פּועלים? — אַט דאָס איז געווען די פראַגע, וואָס וועניעוויטש האָט אַרויסגערוקט מיט זיין, פאַר מיר, זייער באַדייטנדיקער רעצענזיע.

אָבער דורכריידן זיך ערנסט וועגן אַט דער פראַגע איז שוין דע־מאָלט, אין וויטעבסק, ניט געווען מיט וועמען. די קרייזלעך פון יידישע יונגעלייט, אין וועלכע עס האָט אַמאָל, אויב ניט העל געפלאַקערט, איז פאַרט שטאַרק געפלעמלט די סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע שטימונג, זיי־נען שוין, אין דער אַנדער העלפט 1887, אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון אונדזער שטאָט. יונגעלייט זיינען אונטערגעוואַקסן, געוואָרן אַלץ נעענטער צו דער „פריזיוו"־צייט (צו דער מיליטערישער דינסט) און האָבן זיך ביס־לעכווייז אַריבערגעפעקלט קיין אויסלאַנד. שפּעטער האָב איך מיך מיט אייניקע פון זיי אָנגעטראָפן אין פאַרשיידענע לענדער: אַלע געווען גוטע איבערגעגעבענע סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטישע טוערס, דאָס רוב אין די גאָר ראַדיקאַלסטע לאַגערן.

אין וויטעבסק איז פאַרבליבן נאָר יאַקאָב מינץ, מיין געטרייסטער פריינט און חבר. האָב איך מיך מיט אים דורכגעשמועסט וועגן דעם נייעם פּונקט, וואָס איז, אַ דאַנק וועניעוויטשן, אַרויפגעשוואומען „אויף אונדזער האָריזאָנט". מינץ האָט גראָד זייער ערנסט אויפגענומען דעם ענין: „יידי־שער אַרבעטער". שטייענדיק אין ענגערן קאָנטאַקט מיט די יידישע פאָלק־מאַסן, האָט זיך אים געלייגט אויפן שכל, אַז אַ סאָציאַליסטיש־רעוואָלוצי־אָנערע אַרבעט צווישן די פּועלים און באַלמעלאָכעס, אין דעם נאָמען פון אַ ריין יידישער אַרבעטספּאַרטיי, וואָלט גראָד געקאָנט האָבן גוטע שאַנסן אויף אַנטוויקלונג. די שמועסן וועגן אַט דעם ענין האָבן געפירט צו אַ געוויסן פּראַקטישן שריט, וואָס וועגן אים — שפּעטער. דערווייל דאַרף מען זיך אומקערן צו די רעצענזיעס.

אויף וויפיל מיר געדענקט זיך, איז דער צווייטער אָפּרוף אויף דער שריפט געווען אין דעם חשובן ליבעראַלן זשורנאַל, דעם „וויעסטניק יעווראָפּי". אויף דעם סמך פון דעם שמועס, וואָס איך האָב געהאַט מיט סלאָנימסקין באַלד, ווי ער האָט דורכגעלייענט דעם מאַנוסקריפּט, האָב איך געמעגט דערוואַרטן אַ לענגערע באַשפּרעכונג אין דעם זשורנאַל; זאָל זיין אפילו מיט אַ קריטישער און אפשר אויך אַ שאַרף-פּאָלעמישער שטעלונג צו דער טענדענץ און צו דעם אָנגעמערקטן אויספיר, מיט דער פאַרטיידיקונג פון דעם רײן אַסימילאַטאָרישן ענטפער אויף דער יידנפראַגע.

אָנשטאָט דעם האָט דער „וויעסטניק יעווראָפּי" געבראַכט אַ זייער קורץ-געהאַלטענע רעצענזיע, וואָס האָט מער געקלונגען ווי אַן אַנאָנס, אַז אַזאַ שריפט איז אַרויס פון דרוק, איידער ווי אַן אָפּשאַץ. די קורצע רעצענזיע האָט זיך באַנוגנט מיט אַ שנעל-לויפנדיקן איבערבליק איבער דעם אינהאַלט, און דער גאַנצער אָפּשאַץ איז באַשטאַנען אין דעם שלוס-זאַץ, וואָס האָט פאַרזיכערט, אַז די „מיסלי" זיינען ניט אָן אָריגינאַליטעט און אינטערעס". („ניע לישעני אָריגינאַלנאָסטי אי אינטערעסאַ").

אָנפרעגן ביי סלאָנימסקין, צי איך מעג רעכענען אויף אַ שפּעטערן, מער אויספירלעכן באַריכט און אָפּשאַץ, האָב איך אפילו ניט געפּרואווט. דער „וויעסטניק יעווראָפּי", — די זייל פון דעם ערנסטן רוסישן ליבעראַליזם,—איז געווען פאַר מיר אַ טאָפּלט-פיינטלעכע וועלט: פיינטלעך אי צו דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, אי צו דעם סאָציאַליסטישן וועלט-באַנעם, וואָס מיט זייערביידנס גייסט איז די שריפט געווען דורכגעדרונגען.

אויב אָט די פיינטלעכע וועלט געפינט פאַר נייטיק, צו נאָטירן די דערשיינונג פון דעם בוך, און נאָך פאַרענדיקן מיט אַ לייכטן גלעט איבערן בעקעלע, וואָס וועקט דעם אינטערעס צו די דאָרטן אַרויסגעזאָגטע „געדאַנקען", — דאַרף מען זיך צופרידנשטעלן דערמיט.

אַ לענגערע און שאַרף-שאַרפע קריטיק איז צום סוף זומער דערשינען אין דעם רוסיש-יידישן זשורנאַל „וואָסכאָד": אָט די קריטיק איז פאַר מיר געווען אַן אמתער „וויטיק אין האַרצן". אייגנטלעך, האָב איך אויך פון אָט דער זייט ניט געטאָרט דערוואַרטן קיין אויפמונטערונג און קיין הסכמה. איז דאָך דער „וואָסכאָד", לויט זיין טענדענץ און זיין אָרט אויף דעם, אַזוי צו זאָגן, „גלאָבוס מונדי אינטעלעקטואַליס", געווען כמעט די זעלביקע זאַך, וואָס דער „וויעסטניק יעווראָפּי" פאַר דער רוסישער וועלט. דער זעלביקער בירגערלעכער ליבעראַליזם, דער זעלביקער אַסימילאַטאָרישער איינשטעל אין דער יידנפראַגע.

אָבער אויף אַזאַ מין באַהאַנדלען מיין ערשטע שריפט גראָד פון דער יידישער זייט, האָב איך מיך בשום אופן ניט געריכט. איך רעד שוין ניט וועגן דעם פולן קאָנטראַסט, דעם אמתן תהום, וואָס האָט געהערשט צווישן דער קריטיק אין „וואָסכאָד" און דער באַשפּרעכונג אין דעם „רוסקי קוריער". די ראַדיקאַלע מאָסקווער צייטונג האָט מיך אויפגענומען, ווי אַן אייגענעם מענטשן, ווען מען דאַרף נעמען ערנסט און מיט וועמען מען קאָן זיך ערנסט דורכשמועסן. אפילו ווען מען זאָל פאַרגלייכן דעם אָפּרוף פון דעם יידישן ליבעראַליזם מיט דעם אָפּרוף פון דעם רוסישן ליבעראַליזם, איז געווען גענוג גרונט, אויב ניט פאַר „צאָרן", איז פאַר טיפן „צער".

דער רוסישער ליבעראַלער זשורנאַל האָט געפונען, לאָז זיין, נאָר אַ פּאָר גוטע האָר אין מיר. דער קריטיקער פון דעם „וואָסכאָד" האָט קיין איין גוט וואָרט ניט געקאָנט געפינען פאַר מיין ליטעראַרישן ערשטלינג. אויף גאַנצע צען זייטלעך, אויב ניט מער, האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו „רייבן מיר די זייטן" — און נאָך ווי רייבן! וואָס אַ ציטאַט פון דער שריפט — אַ האָגל פון שאַרף־קריטישע שמיץ, נאָך שניידנדיקערע איידער די, וואָס איך פלעג באַקומען פון מיינע „ראַבייאים" אין די חדרים. דער „קאַנטשיק" האָט געאַרבעט אָן אַן אויפהער פון דעם ערשטן בלעטל ביז צום לעצטן.

דער מחבר פון דער קריטיק האָט זיך אונטערגעשריבן מיט דעם נאָמען „קריטיקוס". איך בין נאָך דעמאָלט געווען צו ווייניק היימיש אין דער רוסיש־יידישער ליטעראַטור איך זאָל האָבן געוואוסט וואָס פאַר אַ באַטייטנדיקע אויטאָריטעט עס האָט געשטעקט הינטער אָט דעם פסעוודאָנים. ערשט אין איבער אַ יאָר אַרום, ווען איך בין געווען אין ציריך (שווייצאַריע), האָב איך מיך דערוואוסט, אַז „קריטיקוס" איז ניט קיין אַנדערער ווי ש. דובנאָוו.

ומעשה שהיה כך היה. אין ציריך בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט אַ זייער אינטערעסאַנטער גייסטיקער פּערזענלעכקייט, איינעם אַ ראָבערט זייטשיק, — אַ פּריוואַט־דאָצענט אין דער אוניווערסיטעט, וועמעס פּסיכאָלאָגיש טיפע לעקציעס איבער דאָסטאָיעווסקי אויך איך פלעג באַזוכן. שוין ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין נאָמען איז אים ניט פרעמד, אַז ער האָט אויך געלייענט מיינע „מיסליי" און נאָך מער, אַז ער האָט געהאַט אַ נאָענטע שייכות אויך צו דער צעשמעטערנדיקער קריטיק אינעם „וואָסכאָד".

81

ש. דובנאָווס קריטיק און מיין ענטפער

פון ד״ר זייטשיקן האָב איך מיך דערוואוסט, אַז דער „קריטיקוס״ אין „וואָסכאָד״ איז ש. דובנאָוו, ניט נאָר דער בעסטער און טיפסטער רוסיש־יידישער פובליציסט, נאָר אויך אַן אמתער געלערנטער און פּראָגרעסיוו־דענקענדיקער מענטש.

עס איז אפשר ניט איבעריק דערביי צו באַמערקן, אַז אין מיין דעמאָלטיקן יוגנטלעכן איבערמוט און אין דעם סאָציאַליסטישן „אתה־בחרתנו״־געפיל, פון וועלכן איך בין ניט געווען פריי, האָב איך אויף דער גאַנצער רוסיש־יידישער פּרעסע געקוקט פון אויבן אַראָפּ. איך האָב ניט גערעכנט, אַז דאָרטן קאָנען זיך געפינען „גדולים״, וואָס פאַרדינען דעם דרך־ארץ אויך פון די קעגנער. אָט דעם ביטול־געפיל קאָן איך מיר עד היום ניט דערקלערן. איז דאָס פאַר דער אַסימילאַטאָרישקייט, מיט וועלכער יענע פּרעסע, — דער עיקר, דער „וואָסכאָד״, — איז געווען אָנגע־זאָפּט? — אָבער אַסימילאַטאָריש איז דאָך דעמאָלט געווען די גאַנצע גע־בילדעטע יידישע אינטעליגענציע (אַ חוץ דער „פּאַלעסטינאָפילישער״). אויך סלאָנימסקי איז דאָך געווען אַן אַרצי־אַסימילאַטאָר און דערצו נאָך אַ „ליבע־ראַל״. פונדעסטוועגן איז ער געשטאַנען זייער הויך אין מיינע אויגן.

האָט זיך דער ביטול גענומען דערפון, וואָס דאָס איז געווען אַ יידישע פּרעסע? איך וויל דערמיט זאָגן, אַז אַ געוויסער יידישער „שפלות־קאָמפּלעקס״ האָט ניט דערלאָזט, אין דעם אינעווייניקסטן אָפּשאַץ פון חשיבות, אָוועקצושטעלן די יידישע פּרעסע און אירע טוערס אויף איין הייך מיט דער ניט־יידישער . . . אַזאַ „שפלות־קאָמפּלעקס״ האָט זיכער גע־שפּילט אַ ראָלע ביי אַ סך פון מיינע ראַדיקאַלע חברים נאָך אין דער צייט פון מיינע גימנאַזיאַל־יאָרן. אָבער איך האָב פון אים ניט געליטן. אַ ראיה: מיין גרויסע אַכטונג צו דעם העברעאישן פובליציסט, דעם מי שהיה ראַדיקאַל, מ. ל. ליליענבלום.

די דערקלערונג פון מיין ביטול צו דעם „וואָסכאָד״ דאַרף מסתמא געזוכט ווערן אין דעם פאַקט, וואָס איך בין געווען מיט אים זייער ווייניק

באַקאַנט, און דער עיקר, דערין, וואָס ער איז געווען אַזוי לאָיאַל צו דער רעגירונג, איגנאָנצן אַריינגעטאָן אין דעם אידייען־קרייז פון דעם „יודאַ־איזם" און אין דעם קאַמף פאַר בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג; אַזוי וויט פון יענע סאָציאַלע, פּאָליטישע און גייסטיקע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס האָט געלעבט דער ראַדיקאַלער יידישער יונגער דור.

די גרויסע אַכטונג, וואָס ד"ר זייטשיק האָט אַרויסגעוויזן צו זיין פּע־טער, האָט היפּש אויפגעהויבן זיין חשיבות אין מיינע אויגן. פאַרוואָס זשע האָט „קריטיקוס" אַזוי אומבאַרעמהאַרציק געשמיסן מיך פאַר מיין ערשטער שריפט? — ד"ר זייטשיק האָט מיר געגעבן די דערקלערונג. ווי ער האָט מיר דערציילט, האָבן זיי ביידע געלייענט די „מיסלי" אין וואַרשע. אויף זיי ביידן האָט די שריפט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי האָט אַ שטאַרקע, ניט קיין גאַנץ קלאָר אַרויסגעבראַכטע נייגונג צו דעם רעליגיעזן קריסטנטום. עס וואָלט זיי באמת געווען גרינג צו פאַרשטיין, אַז די פאַר גליענדיקע ווערטער פון מיין הויכער אַכטונג צו ישו דעם נוצרי, וואָס זיי־נען פאַרבליבן אין דער שריפט, האָבן גאָרנישט ניט צו טאָן מיט דער רעליגיעזער זייט פון זיין תורה. איך האָב מיך געאינטערעסירט מיט דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער זייט אירער. פון קיין וואָרט אין מיין שריפט וואָלט מען ניט געקאָנט אַרויספשטלען דעם חשד, אַז פאַר מיר איז קריסטנ־טום אַ רעליגיעזער פּראָבלעם, וואָס קאָן האָבן אַ וועלכן עס איז באַטייט פאַר אונדזער איצטיקן לעבן.

אָבער דובנאָוו האָט געוואוסט, אַז צווישן דער יידישער יוגנט האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע ריין רעליגיעז־קריסטלענדיקע שטימונגען, אפשר נאָך אונטערגעוואַרעמטע מיט דער האָפענונג, אַז ווען זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פון דער הערשנדיקער יידישער רעליגיע, גרינדן אַ מין יידיש־קריסטלענדיקע סעקטע, וועט זי די רוסישע געזעצגעבונג אַרויסנעמען פון דעם כלל „יידנ־שאַפט" און געבן אַלע אירע אָנהענגער די זעלביקע בירגערלעכע גלייכ־באַרעכטיקונג, וואָס די קאַראַאימען האָבן געהאַט, ניט פאַרלאַנגענדיק דערביי קיין שמד־פּראָצעדור.

אַט דער אויסבליק, האָט דובנאָוו חושד געווען, האָט געשטעקט אויך הינטער דער „דוכאָוונאָ־ביבליסקאַיע בראַטסטוואָ" (אַן אָרגאַניזאַציע, גע־גרינדעט פון יעקב גאָרדין, ז"ל) און הינטער פּאָרטוגאַלאָווס בראָשור: „באַצייכענענדיקע באַוועגונגען ביי דער יידנשאַפט".

אַט די קריסטלעכע שטימונגען ביי אַ טייל יידישער יוגנט פון יענער צייט האָט דובנאָוו אויסגעטייטשט ניט אַנדערש, ווי אַ פאַררעטערישן פאַרלאַנג, צו אַנטלויפן פון דעם אייגענעם פאַרפאָלגטן לאַגער. מיין

שריפט, האָבןביידע, — אי זייטשיק, אי דובנאָוו, — באַטראַכט ווי אַ געוויסע דערקלערונג, וואָס שטאַמט פון דעם זעלביקן אידייען-קרייז. און צי מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַן ערלעכער רעליגיעזער פּאַרבלענדעניש, צי מיט אַ געמיינעם פּערד־האַנדל, דאַרף מען די חברה אָנלערנען! אַזוי האָבן זיי ביידע באַשלאָסן. דערפון — די שאַרפסטע אכזריות, מיט וועלכע דובנאָוו האָט געריסן פּאַסנוויי די „מיסלי".

דעם ווייטיק, וואָס דובנאָווס קריטיק האָט אַרויסגערופן אין מיר, האָב איך דעמאָלט, ביי דעם געשפּרעך מיט ד"ר זייטשיקן, שוין לאַנג געהאַט אַריבערגעלעבט. און די דערקלערונג וועגן די מאָטיוון, וואָס האָבן דיק־טירט דובנאָוון זיין שאַרף קריטישע באַהאַנדלונג פון מיין ערשטלינג, זיי־נען מיר אין תוך געווען גאַנץ סימפּאַטיש.

אגב: אין דובנאָווס זכרונות וועגן יענער צייט געפינט זיך אַן אַנדער דערקלערונג. דובנאָוו האָט אין יענער קריטיק געשמיסן אומברחמנותדיק ניט נאָר מיך, נאָר אויך זיך אַליין. אויך ער האָט פריער איבערגעלעבט אַ פאַרפרעמדונג פון דער יידישער וועלט, אַ האַרבע טענה צו איר, פאַר־וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין די וועגן פון דעם פריידענקער, אוריאל אַקאָסטאַ. אין מיר האָט ער געזען דעם זעלביקן ראָמאַנטיש־יוגנטלעכן פּראָטעסט אַנטקעגן דער יידנשאַפט, פאַרוואָס זי האָט ניט גע־וואָלט גיין אין די וועגן פון די איסיים . . . האָט דעם רבינס קאַנטשיק אויף מיר געפּאַסעוועט אַט די ראָמאַנטיש־יוגנטלעכע שווערמעריי.

אויב ד"ר זייטשיקס דערקלערונג פון דעם ענין זאָל האָבן געשטימט מיט דערווירקלעכקייט, האָבן מסתמאביידע מאָטיוון געווירקט אויף דעם כאַראַקטער פון דובנאָווס קריטיק, וואָס איז פאַר מיר באמת געווען איינע פון מיינע גאָר שמערצלעכסטע איבערלעבונגען.

אַ היפּשע צייט בין איך אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. איך האָב נאָך אַמאָל איבערגעטראַכט דעם וועג, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען, אַריינ־געטראַכט זיך אין יעדן פאַרוואורף פון דער קריטיק און בין געקומען צו דער מסקנא, אַז „דער הער קריטיקוס" געהערט צו דער גאַנץ אַלטער שולע פון דער היסטאָרישער פאָרשונג; אַז ער הייבט פּשוט ניט אָן צו פאַר־שטיין יענעם נייעם דרך, וואָס קאַרל מאַרקס האָט אָפּגעעפנט פאַר איר.

האָב איך מיך אַנידערגעזעצט און אָנגעשריבן בנשימה אחת אַ לענגערן ענטפער אויף דער קריטיק, אין וועלכער איך האָב געלערנט מיט „דעם הער קריטיקוס" דעם אלף־בית פון דעם „מאָדערנעם בליק אויף היס־טאָרישע געשעענישן", — די לעגאַלע באַצייכענונג פאַר דער מאַרקסיס־טישער געשיכטס־פילאָסאָפיע. איך האָב אים דערציילט, אַז „מיר" האָבן

זיך שוין אויסגעלערנט צו דערבליקן די פֿאַרבאָרגענע קראַפֿט, וואָס טרייבט די רעדער פֿון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. „מיר“ ווייסן שוין אויף זיכער, אַז די רעליגיעזע גלויבנס, ווי אַלע ריין־אידייאישע פֿאַקטאָרן בכלל, זיינען נאָר אַלערליי שאָלעכצן, הינטער וועלכע עס איז פֿאַרבאָרגן דער אייגנטלעכער „קערן“ פֿון דעם געשיכטלעכן פּראָצעס: די עקאָנאָמישע פּראָצעסן און קאַמפֿן פֿאַר די ממשותדיקע מאַטעריעלע אינטערעסן. אין דעם ליכט פֿון אָט דער נייער, „ריין־וויסנשאַפֿטלעכער“ דערקענטעניש פֿאַלן אָפּ אַלע טענות פֿון דעם קריטיקער.

אָנגעשריבן, געלאָזט איבערשרייבן און אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע פֿונעם „וואָסכאָד“. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און איך האָב באַלד באַקומען דעם מאַנוסקריפּט, מיט דער קורצער דערקלערונג, אַז עס וועט ניט זיין געדרוקט. איך ווייס ניט, צי די רעדאַקציע האָט געגעבן לייענען מיין ענטפֿער איר מיטאַרבעטער. אויב יאָ, קאָן איך מיר איצטער גאַנץ גוט פֿאָרשטעלן דעם ליבן שמייכל דובנאָווס, ווען ער האָט געבלעטערט מיין נאַאיוון, כשר מאַרקסיסטישן אויסגוס . . .

פֿאַר מיין דעמאָלט אָנגעווייטיקטן געמיט איז דערפֿאַר געווען אַן אמתער באַלזאַם די רעצענזיע, וואָס איז דערשינען אין דעם „סיעווערני וויעסטניק“, אונטער דער רעדאַקציע פֿון דעם אמתן כוהן־גדול אין דער דעמאָלטיקער ראַדיקאַלער וועלט, נ. ק. מיכאַילאָווסקי, וועמעס שריפֿטן און געדאַנקען־גאַנג עס האָבן געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג און מיין גאַנצן גייסטיקן איינשטעל.

ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט, האָט מיכאַילאָווסקי איבערגעגעבן די שריפֿט צו דעם געלערנטן סאָציאָלאָג, וואָס איז אַריבער אויף מיכאַילאָווסקיס זייט, יוזשאַקאָוון, וואָס האָט אין דעם „סיעווערני וויעסטניק“ אָפֿט געשריבן וועגן יידישע פֿראַגן אין אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם יידנפֿריינטלעכן טאָן. פֿון יוזשאַקאָוון האָט אויך געשטאַמט די רעצענזיע וועגן דער „מיסלי“. זי איז ניט געווען אַזוי אויספֿירלעך, ווי וועניעוויטשעס אַרטיקל אין דעם „רוסקי קוריער“. אָבער אין איר האָט געהערשט דער זעלביקער ערנסטער טאָן און די זעלביקע סימפּאַטישע שטעלונג, ווי צו אַן אייגענעם מענטשן.

אויך שפּעטער האָט יוזשאַקאָוו, אין אַן אַרטיקל וועגן דער יידנפֿראַגע, זיך אומגעקערט צו מיין שריפֿט אין אַן אַרבעט וועגן דער יידנפֿראַגע און די געדאַנקען־שטרעמונגען אין דער רוסישער יידנשאַפֿט. מיין שריפֿט באַצייכנט דאָרטן יוזשאַקאָוו, ווי אַ יוצא מן הכלל, וואָס געהערט צו „אַ גאַנץ אַנדער וועלט־אָנשויאונג“. געמיינט איז דערמיט געווען די סאָצי־

אַליסטישע וועלט־אַנשויאונג בכלל און די רעוואָלוציאָנער־פאָלקסטימלע־רישע בפרט.

קיין אַנדערע רעצענזיעס אָדער קריטיקן אויף מיין שריפט איז מיר ניט אויסגעקומען צו זען. געהערט האָב איך נאָר, אַז אויך אין אַנדערע ערטער האָט מען זיך אָפּגערופן אויף איר.

אַזוי זאָל אויך ליליענבלום זי האָבן ציטירט. ווען און וואו, צי לגנאי, צי לשבח, איז מיר אומבאַקאַנט. אַזוי זאָל די אַנטיסעמיטיש־געוואָרענע „ניעדיעליאַ" — דער אָרגאַן פון דעם רעאַקציאָנערן פליגל אין דער „נאַראָדניטשעסטוואָ" (דער „פאָלקסטימלערישקייט"), — זיך האָבן באַרופן אויף מיר ווי אויף אַ בר-סמכא, אַז יידן זיינען עקספּלואַטאַטאָרן. אַזוי זאָל אויך די העברעאישע צייטונג „היום" מיך האָבן אָנגערופן: „עוכר ישראל" און „אַנטיסעמיט העברי"...

אויף אָט דעם פּונקט וועל איך מיך מוזן אַביסל אָפּשטעלן, ווייל נאָך עד היום טרעפט, אַז מען רייבט מיר אונטער דער נאָז מיין גייסטיקע קרובהשאַפט מיט דעם אַנטיסעמיטיזם.

מיין יידישער סאָציאַליזם און דער אַנטיסעמיטיזם

דער סך־הכל פון די אָפּרופן אויף מיין ערשטער שריפט איז, ווי איך האָב דאָס אויבן דערציילט, געווען אַזאַ: די רוסישע ראַדיקאַלע וועלט האָט זי אויפגענומען ערנסט; אפילו דער הויפּט־אָרגאַן פון דעם ליבע־ראַליזם — דער „וויעסטניק יעווראָפּי" — האָט געפונען אַ גוט וואָרט פאַר איר. די יידישע ראַדיקאַלע וועלט האָט זי פאַרשוויגן פּשוט דערפאַר, וואָס עס איז דעמאָלט אין רוסלאַנד נאָך ניט געווען אַזאַ ראַדיקאַלע וועלט ביי יידן, וואָס זאָל זיך אינטערעסירן מיט דער יידישער געשיכטע און מיט פּראָבלעמען פון אַן אייגענעם יידישן לעבן. די פּאָר יידישע ראַדי־קאַלן פון מיין אייגענער באַקאַנטשאַפט — אַ חוץ אַנסקין און יעקב מינצן — האָבן מיך מער אָדער ווייניקער אויסגעחוזקט. די יידישע פּרעסע אין רוסיש און העברייאיש האָט מיין ערשטע שריפט אַרונטערגעריסן אויפן שאַרפסטן אופן — סיי מיינע טעאָרעטישע מסקנות, סיי די פּראַקטישע אויספירונגען, אויף וויפיל זיי האָבן געקאָנט דורכגעבליקט ווערן דורך דעם טעאָרעטישן מלבוש. דער עיקר האָט מיך אויפגעברויזט אַ מינד־לעכער באַריכט, אַז דער „היום" האָט מיך אָנגערופן „אַנטיסעמיט העברי" און „עוכר ישראל" (דעם „היום" האָב איך קיינמאָל נישט געזען).

שטאַרק אָפּעסן זיך דערפון דאָס האַרץ האָב איך ניט געזאָלט, אָבער צער האָט דאָס מיר פאַרשאַפט ניט ווייניק. איך האָב אייגנטלעך שוין דעמאָלט געמעגט פאַרשטיין, אַז די באַשולדיקונג אין אַנטיסעמיטיזם האָט געקאָנט אויפגעהויבן ווערן — און איז טאַקע שפּעטער זייער אָפט אויפ־געהויבן געוואָרן — אַנטקעגן דעם גאַנצן פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן לאַגער, אויך אַנטקעגן די ציוניסטן, וואָס זיינען פון דעם אַסימילאַטאָרישן לאַגער ניט איינמאָל פאַרשריען געוואָרן — אויב ניט פאַר דירעקטע אַנטיסעמיטן, איז פאַר די, וואָס אין זייער פאַרבלענדעניש וואַרפן זיי די כלי־זיין פון די אַנטיסעמיטן אין דעם קאַמף אַנטקעגן אונדזער פאָלק.

אין דער אמתן האָבן דער גאַנצער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער לאַגער און די אַנטיסעמיטן אַ סך געמיינשאַפטלעכע פּונקטן אין זייער וועלט־באַנעם און אין זייער שטעלונג צו דער יידן־פראַגע.

ביידע ווילן זיך ניט לאָזן איינשמועסן, אַז יידן זיינען נאָר אַ רעלי־גיעזע עדה און ניט קיין באַזונדער פאָלק; ביידע גלייבן ניט, אַז די בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג קאָן זיין אַן ענטפער אויף דער יידן־פראַגע; ביידע דערוואַרטן ניט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט פאַרשווינדן מיט דעם טריאומף פון די ליבעראַלע געדאַנקען: ביידע לייקענען, אַז אַסימילאַציע איז מעגלעך אָדער ווינטשנסווערט (די „חובבי־ציון" און די ערשטע ציוניסטן זיינען נאָך אַ לאַנגע צייט ניט געווען קיין „אַסימילאַ־ציוניסטן"...) און דער ציוניזם האָט נאָך דערצו געהאַפט — אינאיינעם מיט די אַנטיסעמיטן — אַז די יידן וועלן פאַרלאָזן לגמרי זייערע איצטיקע וואוין־לענדער.

דאַרף מען נאָך מער געמיינשאַפטלעכע פונקטן? האָט מען דען ניט קיין רעכט צו דערקלערן, אַז דער מאָדערנער יידישער נאַציאָנאַליזם טוט — אין זיין „פאַרבלענדעניש" — פאַרשטאַרקן אַלע אידייאישע פאָ־זיציעס פון דעם אַנטיסעמיטישן לאַגער? מוז מען דען ניט מודה זיין, אַז אָביעקטיוו גענומען, לויט דער היסטאָרישער ווירקונג פון ביידנס אידיי־אישן איינשטעל, איז ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם — היינו הך?

ריין לאָגיש גענומען, איז דער אויספיר פונקט אַזוי ריכטיק, ווי דער באַרימטער ביישפיל פון אַן אַבסורדן סילאָגיזם: „אַ גאַנדז גייט אויף צוויי פיס און אַ מענטש גייט אויף צוויי פיס, ממילא איז יעדער מענטש — אַ גאַנדז". אידענטיטעט פון צוויי פאַרשיידענע ענינים ווערט ניט אַרויסגעבראַכט, ווען מען געפינט אויס, אַז זיי האָבן אַ סך אַבסאָלוט גלייכע סימנים. מען מוז נאָך האָבן אין אויג יענע סימנים, וואָס דורך זיי שיידן זיי זיך פונאַנדער. און יענע סימנים קאָנען זיין פון אַזאַ מין, אַז לויט זייער מהות, ווערן די צוויי כלומרשט „אידענטישע" ענינים גאָר דורכאויס אַנטקעגנגעזעצטע.

דאָס איז באַזונדערס אמת בנוגע דער „אידענטיטעט" פון אַנטיסעמי־טיזם און ציוניזם, אָדער יידישן נאַציאָנאַליזם בכלל. דער אונטערשייד וואָס גראָבט אויס אַ תהום צווישן די צוויי לאַגערן באַשטייט אין דער שטעלונג צו דעם מהות פון דעם יידישן פאָלק און צו די פּראָבלעמען פון דעם יידישן וואוילזיין אויף דער וועלט. דאָס איז אַ תהום, וואָס אויף איין זייט זיינער שטייט דער האַס און אויף דער אַנדער זייט די ליבע. אַט דער אונטערשייד האָט דיקטירט פאַרשיידענע פּראָגראַמען מיט פאַר־שיידענע היסטאָרישע אויסווירקונגען.

דער אַנטיסעמיטישער האַס האָט ניט געהאַט קיין אַנדער פּראָגראַם, ווי נאָר דעם אַלטן פּראָגראַם פון המן הרשע. „ישנו עם אחד" — ס'איז

דאָ אויף דער וועלט אַ פאָלק אַזאַ. איז עס דאָס ערגסטע, דאָס אומ־מענטשלעכסטע פון אַלע פעלקער. איז עס ניט ווערט, וואָס עס לעבט אויף דער וועלט. און ממילא — איז ניטאָ קיין אַנדער תרופה צו אים, ווי נאָר „להשמיד, להרוג ולאבד" — אויסצוואָרצלען! פאַרטיליקן! אויסראָטן!

די נאַציאָנאַלע ליבע קאָן און טוט אָפט אַריבערכאַפּן די מאָס אין דעם אָפּשאַץ פון דעם יידישן פאָלק און פון זיין באַדייט פאַר דער מענטש־הייט. אָבער זי וועט קיינמאָל ניט טראַכטן, אַז ער איז ערגער פאַר אַנ־דערע, אַז ער האָט ניט קיין באַרעכטיקונג צו פירן אַן אייגענעם פאָלקס־לעבן, צו זיין דער פולער באַלעבאָס אויף זיין אייגענעם היסטאָרישן גורל. די ליבע צו דעם אייגענעם פאָלק וועט תמיד שטרעבן אָוועקצו־שטעלן זיין עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלן אים מאַכן זעלבסטשטענדיק און פריי, ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו דעם אַנדערנס „לאַסקעס", אויסבעטלען ביי אים שוץ אָדער גלייכבאַ־רעכטיקונג און ליידן פון זיין גיפטיקן האַס.

אָט דאָס איז דער „קליינער" אונטערשייד צווישן דעם אַנטיסעמיטיזם און דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, ניט געקוקט אויף די פיל — באמת זייער פיל — געמיינשאַפטלעכע פונקטן, וואָס זיי ביידע האָבן אין דעם צוגאַנג צו דער יידישער פראַגע.

בנוגע מיין אייגענער שטעלונג צו דעם פאָלק און איר שייכות צו דעם אַנטיסעמיטיזם איז די זאַך אַביסל קאָמפּליצירטער. עס מישט זיך דאָ אַריין דער סאָציאַלער מאָטיוו: די שאַרף־נעגאַטיווע שטעלונג צו דעם הענדלערישן און ריין־שטאָטישן כאַראַקטער פון זיינע איצטיקע באַשעפ־טיקונגען. אין אָט דעם פונקט קאָן זיך טאַקע אויסדוכטן, אַז איך בין ווי אַ מין „אָנפאַן טעריבל" פון דעם יידישן פאָלק. קיין איינע פון די אַנדערע ריכטונגען אין דער יידישער עפנטלעכקייט האָט ניט די אַבסאָ־לוט פיינטלעכע, אומקאָמפּראָמיסלעך פיינטלעכע שטעלונג צו דער יידישער הענדלעריי און פראָפעסיאָנאַלעריי. די אַסימילאַטאָרן, די בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטן און אפילו די סאָציאַליסטן פון דעם מאַרקסיסטישן חדר האָבן גאָרנישט ניט אַנטקעגן אָט די באַשעפטיקונגען, און פיל פון זיי באַטראַכטן דאָס גראָד פאַר אַ שיינדל. אַ שפּאָס אַביסל דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל און די גרויסע ראָלע זיינע פאַר דעם מענטשלעכן פּראָגרעס! פאַר איר אַליין קומט אונדז דאָס טעלערל פון הימל. נאָר די שונאים אונדזע־רע פאַרגינען אונדז ניט אונדזערע כשר־פאַרדינטע פּריווילעגירטע פּאָזיציעס

אין דעם האַנדל, קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע און די ליבעראַלע פּראָ־פעסיעס.

דער פּראָגראַם, וואָס וואַקסט אַרויס פון אַזאַ בליק, איז אַ פּשוטער, קלאָרער און העכסט „יידנפריינטלעכער": פירט מיט אונדז דעם חשבון „פון מענטש צו מענטש"! שטערט אונדז ניט צו באַגליקן די געזעל־שאַפט מיט אונדזערע גאָט־געבענטשטע טאַלאַנטן אויף אַלע פעלדער פון דער שטאַטישער קולטור! אפילו די ציוניסטן און די מאַרקסיסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן ניט קיין אַנדער איינשטעל.

מיין יידישער נאַציאָנאַליזם איז אָבער פול מיט האַס צו אָט דער גאַנ־צער יידישער עקאָנאָמישער פּראַכטיקייט. איך האָס זי דערפאַר, ערשטנס, ווייל איך בין אַ סאָציאַליסט, אַ פרייער פון אַלע מאַרקסיסטישע גע־שיכטס־פילאָסאָפישע דריידלעך און פּשטלעך. אַ סאָציאַליסט קאָן אַנדער־קענען נאָר איין־איינציקן קוואַל פאַר אַ מענטשלעכער חיונה: די אייגענע פּראָדוקטיווע אַרבעט, וואָס באַשאַפט דירעקט מאַטעריעלע און גייסטיקע גיטער, אָדער וואָס נעמט אויף זיך די אָדער יענע געזעלשאַפטלעכע, ניט פּריוואַטע, התחייבותן צו באַדינען דירעקט די באַשאַפער פון מאַטעריע־לע און גייסטיקע גיטער. יעדע אַנדער באַשעפטיקונג, וואָס לעבט אויפן חשבון פון די פּראָדוצירער, איז פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי גנבה און גזלה — מעג די „פילאָסאָפיע" דערקלערן אונדז, לויט איר האַרצנס גלוסט, ווי אַזוי די דאָזיקע גנבה און גזלה איז „על פּי נאַטור־נויטווענדיקייט" אַרויסגעוואַקסן אין דער געזעלשאַפט.

שוין די איסיים האָבן פאַרווערט זייערע אָנהענגער צו באַשעפטיקן זיך מיט האַנדל און מיט קריגס־דינסט, און דאָס — מחמת די זעלבע סאָציאַליסטיש־עטישע טעמים. און זיינען דען ניט האַנדל און קריג צוויי לייבלעכע ברידער? דער עיקר, דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל און דער פעלקער־קריג.

דער צווייטער הויפּט־קוואַל, פון וואַנען עס שלאָגט מיין האַס צו דער יידישער הענדלעריי און פּראָפעסיאָנאַלעריי, באַשטייט אין דעם איינ־זען, אַז גראָד זיי האָבן פאַרהויקערט אונדזער פאָלק, פאַרוואַנדלט אים אין אַ בינטל נערוון, אָדערן און מאַרך, וואָס קאָן ניט לעבן אַנדערש, סיידן עס זאָל אַריינקריכן צום אַנדערן „אין די ביינער אַריין".

און דער דריטער הויפּט־קוואַל פון דעם זעלביקן אומקאָמפּראָמיסלעכן האַס שלאָגט פון דעם איינזען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם נעמט זיך, דער עיקר און תמיד, פון אָט דער פאַרהויקערונג אונדזערער, פון אָט דעם אינעווייניקסטן ווידערשפּרוך אין אונדזער לעבן, ווען אַ גאַנץ פאָלק, אַ

לעבעדיקער, איינהייטלעכער אָרגאַניזם, אַ הונדערט-פּראָצענטיקער נאַציאָנאַלער איינס — שטרעבט צו לעבן, ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אַן אַנדער פאָלק.

איז טאַקע פאַראַן — וואָס זאָל איך לייקענען — גאָר אַ וויכטיקער געמיינשאַפטלעכער פּונקט אין מיין איינשטעל און אין דעם אַנטיסעמיטישן. זיי ביידע ווילן פּטור ווערן פון דער יידישער הענדלעריי און פּראָפעסיאָנאַלעריי. בין איך דען ניט טאַקע דער אמתער „עוכר ישראל" און דער „אַנטי-סעמיט העברי"?

נאָר — ציט אויף! אויך דאָ איז דער מענטש ניט קיין גאַנדז, הגם ביידע האָבן צו צוויי פיס. אויך דאָ איז פאַראַן אַ „שטיקעלע" אונטערשייד צווישן מיין איינשטעל און דעם אַנטיסעמיטישן: דערזעלביקער אונטערשייד וואָס צווישן האַס און ליבע. דער אַנטיסעמיטיזם באַטראַכט דעם האַנדל, די ליבעראַלע פּראָפעסיעס און די עקספּלואַטאַציע פון מענטשלעכער אַרבעט בכלל פאַר זייער חשובע באַשעפטיקונגען. ער איז נאָר אַנטקעגן די יידישע באַשעפטיקונגען, ווייל דער ייד איז אַ צו שאַרפער קאָנקורענט אויף אַט די אַלע פעלדער. וויל דער אַנטיסעמיטיזם פּטור ווערן פון די יידן. וואָס מיט זיי זאָל זיין, פון וואָס זיי זאָלן לעבן, איז ניט זיין דאגה: „כאַפּט זיי דער רוח!"

איך וויל ניט פּטור ווערן פון די יידן (גלייבט דאָס מיר אויף מיין ערלעכער נאמנות!). איך וויל אַז אַלע מענטשן — און די יידן בתוכם — זאָלן פּטור ווערן פון דער הענדלעריי און פון דעם גאַנצן מקח-וממכריזם. איך וויל, אַז מיין פאָלק זאָל זיין אַ נאָרמאַל פאָלק, אַ געזונט פאָלק, אַ גאַנצער אָרגאַניזם, ניט קיין צעדריבלטער נערוו אין דעם אַנדערנס קנאָכן און מוסקלען.

ווי אַזוי איז דאָס צו דערגרייכן? אין דעם יאָר 1887, וועגן וועלכן איך שרייב (און נאָך אַ סך שפּעטער), האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין פּראָגראַם-מינימום פאַר דעם „היינט", ווייל איך האָב לגמרי געלייקנט דעם „היינט". פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען נאָר דער ליכטיקער „מאָרגן", די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע וואָס די פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" דאַרף דורכפירן. און מיינע האָפענונגען, מיין איינגעגלייבטקייט אין דער ריכטיקייט פון די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן זיינען געוועזן אַזוי שטאַרק, אַז עס איז ביי מיר קיין ספק ניט געוועזן: מיט דעם כח פון דעם אמת און יושר, וואָס הערשט אין זיי, וועלן מיר אַריבערציען אויך די גרויסע מאַסן פון דעם יידישן פאָלק צו יענע אידעאַלן — אַט טאַקע די אַלע קרעמערלעך, שענקאַרעס און באַלמעלאָכעס, דעם

גאַנצן יידישן „קאַבצאַניאַט", אַזוי צו זאָגן, וואָס מוז דערבליקן זיין סאָ־ציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייאונג אין דעם טריאומף פון סאָציאַליזם. זאָל נאָר די יידישע יוגנט — די סאָציאַליסטישע — זיך אַ נעם טאָן דערפאַר!

אַט פאַרוואָס דער שלעכטער אָפּרוף פון דער יידישער פּרעסע אויף מיין ערשטן שריט אין דער עפנטלעכקייט האָט געווירקט אַזוי דעפּרימירנ־דיק אויף מיר. ניט קיין פריילעכער ווינטער איז פאַר מיר געווען דער ווינטער פון 1887—1888. אַ שווערע שטימונג האָט מיך כמעט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.

נאָר — שטימונג אַהין, שטימונג אַהער: די אַרבעט טאָר מען ניט אויפגעבן. האָב איך טאַקע געאַרבעט און שווער געאַרבעט יענעם ווינטער.

83

ווינטערצייט

דעם ווינטער 1887—1888 האָב איך פאַרבראַכט אין וויטעבסק. די שטימונג איז דאָס רוב געווען גאָר ניט קיין געהויבענע. צווישן דעם ביסל כתבים, וואָס איז פאַרבליבן פון יענער צייט, געפינט זיך אויך אַזאַ ליד אין יידיש:

איך ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס
עס קלעמט מיין האַרץ אַזוי;
פאַרוואָס איך באַוואַש זיך מיט טרערן;
פאַרוואָס איך האָב ניט קיין רו
און קיין זאַך קאָן מיר ניט
מיינע ווילדע געדאַנקען צעשטערן?

איך ווייס אַליין ניט וואוהין
עס טרייבט און רייסט מיך פון אָרט;
וואָס ציט מיך צו אַנדערע ערטער?
עס וואַקסט אין מיר אַ געפיל,
וואָס איך קאָן ניט פאַרשטיין
און ווילדע געדאַנקען אָן ווערטער.

דאָס „באַוואַשן זיך מיט טרערן" און די „ווילדע געדאַנקען אָן ווערטער" זיינען, מסתמא, געווען מער פּאָעטעריי, איידער ווירקלעכע איבערלעבונג. נאָך מער פּאָעטעריי — און גאָר שלעכטע דערצו — איז געווען דער פינאַל פון דעם ליד:

דאָס וואָלט איך די גאַנצע וועלט
צו אַלי די שדים געשיקט
טיף אין דער ערד הונדערט איילן!

דאָס וואָלט איך יעדן מאָן
צו מיין האַרצן געדריקט
און ווײנענדיק אַלץ אים דערציילן.

זיכער האָב איך דעמאָלט געהאַט אַ פּאָר פּערזענלעכע זאַכן, וועלכע איך וואָלט געקאָנט „ווײנענדיק" וועמען דערציילן. עס איז אָבער ניט געווען וועמען. דער אײנציקער מענטש, פאַר וועמען עס פלעגט פריער תמיד זיין אָפן מיין האַרץ, ש. אַנסקי, איז געווען ווייט און אַלץ נאָך היפּש פאַרפרעמדט, ניט קוקנדיק אויף דער דערנענטערונג, וואָס מיין ערשטע שריפט האָט אַזוי אומדערוואַרט פאַר מיר געבראַכט. און מיט יאַקאָוון (מינצן) האָבן מיר זיך דעמאָלט נאָך ניט געטיילט מיט פּער־זענלעכע ליידן און פרײדן.

די געדריקטע שטימונג האָט אָבער ניט געשטערט ווייטער אָנצוגיין מיט די אַרבעטן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם סדר היום. אין דער ערשטער ליניע — די טעאָרעטישע אויסבילדונג און אָפּקלערונג פון יענע צוויי ענינים, וואָס זיינען דעמאָלט שוין געווען פאַר מיר צונויפגעגאָסן אין אײנס: דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע בכלל, די יידישע בפרט. שטודירן מאַרקסן (איך האָב געהאַט „דאָס קאַפּיטאַל" אין רוסיש און „דאָס עלענד דער פילאָסאָפיע" אין דייטש); שטודירן לאַווראָוון, — דער עיקר זיינע אַרטיקלען אין די אַלטע „פאַטערלענדישע אַנאַלן"; זיך פאַרטיפן אין מיכאַילאָווסקיס גרעסערע אַרבעטן פון אַמאָל — דאָס אַלץ האָט מיר אַ סך געהאָלפן אינגאַנצן צו באַפרייען זיך פון טשערנישעוו־סקיס פרימיטיוון פוריעריזם.

צוליב קלאָר ווערן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָב איך נאָך געדאַרפט דורכנעמען יענע ווערק, וועלכע סלאָנימסקי האָט מיר „פאַר־שריבן" אין פּעטערבורג, וואָס מיט זיי האָב איך ניט געקאָנט פאַרטיק ווערן אין דער קייסערלעכער ביבליאָטעק. אײנס אַזאַ ווערק, — אַדאָלף באַסטיאַנס „דער מענטש אין דער געשיכטע", — האָב איך געקראָגן אין וויטעבסק. איז דאָס געווען אַ שטיקל אַרבעט! רייך אין געדאַנקען און אַלגעמיינע איבערבליקן, פול אָנגעפּראָפּט מיט פאַקטישן מאַטעריאַל, — דער עיקר וועגן די פרימיטיווע פעלקער, — איז באַסטיאַנס שריפט געשריבן אין אַזאַ שפּראַך, אַז קיין גוטער ייד זאָל דאָס ניט קענען! אַזעלכע לאַנגע פעריאָדן, צעפּלאָנטערטע און פאַרקניפּלטע, האָב איך ביז דעמאָלט נאָך אין קיין דייטשן בוך ניט אָנגעטראָפן, און אָפּלאָזן פון אים האָב איך ניט געקאָנט. אַזוי ניי פאַר מיר איז געווען דער מאַטערי־

אַל, וועלכן באַסטיאַן האָט צונויפגעזאַמלט. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז פאַר מיר געווען דער מאַטעריאַל וועגן דער ראָליע פון דער שפּראַך אין דער אויסבילדונג און אויפהאַלטונג פון באַזונדערע פעלקער.

אויך די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, — אויב מען קאָן זי נאָך אַזוי אָנרופן, — איז ניט געווען אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. יאַקאָוו מינץ האָט זיך נאָך געמיט אויף דער רוסישער איבערזעצונג פון טונס „געשיכטע דער רעוואָלוציאָנערען באַוועגונג אין רוסלאַנד" פאַר אַ העקטאָגראַפישער אויס־גאַבע. איך פון מיין זייט האָב זיך ווידער גענומען פאַר איינברעכן די יידישע שפּראַך אין איבערגעבן די רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע, — אַלץ נאָך מיט דעם אויסבליק אויף אַן „אונטערערדישן" זשורנאַל אין יידיש.

גראָד דעמאָלט האָב איך איבערגעזעצט סיולי פּריודאָמס „דער חלום", מיט וועלכן איך האָב יאָרן און יאָרן שפּעטער געדעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור, אין מ. ווינטשעווסקיס לאָנדאָנער „די וועלט".

צו דער זעלביקער „רעוואָלוציאָנערער" אַרבעט, — אָדער, לפּחות, מיט רעוואָלוציאָנערע צילן אין אויג, — דאַרף אויך צוגעציילט ווערן מינצעס און מיין באַשלוס צו ווערן באַלמעלאָכעס. בלי ספק האָט דאָ געשפּילט אַ געוויסע ראָלע ווערניעוויטשעס טענה אין זיין רעצענזיע אויף מיין בראַשור, אַלעמאַי איך האָב לגמרי איגנאָרירט דעם מאָדערנעם יידישן אַרבעטער. יאַקאָוו איז געווען גרייט אויסצובייטן די אינטעליגענ־ציע אויף פּועלים און אַרבעטער. פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן זיי פון דרויסן איז אָבער געווען אַבסאָלוט אוממעגלעך. צוליב איר האָט מען געדאַרפט, אַזוי צו זאָגן, גיין „אין פאָלק אַריין".

האָבן מיר באַשלאָסן צו ווערן „סטאָליאַרס" (טישלער): מינץ — אין דעם פולן ערנסט. איך — אויף אַ פּרואוו, זען וועלכע מעגלעכקייטן עס קאָנען זיך דערביי עפענען פאַר דער ווייטערדיקער טעטיקייט צווישן דער יידישער אָרעמקייט. די סומען, וואָס „אונדזער" סטאָליאַר, — אַ פאַרדייטשטער ייד פון קורלאַנד, — האָט פאַרלאַנגט פאַר אויסלערנען די מלאכה, איז ניט געווען קיין גרויסע, און מיר האָבן זיך גענומען פאַר דער נייער תורה: מינץ — צו זיבן־אַכט שעה אַ טאָג, און איך — אַ שעה, צוויי, און אויך ניט יעדן טאָג. האָט זיך טאַקע מינץ גאַנץ גוט אויס־געלערנט דעם פאַך. איך אָבער האָב נאָך חדשים אַרבעט קוים זיך אויסגעלערנט אָפּצוהובלען אַ ברעט ווי עס דאַרף צו זיין און אויסצו־מייסטערן אַ וואַרעמען, שיין אָפּגעפּאָלירטן פוס־בענקל פאַר דער מוטער.

קיין פּראָפּאַגאַנדע „צווישן" דעם איין־איינציקן יידישן פּועל — ביי דעם דייטשן יידן, — האָבן מיר ניט געפירט און זיך אויך ניט געקליבן

דאָס צו טאָן. דער פּלאַן איז געווען — ווערן גוטע באַלמעלאָכעס און אַוועקגיין אין דער פרעמד. פונדעסטוועגן האָט מען אין שטעטל שוין גערעדט וועגן דעם. אויף מיר איז אייגנטלעך ניט געווען קיין גרויסער חידוש, הגם איך בין געווען אַ נגידיש־קינד און שוין, ווי ניט ווי, אַ „רוסישער שרייבער״. דער מוטער האָב איך געזאָגט, אַז איך טו דאָס „צוליב געזונט״, און זי האָט שוין ביי יעדער געלעגנהייט פון זיך אַליין מוסיף געווען, אַז די „דאָקטוירים״ האָבן מיר דאָס „געהייסן״.

אָבער אויף מינצן איז טאַקע געווען אַ חידוש. ער איז אויך געווען אַ קינד פון אַמאָל נגידימשע עלטערן, וואָס האָבן בשעתם געהאַט אַן אייגענעם גרויען מויער אויף סאַמע „איזהאָריע״, שיר ניט דער רייכסטער גאַס. ס'איז אמת, יאַקאָוו איז איצטער אַ גרויסער קבצן. אָבער — ער איז דאָך שוין אַמאָל געווען אַ סוחר אין מאָסקווע. פאַרלאָזט ער ווייב און קינד און האָט זיך „איזניוכעט״ („צונויפגעשמעקט״) מיט דער יונגער חברה. און איצטער — נעמט ער זיך גאָר פאַר סטאָליערײַ. צי שטעקט דאָ ניט עפּעס הינטער דעם? דעמאָלט וואָלט שוין געווען אויך פאַר־שטענדלעך, וואָרום ער לערנט זיך סטאָליערײַ מיט מיר אינאיינעם. מסתמא האָט אויך יאַקאָווס פרוי, וואָס האָט אים אַלץ ניט געוואָלט געבן קיין גט, געזוכט צו פאַרשווארצן אים וואו און ווי זי האָט נאָר געקאָנט און האָט אויך אָט דעם שריט זיינעם אויסגענוצט קעגן אים.

מיר האָבן אָבער ווייניק וואָס זיך געקימערט וועגן אַזוינע קלאַנגען, בפרט, אַז קיינער וואָלט גאָרנישט ניט געקאָנט אויפווייזן אַנטקעגן אונדז. אויב די פּיל־אויגיקע זשאַנדאַרמעריע, וואָס האָט דאָס ביסל שיריים פון דער באַוועגונג תמיד באַוואַכט, האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן אונדז ביי דעם טישלער און דעם דייטשן דרעקסלער, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים, — האָט זי זיכער באַקומען די באַרואיקנדיקע עדות וועגן אונדזער פּאָלי־טישער אומשולד.

כדאי צו פאַרענדיקן די מעשה מיט דער טישלערײַ! פון אונדזערע פּלענער האָט זיך, ווי מען וועט באַלד זען, אויסגעלאָזן אַ בוידעם. אין פרילינג 1888 האָב איך פאַרלאָזן רוסלאַנד. אין דעם זעלבן האַרבסט איז צו מיר אין ציריך געקומען יאַקאָוו און איז באַלד אַריינגעטראָטן אין דעם ווינטערטורער טעכניקום. אויסגעשטודירט אויף אַ כעמיקער, איז ער מיט זיין פיינעם אייראָפּייאישן דיפּלאָם אַוועק קיין אַמעריקע און האָט זיך טאַקע באַלד געמוזט נעמען פאַר זיין — טישלערײַ. אַרבעטנדיק שווער און שפּאַרנדיק געלט, האָט ער געהאָלפן זייער אַ חשובן יידיש־רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַט (מיט עד־היום אַ גוט־קלינגענדיקן נאָמען), צו פאַר־

ענדיקן אין ניו־יאָרק זיינע מעדיציניש שטודיען. ווען יענער האָט אַליין גענומען פאַרדינען, האָט ער באַפרייט מינצן פון זיין פאַרשקלאַפונג ביי דער טישלעריי. ער האָט אים אויסגעהאַלטן ביז אויך יאַקאָוו האָט אויס־געשטודירט אויף אַ דענטיסט, און איז אַריין אין דער היגער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער באַוועגונג, ווי אַ חשובער טוער. מיר אָבער האָט מיין עקס־פּערימענט מיט דער טישלעריי כמעט מיט יעדן טאָג קלאָרער געמאַכט, אַז ניט דאָס איז פאַר מיר אַ וועג.

אָט די אַלע אַרבעטן אין יענעם ווינטער האָבן מיך גאָר ווייניק באַ־פרידיקט. עס האָט מיך באמת „געטריבן און געריסן פון אָרט". רו פלעג איך נאָר האָבן אָדער זיצנדיקביים שטודיר־ און שרייב-טיש, אָדער זייענדיק אין די אָוונטן צו גאַסט ביי וויערא לאַכאָוו.

גאַנץ נאָענט זיינען מיר דעמאָלט געוואָרן איינס צום אַנדערן. ביי ביידן איז דעמאָלט געווען עפּעס אַ געפיל פון פאַריתומטקייט, הגם מיר האָבן ביידע געגלייבט, הייס געגלייבט אין דעם אמת פון אונדזערע נאַראָ־דאָוואָלישע אידעאַלן און האָבן געוואַרט, ביז „דאָס וואַסער וועט זיך נעמען באַוועגן" און עס וועט איבערגעריסן ווערן דער קאָשמאַר פון דער רע־אַקציע, וואָס איז געוואָרן אַלץ געדיכטער און פינצטערער.

לעצטע טעג אין רוסלאַנד

פאַראַן אין רוסיש אַ ווערטל: „בעזווּרעמיעניע״, „אומצייט״, אַ צייט, וואָס איז „גאָר קיין צייט ניט״, ווי איינער איז „גאָר קיין מענטש ניט״. און נאָך אַ ווערטל איז פאַראַן: „בעזדאָראָזשיע״, אַ צייט, אין וועל־כער אַלע וועגן זיינען פאַרשאָטן אָדער זיינען „גאָר קיין וועגן ניט״.

אַזאַ „אומצייט״ מיט וועגן, וואָס זיינען „גאָר קיין וועגן ניט״, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד נאָך אין דעם ווינטער 1886, ווען די יוגנט האָט פאַרלאָרן דעם וועג און גע־נומען זוכן אַלערליי „אומוועגן״ אי אין דעם זין פון גיין צו דעם זעל־ביקן ציל, אָבער אַרומגיין דעם געפערלעכן אָרט, — דעם טעראָריסטישן קאַמף, — אי אין דעם זין פון „גאָר קיין וועגן ניט״. אָבער, אַזוי צו זאָגן, פונאַנדערגעבליט האָט זיך אָט די „אומצייט״ מיט „גאָר ניט קיין וועגן״ און „אומוועגן״ אין דעם ווינטער 1887—1888.

אין אַזעלכע פאַרשאָלטענע צייטן דאַרף מען זיצן און וואַרטן. באַ־זונדערס שווער האָט די וואַרטעניש געדריקט אויף דער חברטע וויעראַ לאַכאָוו, מיט וועלכער איך פלעג מיך זען זייער אָפט אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט. אויך פאַר מיר איז די וואַרטעניש ניט געווען קיין איבע־ריקס גרינגע זאַך. אָבער — מערקווירדיק, איך האָב דעם ווינטער קיינמאָל ניט געהאַט, ווי אַ פאַר מאָל פריער, דעם געפיל פונקט ווי דאָס לעבן האָט מיך אַראָפגעוואָרפן פון זיין וואָגן און אַליין זיך אַוועקגעטראָגן מיט געפילדער אין דער וויט, איבערלאָזנדיק מיך אַליין ביים זייט וועג. אמת, אויך איצטער איז געווען אַ געפיל, אַז די „פור האָט זיך אָפּגעשטעלט״. אָבער איצטער בין איך ניט אַראָפּגעשליידערט געוואָרן אין איר געפלי. זי האָט זיך מיט מיר, און מיט נאָך אַנדערע מיטפאָרער, אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: איך בין דעמאָלט טאַקע געשטאַנען מיט אַנדערע אין מיטן וועג און געוואַרט. אָבער איך האָב אויסגענוצט די צייט, כדי צו בויען אַן אייגענעם וואָגן. אַזוי זע איך דאָס איצטער. האָט מיך די וואַרטעניש ניט אַזוי שווער געדריקט ווי זי האָט געפייניקט חברטע וויעראַ לאַכאָוו.

אין אונדזערע געשפּרעכן פלעג איך איר דערציילן וועגן מיינע טעאַרעטישע זוכענישן, באַריכטן וואו איך האַלט אין זיי, וועלכע פראַגן און פּראָבלעמען עס וואַקסן אויס און וועלכע „נייע נייעסן" איך געפין, — אַלץ וועגן דער באַציאָנאַליטעטן־פראַגע בכלל און וועגן דעם פאַרשאַלטענעם יידישן פּראָבלעם בפרט. וויערא האָט זיך שוין פריער פאַראינטערעסירט מיט דעם גאַנצן ענין, אַ דאַנק מיין רוסישער שריפט. אָבער איצטער האָט זי אין די געשפּרעכן אַרויסגעוויזן אַ מער איידער געוויינלעכן אינטערעס: געפרעגט אַלערליי שאלות און אָפּגעפרעגט דעם אָדער יענעם בליק מיינעם. מיר זיינען געוואָרן באַפריינדט אַלץ אינטימער און אינטימער. מיר האָבן אַליין ניט געוואוסט, — וויניקסטנס איז דאָס נאָך געווען פאַרבאָרגן פאַר מיר, — אַז צווישן אונדז שפּינען זיך פעדעם פון אַ גאַנץ אַנדער אַרט, איידער פריינטשאַפט און חברשאַפט.

פלוצלונג האָט מיר אָבער וויערא דערקלערט, אַז זי פאַרלאָזט וויטעבסק און פאָרט קיין ווילנע אַרבעטן, ווי אַ נייטאָרין. שווער איז מיר געווען צו שיידן זיך מיט איר, צו וויסן, אַז איך פאַרליר די אַזוי שיינע אָוונטן, וואו מיר ביידע, די פאַריתומטע, האָבן זיך געפילט אַזוי נאָענט איינס צום אַנדערן.

אין ווילנע איז וויערא געוואָרן נאָענט מיט יענעם קרייז יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן שוין געפּרוואווט אָנהייבן אַרבעטן צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז געווען דער קרייז, צו וועלכן עס האָבן געהערט די קרעמערס (אַזאַ פאַמיליע־נאָמען), — דער קרייז, פון וועלכן עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער „בונד", מיט אַרקאַדי קרעמער בראש.

דורכשרייבן זיך פלעגן מיר גאַנץ אָפט, אָבער אונדזער קאָרעספּאָנדענץ האָט געטראָגן מער אַ טעאָרעטישן כאַראַקטער איידער אפילו אַ פּשוט פריינטלעכן. דאָס איז געווען אַ המשך פון אונדזערע וויטעבסקער שמועסן. באַזונדערס האָט מיך געפרייט, וואָס וויערא וואוינט צווישן יידן, צווישן יידישע אַרבעטער (זי איז געווען גאָר אינטים באַפריינדט מיט אַרקאַדיס אַ שוועסטער). נאָר — ווידער פלוצלונג — לאָזט זי מיר וויסן אין איינעם פון אירע בריוו, בדרך אגב, אַז זי קלייבט זיך צו פאַרלאָזן ווילנע און אַוועקפאָרן קיין וואָראָניעזש. דאָס איז מיר שוין גאָר ניט געווען צום האַרצן. ערשט איצטער האָב איך דערפילט, אַז אין די פעדעם, וואָס האָבן זיך גענומען שפּינען צווישן אונדז און שוין גענומען זיך וועבן אין אַ פעסטן פריינטשאַפט-געוועב, איז פון מיין זייט אויסגעשפּונען און אַריינגעוועבט געוואָרן אויך אַ „שעטנז"־פאָדעם פון אַ גאַנץ אַנדער שטאָף און קאָליר, און אַז אָט דעם פאָדעם וועל איך דאַרפן אַרויסנעמען און

איבערגעריסן נאָך איידער דער אַנדער צד וועט אים באַמערקן אין דעם געוועב . . . ניט גאָר קיין פריילעכער ענין, אָבער — נו, מילא! . . .

אין יענער צייט האָב איך מיך געפילט אַזוי פאַריתומט, אַז אפילו די טעאָרעטישע אַרבעטן, וועלכע פלעגן מיך איינשלינגען „מיט הויט און האָר", האָבן פאַרלוירן זייער מאַגנעטישע קראַפט איבער מיר. יונגע לײדן! ווי אַלט בין איך דען אָקאָרשט געווען? נאָך ניט אינגאַנצן קיין דריי און צוואַנציק.

גראָד דעמאָלט, און מסתמא אויך אונטער דער ווירקונג פון יענע פערזענלעכע מעשות, איז ביי מיר ארויפגעשוואומען די פראַגע: וואָס בין איך געצוואונגען צו זיצן און וואַרטן אין רוסלאַנד ביז עס וועט אַריבער די אומצייט און עס וועט זיך ווידער באַווייזן אַ פרייערער וועג פאַר סאָציאַ־ליסטישער אַרבעט בכלל און יידיש־סאָציאַליסטישער בפרט? יידן וואוי־נען ניט נאָר אין רוסלאַנד. אמת, איך האָב ביז אַהער וועגן אַנדערע יידן ניט געטראַכט. אָבער אין תוך איז פאַר מיר „דאָס יידיש פאָלק" ניט געווען נאָר די איצטיקע יידנשאַפט, וואָס וואוינט אין רוסלאַנד. אום־באַוואוסט זיינען יידן אַלעמאָל פאַר מיר געווען אַן אַלוועלטלעך און אַל־צייטלעך פאָלק: פון מצרים ביז איצטער און פון רוסלאַנד ביז העט־העט וויט איבער אַלע זיבן ימען.

פאַרוואָס ניט גאַליציע? — דאָרטן איז אויך אַ פעלד פאַר יידיש־סאָציאַליסטישער אַרבעט און נאָך דערצו — מיט פּאָליטישער פרייהייט. געוויס האָב איך ניט גערעכנט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד אויף אייביק. עס איז געגאַנגען אין איבערוואַרטן די אומצייט און דערווייַלע ניט נאָר פאַר־צוגרייטן זיך טעאָרעטיש, נאָר אויך עפּעס אָנהייבן טאָן ממשותדיקס. גאַליציע וואָלט על פּי סברה געדאַרפט זיין פאַר מיר דאָס פּאַסיקסטע לאַנד.

פון דער אַנדער זייט האָבן די טעאָרעטישע אַרבעטן וועגן דער נאַ־ציאָנאַליטעטן־פראַגע, ספּעציעל וועגן דער ראָליע פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך און נאָך דירעקטער — וועגן יידיש, פאַרלאַנגט טיפערע און גרונ־טיקערע שטודיען איידער די, וואָס איך וואָלט געקאָנט האָבן אין וויטעבסק.

אין מיין אַרכיוו געפינט זיך אַ בריוול פון פּראָפעסאָר אָוסיאַניקאָ־קוליקאָווסקי, אין וועלכן ער נאַראַיעט מיר די אוניווערסיטעט אין היידעל־בערג אויף צו שטודירן גערמאַניסטיק און די דייטשע דיאַלעקטן. משמעות, איך האָב מיך דעמאָלט געמוזט געווענדט צו אים מיט אַן אָנפרעג וועגן דעם ענין. זיכער געדענק איך, אַז איך האָב מיט מיין פאָטער גערעדט וועגן אַ פּלאַן איך זאָל פאָרן אין אויסלאַנד שטודירן.

מערקווירדיק, אין די זעלטענע שמועסן מיט מיין פאָטער, — ער איז אָדער ניט געווען אין וויטעבסק, אָדער שטאַרק באַשעפטיקט, — איז קיינמאָל ניט באַרירט געוואָרן די פראַגע פון „תכלית", פון זען צו פאַר־זיכערן זיך מיט עפּעס אַ חיונה־קוואַל. ניט איך האָב געטראַכט וועגן דעם, — מסתמא, מחמת לייכטזין, — ניט ער האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן דעם. איך מוז איצטער אָנגעמען, אַז ער האָט געהאַט אַ געוויסן רעספּעקט צו מיר; אַז מיינע וועגן און לעבנס־צילן זיינען אים, אמת, געווען ניט אינגאַנצן קלאָר, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער געמוזט סימ־פּאַטיזירן מיט זיי.

וועגן דעם פּלאַן צו פאָרן קיין אויסלאַנד האָט ער נאָר באַמערקט, אַז דאָס דאַרף מען נאָך אַרומטראַכטן. עס איז דאָך געווים פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות און די געשעפטן זיינען ביי אים גראָד איצטער ניט אַזוי פויגלדיק, „ביז גאָט וועט העלפן".

אין דער זעלביקער צייט האָב איך מיך דערוואוסט, אַז אין ציריך, וואו מיין קוזינע, מ. ריינוס, האָט שוין דעמאָלט געשטודירט, האָט זיך גע־גרינדעט אַ יידיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אָן אָנגעשלאָסענע אָן דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „פּראָלעטאַריאַט", מיט דעם צוועק אַרויסצוגעבן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין יידיש; אַז דער מאַן, וואָס שטייט אויף איר שפּיץ, דאַרף אַוועקפאָרן און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל איבערנעמען זיין פּלאַץ.

די פּרטים וועגן אָט דעם עפּיזאָד האָב איך שוין אַמאָל באַשריבן אין דעם פאָרוואָרט צו מ. ראָזענבאַומס „מעמוארן פון אַ סאָציאַליסט־רעוואָלו־ציאָנער" און מוז אָפּשיקן דעם אינטערעסירטן לייענער צו יענעם פאָר־וואָרט, אָבער נאָך אַ פּאַסירונג איז צוגעקומען, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט שוין באַלד צו פאַרלאָזן רוסלאַנד.

אין איינעם אַ שפּעט־אין־דער־נאַכט, ווען איך בין געזעסן אין עפּעס טיף פאַרטאָן, איז צו מיר אַריין מיין פאָטער און האָט מיר דערקלערט, אַז איך מוז פאַרלאָזן רוסלאַנד, און אַז וואָס שנעלער איז אַלץ בעסער.

אויף מיין פאַרוואונדערונג האָט ער שאַרף און פאָטערלעך־שטרענג, — ווי אין די גאָר אַלטע יאָרן, — אַרויסגערעדט:

— פרעג ניט קיין שאלות! מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף מיין וואָרט. לאָמיר זיך בעסער דורכריידן, וואוהין און ווי צו פאָרן.

זיכער האָט עפּעס וואָס פּאַסירט, וואָס האָט דיקטירט מיין פאָטער זיין ראַשן באַשלוס. אָבער דעם כאַראַקטער פון דער פּאַסירונג האָב איך געקאָנט נאָר אויפכאַפּן פון אַ פּאָר ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט

געוואָרן ווי אגב אורחא אין זיינע רייד. ער האָט מיר דערמאָנט, ווי מיט יאָרן און יאָרן צוריק, ווען איינער פון אונדזערע געסט האָט אין שפּאָס ביי מיר געפרעגט, צי עס איז שוין ניט צייט צו רעדן מיר א שידוך, האָב איך דאַרויף געענטפערט, אַז „איך האָב שוין אַ כלה".

— דאָס איז מיר גוט אַריין אין נאָז, — האָט דער פאָטער איצטער באַמערקט.

וועגן מיינע „אונטערערדישע" ענינים האָב איך, נאַטירלעך, קיינמאָל מיט קיינעם ניט גערעדט, אַחוץ יענע, וואָס האָבן געדאַרפט עפּעס וויסן דערפון. האָב איך אויך דאָס מאָל מיט אַ וואָרט ניט רעאַגירט אויף זיין באַמערקונג. ערשט שפּעטער האָב איך מיך דערוואוּסט, אַז דער קניאַז שוכאָווסקאָי, דער „זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק" וואָס איז געווען אונדזער־רער אַ לאַנג־יאָריקער שכן, האָט דורך וועמען געלאָזט וויסן, בסוד סודות, מיין מוטער, אַז עס וואָלט פאַר מיר געווען „אַ סך גלייכער צו פאַרלאָזן וויטעבסק" און „אַז וואָס גיכער, אַלץ בעסער".

85

אין ווילנע ערב מיין פאַרלאָזן רוסלאַנד

דעם פּאָטערס אָנשפּיל אויף מיין „כלה" (די רעוואָלוציע) האָב איך אינגאַנצן איגנאָרירט אין אונדזער געשפּרעך, הגם עס האָט מיך באמת געפרייט, וואָס ער האָט דאָס אין זינען. רעדן מיט אים וועגן דעם האָב איך אָבער ניט געוואָלט. איך האָב אַרויסגערוקט די יידישע און וויסנשאַפטלעכע זייטן פון מיינע באַשטרעבונגען. צוליב זיי וואָלט דער בעסטער פּלאַץ פאַר מיר געווען בערלין, אָדער אַן אַנדער אוניווערסיטעט אין דייטשלאַנד.

„איז זאָל זיין בערלין!" — באַשטימט פאַר מיר דער פּאָטער. ער האָט אין ריגע באַקאַנטע דייטשע יידן און ער קאָן מיר קריגן רעקאָמענדאַציעס צום ראַבינער הילדעסהיימער, וואָס וועט מיך שוין צונויפפירן מיט וועמען איך וועל דאַרפן. אָבער — ווי אַזוי פאָרן קיין אויסלאַנד? מען דאַרף דאָך האָבן אַן אויסלענדישן פּאַס!

טראַכט דער פּאָטער אַ ווײלע און שלאָגט פאָר אַזאַ פּלאַן. אַוועקפאָרן זאָל איך טאַקע שוין, און — דערווייל קיין ווילנע, צו זיינע קרובים. אין דער צייט וועט ער זען אַרויסצוקריגן פאַר מיר אַ גובערנאַטאָרסקן פּאַס.

וועגן זיינע קרובים אין ווילנע האָב איך אַ לאַנגע צייט גאָר נישט געהערט ביי אונדז אין הויז. ווייטע קרובים זיינען דאָס געווען. געוואוסט האָב איך נאָר, אַז דער „פּעטער זאַק", אָדער „זאַקס", — וועמעס פּעטער ער איז געווען, ווייס איך ניט, — וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ שוכן עפר, האָט זיך אַמאָל גערעכנט צו די חשובים אין דעם פּאָטערס משפחה. אין מיינע יינגלשע יאָרן האָבן די דערציילונגען וועגן אים מיך זייער געאינטערעסירט און אָפטמאָל אויך באַשעפטיקט מיין פאַנטאַזיע. ער זאָל האָבן געווען אַ גרויסער אָריגינאַל, וועמעס וויציקע איינפאַלן און אויפפירונגען עס פלעגן דערמאָנט ווערן אין די געשפּרעכן.

ווען „מיר" האָבן געקויפט דעם גרויסן „מאַקאַריכעס" מויער אין דער שלאָסער-גאַס, האָט דער „פּעטער זאַק" פון ווילנע, וואָס האָט אויך גע

האָט אַ גרויסן אייגענעם מויער, זיך דערוויסנדיק פון דער קניה, געגעבן דעם פאָטער די עצה, ער זאָל אויסקלעפּן דעם מויער מיט די „טערקישע פּאַפּירן״ (די טערקישע הלוואה מיט געווינסן) און מאַכן אַ „שיינעם להדליק״ — וועט ער גיך פּטור ווערן פוןביידע.

אין מיין מוח באַמבלט זיך נאָך וועגן די קרובים, אַז דער „פּעטער זאַק״ איז געשטאַנען נאָענט צו די „אַפּיקורסישע״ קרייזן אין ווילנע. בעת מיין פאָטער האָט געלערנט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, פלעגט ער די ימים־טובים פאַרברענגען ביים פּעטער. און דאָס זאָל האָבן געווען ניט גאָר צו דער צופרידנקייט פון דעם זיידן. על־כל־פּנים געדענקט זיך מיר, אַז דער פאָטער פלעגט אָפט דערציילן אַנעקדאָטן וועגן די ווילנער אַפּיקור־סים פון זיין צייט. און בכלל האָט אין דעם פאָטערס זייער פרומען, זייער חסידישן קרייז געהערשט אַ מערקווירדיקע טאָלעראַנץ צו דער גאַנצער השכלה־באַוועגונג.

איך נוץ דאָ אויס די געלעגנהייט צו ציען דעם אויפמערק אויף אַן אינטערעסאַנטער קולטור־היסטאָרישער דערשיינונג אין דעם חסידישן לעבן פון יענער צייט. ווען איך טראַכט איצטער וועגן דעם גייסטיקן אַנבליק פון אַזוינע באמת הייס־גלייביקע ליובאַוויטשער חסידים, כנוסח חב״ד, ווי מיין פאָטער אין זיינע ייִנגערע יאָרן און ווי דער פּעטער מיכל מיט זיינע ברידער, קאָן איך ביי זיי ניט געפינען קיין איין שמץ פון פאַנאַטישן האַס צו די משכילים און די אַפּיקורסים. די שטעלונג צו זיי איז געווען כמעט, ווי צו געראָטענע קינדער, וואָס האָבן זיך ערגעץ וואו שטיפעריש פאַר־לאָפן. עס איז אויסגעקומען לויט זייער בליק, פונקט ווי פאַר די „מת־נגדים״ איז טאַקע קיין אַנדער גייסטיקער אויסוועג ניט געווען, ווי אָדער „נתפקר צו ווערן״, אָדער זיך אַנצושליסן אָן דער חסידות. און ווען — צו חסידות, מיינט דאָס ניט אַנדערש, ווי נאָר צו דער שיטה פון חב״ד. אַי — די שאַרפע קריטיק, מיט וועלכער די השכלה האָט באַגאָסן די חסידישע דרכים? זי האָט מען ביז צו אַ געוויסער מאָס אויך באַרעכ־טיקט אויף די וואָלינער און פּוילישע „חסידים שוטים״. די שיטה פון דעם חב״ד האָט יענע קריטיק ניט אָנגערירט.

איך האָב נאָך אַנדערע טעמים צו גלייבן, אַז אין דער ריכטונג פון דעם חב״ד, ווי אויך אין דער „פּשיסכער״ ריכטונג האָט געמוזט זיין אַן „עזאָטערישע תורה״, אין וועלכער נאָר ווייניקע „יודעי חן״ זיינען אַריינ־געדרונגען און וואָס האָט זיך שאַרף אָפּגעשיידט פון יענעם „עקזאָטערישן״ נוסח, וועלכן מען האָט געגעבן דעם המון. די „עזאָטערישע״ תורה האָט אָבער געהאַט אין זיך אַ סך עלעמענטן פון דעם פרייען קריטישן גייסט

מיט זיין קנאַפּער התפּעלות פאַר דער אַנגענומענער טראַדיציע. נאָר — דאָס איז שוין אַן ענין, וואָס גייט לגמרי אַרויס פון די ראַמען פון מיינע איצטיקע זכרונות. לאָמיר זיך אומקערן לענייננו.

דעם פּאָטערס פאָרשלאָג, איך זאָל פאָרן קיין ווילנע און דאָרטן וואַרטן אויף דעם פּאַס, האָט זיך זייער גוט אַריינגעפּאַסט אין מיינע אייגע־נע צילן. איך וואָלט סיי־ווי־סיי אַריינגעפאָרן קיין ווילנע, איידער איך פאַרלאָז רוסלאַנד, — דער עיקר כדי צו זען זיך מיט חברטע וויעראַ לאָכאָוו און אָפּצוזעגענען זיך מיט איר.

וויעראַ לאָכאָוו האָט שפּעטער געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע ניט נאָר אין מיין פּערזענלעכן לעבן, נאָר אויך אין מיין גייסטיקער אַנט־וויקלונג און אין דער איינפעסטיקונג פון מיינע סאָציאַל־פּאָליטישע אידייען. אפילו אין דעם פּרט פון מיין נאַציאָנאַל־יידישן סאָציאַליזם האָט זי געהאַט אַ גאָר גרויסע ווירקונג אויף מיר. איך וועל שפּעטער, — ווען עס וועט קומען דערצו, — זיך דאַרפן אָפּשטעלן אַביסל מער אויף אָט דעם פּרט. דאָ זאָל נאָר אָנגעמערקט ווערן, אַז אויב פון דער טשערנישעווסקי־שטירנערשער טעאָריע אין דער מאָראַל־פילאָסאָפיע, אַז דער שטרעבן צו דעם פּערזענלעכן גליק און פּאָרטייל איז אין תוך די איינציקע טרייבנדיקע קראַפט אין דעם מענטשנס לעבן, — האָב איך מיך אינגאַנצן באַפרייט און האָב מיך געמיט צו געפינען אויף דעם טעאָרעטישן אויסוועג פון אָט דעם „טעות אין פּשט", האָב איך דאָס אין דער ערשטער ליניע צו פאַרדאַנקען וויעראַן.

דאָס באַרעכטיקט, איך זאָל מיך אָפּשטעלן אויף דעם ריין־פּערזענ־לעכן עפּיזאָד אין מיין לעבן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין ווילנע, וואו־הין איך בין טאַקע באַלד נאָך דעם געשפּרעך מיטן פּאָטער אַוועקגעפאָרן.

די קרובים אין ווילנע, — דעם „פּעטער זאַקס" אַ טאָכטער און איר זון, — האָבן מיך זייער וואַרעם אויפגענומען און איינגעאָרדנט אין אַ גאָר שיינעם האָטעל. אויף מאָרגן אינדערפרי בין איך אַוועק צו בערטאַ קרעמער, וואָס אויף איר אַדרעס פלעג איך מיך אויך דורכשרייבן מיט וויעראַן. שרייבן וויעראַן וועגן מיין קומען האָב איך אי ניט געהאַט קיין צייט, אי ניט גערעכנט פאַר פּאַסיק.

קרעמערס וואוינונג איז געלעגן אין אַ הויף מיט די פענצטער צום הויף. איך האָב געדאַרפט דורכגיין אַ לאַנגע וועראַנדע אויף וועלכער עס האָבן אַרויסגעקוקט די פענצטער. אין איינעם פון זיי האָב איך נאָך פון דערווייטנס באַמערקט וויעראַן, ווי זי זיצט און אַרבעט ביי אַ ניי־מאַשין. אויך זי האָט מיך תיכף דערבליקט. זי האָט אַ וואָרף געטאָן

דאָס געניי, און איז אַ רויט־געוואָרענע מיט אַן איבערגליקלעכן פּנים און שמייכל, אַרויסגעלאָפן באַגעגענען מיך. איך בין געלאָפן איר אַנטקעגן, און מיר זיינען שיר־שיר ניט אַריינגעפאַלן איינס אין אַנדערנס אָרעמס. אָבער פּלוצלונג זיינען מיר געבליבן שטיין, פאַרשעמט, איינס אַנטקעגן דעם אַנדערן, און זיך באַגנוגנט נאָר מיט אַ חברישן האַנט־דרוק.

עס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז איך האָב שוין פריער געוואוסט, אַז מיינע געפילן צו איר זיינען געווען פון אַ גאַנץ אַנדער אַרט, איידער אינטימע פריינטשאַפט און חברשאַפט. איך האָב אָבער קיינמאָל ניט גע־טראַכט, אַז דערפון קאָן עפּעס אַרויס. קודם האָב איך ניט געהאַט קיין ברעקל אָנונג, אַז אויך אירע געפילן צו מיר זיינען פון דער זעלביקער העכערער אַרט. דערנאָך זיינען אָבער געווען אַ פּאָר מחיצות, וואָס וואָלטן אויסגעשלאָסן דעם געדאַנק, מיר זאָלן זיך צונויפגיין ווי מאַן און פרוי.

אין אונדזער קליינעם חברישן קרייז אין וויטעבסק האָט מען וויעראַן גערעכנט פאַר דוכאָוויטשעס אַ כלה, און עס איז אויך געווען די רייד, אַז אויב עס וועט אָנהאַלטן אָט די אומצייט אין דער רעוואָלוציאָ-נערער באַוועגונג וועט וויעראַ אַוועקפאָרן צו דוכאָוויטשן אין זיין פאַר־שיקונג קיין אָבדאָרסק.

דערצו זיינען אין וויעראַס אַ בריוו צו מיר מיר געווען אומקלאָרע רמזים, אַז זי קלייבט זיך צו פאָרן קיין וואָראָניעזש. איך האָב דאָס אויס־געטייטשט אַזוי, אַז „וואָראָניעזש" האָט זיכער ניט נאָר אַ פּערזענלעכן באַדייט פאַר וויעראַן, אויב דאָס איז פאַר איר וויכטיקער איידער אָב־דאָרסק און די פאַראייניקונג מיט דוכאָוויטשן.

גראָד וועגן דעם ענין „וואָראָניעזש" האָב איך געוואָלט אין ווילנע אויסגעפינען יענע פּרטים, וואָס קאָנען ניט מיטגעטיילט ווערן אין אַ בריוו און וואָס קאָנען מיר איבערגעגעבן ווערן. אונטער אַזוינע אומשטענדן האָט וועגן אַ וואָסער עס איז אינטימערער שייכות צווישן מיר און איר ניט געקאָנט זיין קיין רייד.

אונדזער אויסטערלישע באַגעגעניש אין ווילנע, פאַר וויעראַן אַזאַ אומדערוואַרטעטע, האָט אָבער לגמרי איבערגעביטן די לאַגע. מיר האָבן ביידע שאַרף דערשפּירט וואו מיר האַלטן איינס מיט דעם אַנדערן אין דער וועלט פון פּערזענלעכע געפילן. עס האָט זיך באַשאַפן אַ גאַנץ נייע סיטואַציע, וואָס איז נאָך פאַר אונדז אַליין ניט געווען קלאָר.

פון גאַניק זיינען מיר אַריין אין דער וואוינונג. וויעראַ האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר בערטאַן, און איך האָב מיך צוגעזעצט וואַרטן ביז וויעראַ וועט זיך איבערטאָן, אַוועקצוגיין מיט מיר.

געקומען אין מיין צימער, אין האָטעל, האָבן מיר זיך גאַנץ שטאַטיק־לעך אָװעקגעזעצט, איך אויף דעם דיוואַן, זי אין אַ פאָטער־שטול לעבן מיר און מיר האָבן גאַנץ שטאַטיקלעך גערעדט וועגן . . . איך געדענק שוין ניט וועגן וואָס. איך האָב אָבער איר מיטגעטיילט וועגן מיין איצטיקער לאַגע.

— דער עיקר — האָב איך געזאָגט — בין איך געקומען זיך זע־געגענען מיט אייך . . .

אַ שווערער שווייגן.

— איך פאָר קיין בערלין . . . ווען מיר זיך נאָך ווען עס איז זען ?

אַ שווערער שווייגן.

וויעראַס האַנט איז געלעגן אויף דער הענטל פון דעם פאָטער־שטול. איך האָב גענומען איר האַנט און זי אַ קוש געטאָן.

וויעראַ האָט אַרויסגענומען איר האַנט פון מיינער און ביידע הענט אַרויפגעלייגט אויף מיין אַקסל.

— אַך, חיים, חיים! ווי אָפט אין מיינע פּלענער דאָ פלעגט זיך ניט ווילנדיק אַ טראַכט טאָן: „און פּלוצים וועט קומען חיים און איבערקערן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ („ווסיאָ פּערעוועריאָט וו׳וויערד דנאָם״), און אָט איז עס״ — האָט זי פאַרענדיקט, גלעטנדיק מיינע האָר.

ווייטערע דערקלערונגען זיינען שוין ניט געווען נייטיק. נאָך אַ קליינעם דורכשמועס איז ביי אונדז געבליבן, אַז מיר דאַרפן גיין אין לעבן האַנט אין האַנט. עס האָט געקלונגען פון אירע רייד די אַזוי וואונדערלעך שיינע און צאַרטע איבערגעגעבנקייט פון רות המואביה: „עמך עמי, אלהיך אלהי״, „דיין פאָלק — מיין פאָלק״ (גאָט האָבן מיר ביידע געדינט דעם זעלביקן).

אויף דער זייט און אויף יענער זייט גרענעץ

אין וויטעבסק האָט מען פאַר מיר ניט געקאָנט באַקומען קיין אויס־לענדישן פּאַס. דעריבער האָב איך געדאַרפט פאָרן קיין קאָוונע, וואו מיינער אַ שוועסטער־קינד, חיים אײַזענשטאַט, וואָס האָט געוואוינט אין יורבורג, וועט שוין אַלץ איינאָרדענען „על צד היותר טוב״.

מיר האָט זיך מסתמא ניט גאָר געוואָלט אַוועקפאָרן פון ווילנע, צוליב דער „נייער סיטואַציע״, ווייל איך בין פאָרט געבליבן מיט וויעראַן נאָך אַ טאָג־צוויי. ביים געזעגענען זיך מיט איר האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז זי זאָל זיך תיכף נעמען פאַר דער ליקווידירונג פון אירע אַנגעלעגנ־הייטן אין רוסלאַנד, באַקומען אַן אויסלענדישן פּאַס און אַזוי גיך, ווי מעגלעך, קומען צו מיר קיין אויסלאַנד.

אין קאָוונע האָט מיך אײַזנשטאַט געזאָלט, לויט מיין טעלעגראַם, אָפּ־וואַרטן אויפן וואָקזאַל. אַנשטאָט אים איז אָבער צו מיר צוגעגאַנגען אַ פאַקטאָר פון אַ האָטעל און האָט מיך געפרעגט, צי בין איך דאָס ניט דער, וועמען אײַזענשטאַט האָט געדאַרפט באַגעגענען. ער האָט מיר מיטגע־טיילט, אַז זיין האָטעל האָט באַקומען פון יורבורג אַן אָרדער, אויפ־צונעמען מיך. אײַזענשטאַט איז עפּעס ניט אינגאַנצן, ליגט נאָך אין בעט און וועט אין אַ פּאָר טעג אַרום זיכער קומען צו מיר.

דער האָטעל איז געווען ניט פון די גאָר ריינע, סיי אין פיזישן, סיי אין אַ מאָראַלישן זין, לויט דעם „פּאַרפירערישן״ אַנבאָט, וואָס דער פאַק־טאָר האָט מיר געמאַכט, נאָך פאָרנדיק מיט מיר אויף דער „דראָזשקע״. איך האָב מיך געפילט באַליידיקט און געקרענקט און האָב מיך גענער־גערט אויף מיין שוועסטערקינד, וואָס האָט אויסגעקליבן פאַר מיר גראָד אַזאַ מין אַריינפאָר־הויז.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז חיים געקומען. ער האָט זיך שוין געזען אין שטאָט מיט די נייטיקע מענטשן. מען וועט מיר שוין „מאַכן״ אַ פּאַס, אָבער דאָס דאַרף נעמען צייט, ווייל דאָס קאָן געמאַכט ווערן נאָר ביי אַ געוויסער געלעגנהייט. דערווייל זאָל איך מיט אים פאָרן צו אים קיין יורבורג, וואו איך וועל זיין זייער אַן אַנגעלייגטער גאַסט.

מיין שוועסטער־קינד האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ וואוילן איינ־דרוק: אַ לעבעדיקער, קלוגער און וויציקער יונגערמאַן, מיט זיין אויס־זען זייער ענלעך צו זיין פאָטער, וואָס האָט אויך געהערט צו די מער סימפּאַטישע מענטשן. אויף מיין ערגערלעכער כאַראַקטעריסטיק פון דעם האָטעל, האָט ער זיך לוסטיק פונאַנדערגעלאַכט. דער האָטעל איז גראָד איינער פון די לייטישסטע אין קאָוונע און דערצו איז מען אין אים אָפּ־זיכערסטן פון דער פּאָליציי.

אין יורבורג, דעמאָלט אַ שטעטל אויף דער רוסיש־פּרייסישער גרעניעץ, האָב איך פאַרבראַכט ביי מיין קרוב אַ וואָכן צוויי. ווען מיר זיינען, קומענדיק אַהין, אַראָפּ פון שיף, און איך האָב מיך אַרומגעקוקט אויף דעם לײדיקן ברעג, אויף דעם שטילן וואַסער פון דעם ניעמאַן, וואָס איז גע־פלאָסן קיין דייטשלאַנד, אויף דעם לײדיקן פלאַכלאַנד אָן אַ סימן פון אַביימל, וואָס האָט זיך אויך געשטרעקט צו מערב־צו, אויף דעם דאַמף־שיפל, וואָס איז געבליבן פאַרגליווערט שטיין, האָט זיך מיר געדוכט, אַז יורבורג איז ניט נאָר עק רוסלאַנד, נאָר עק מענטשלעכער ישוב בכלל. אַ נאָענטקייט פון דייטש־לאַנד האָט זיך פאָרט געשפּירט אין דעם דאָרטיקן יידישן לעבן. מען האָט גערעדט אַ סך דייטש. די יידישע דאַוון-שול איז געהאַלטן געוואָרן ציכטיק און ריין. אַ נייעם רב האָבן זיי געהאַט, אַ יונגנמאַן, אַן איידעם פון אַ יורבורגער באַלעבאָס. ער איז שוין געגאַנגען האַלב־איראָפּייאיש געקליידט און מיט קורצע פּאות: אין אונדזערע געגנטן זיינען דעמאָלט אַזעלכע רבנים נאָך ניט געווען, בפרט אין קליינע שטעטלעך. אַלע שבת פלעגט ער האַלטן אַ דרשה. איינע אַזאַ האָב איך געהערט. אַ דאַטש־מעריש־יידישע שפּראַך, מיט אַ מער יידיש־נאַציאָנאַלן און אַלגעמיין־עטישן, איידער ריין־רעליגיעזן אינהאַלט. ער האָט אָבער פאָרט אַריינגעפלאָכטן אַ פּאָר שטעכווערטלעך פאַר דעם איצטיקן אַפּיקורסישן דור.

אין אַ שבת-נאָכטס בין איך — אויף חיימס פאָרשלאָג — געווען מיט אַ וויזיט ביי אים, „צו באַקענען זיך". אָבער אונדזער געשפּרעך האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט, און מיר זיינען באַלד אַוועק.

פאַר אַט דער צייט האָט זיך נאָך אַלץ ניט געמאַכט די „גינסטיקע געלעגנהייט", צו באַקומען פאַר מיר אַ פּאַס. האָב איך באַשלאָסן, מער ניט צו וואַרטן און אַריבערפאָרן די גרענעץ מיט אַ דורכלאָז־צעטל, ווי אַ יורבורגער איינוואוינער, וואָס פאָרט געשעפטלעך אויף אַ פּאָר וואָכן קיין דייטשלאַנד. אייזענשטאַט האָט דאָס גרינג איינגעאָרדנט, מסתמא פאַר אַ מתנת־יד. דעם פּאַס האָב איך שפּעטער באַקומען אין אויסלאַנד.

אַנשטאָט מיין אונטערשריפט אויפן ערשטן בלעטל איז געשטאַנען אַביסל פאַרצוקט: „ניעגראַמאָטני״, — אָן אַנאַלפאַבעט, הייסט עס.

אייזענשטאַט האָט מיך באַגלייט ביז שמאַלעניקען, — אַ שטעטעלע אויף יענער זייט גרענעץ. דאָרטן האָב איך געדאַרפט וואַרטן אויף אַ שיף, וואָס זאָל מיך ברענגען קיין טילזיט, כדי צו פאָרן מיט דער באַן קיין בערלין.

אייזענשטאַט איז תיכף צוריק געפאָרן אַהיים און איך בין אַוועק דורכצושפּאַצירן זיך איבערן שטעטל, דעם פאַר מיר ערשטן אָרט אין דער פרייער ציוויליזירטער אייראָפּע. דער קאָנטראַסט צווישן שמאַלעניקען און יורבורג, צווישן „דער זייט״ און „יענער זייט״ גרענעץ איז באמת געווען אַ גוואַלטיקער. די ריינע גאַסן, די שיינע ווייסע הייזלעך מיט רויטע דעכער, די בלומען און די גערטנדלעך און די ביימער ביי די זייטן גאַס; די מענטשן מיט זייער רויִקן גאַנג, — געזונטע, אָנגעגעסענע, מיט זעלבסט־זיכערקייט און זעלבסט־רעספּעקט, — דאָס אַלץ איז געווען דער טייטש: „קולטור״.

אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון מיין צייט האָט מען ווייניק וואָס געהאַלטן פון אָט דער דרויסנלעכער „קולטור״, געגרינדעט אויף עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד, באַקוועמלעכקייטן, און אפילו לוקסוסן אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. אַ געוויסע צאָל קולטור־טעאָרעטיקער ווילן אָט די דרויסנלעכע זייט פון אַ מענטשנס לעבן אפילו ניט אָנרופן „קולטור״. זיי רופן זי „ציוויליזאַציע״, אין אונטערשייד פון דער אייגנטלעכער „קול־טור״, וואָס האָט צו טאָן נאָר מיט דעם אינעווייניקסטן נשמה־לעבן פון אַ מענטשן. פראַנץ (?) אָווענאַריוס, דער ברודער פון דעם באַרימטן פי־לאָסאָף, האָט, דוכט מיר, דער ערשטער אַרויסגעבראַכט אָט דעם אונטער־שייד נאָך אין דעם סוף פון די ניינציקער יאָרן. אונדזער קולטור־טעאָרע־טיקער, וויליאַם נאַטאַנסאָן, איז אויף זיין אייגענעם וועג דערגאַנגען צו אים און האָט אים אַוועקגעלייגט אין דעם יסוד פון זיין פריי־סאָציאַליסטישן לעבנס־באַנעם.

אין מיינע דעמאָלטיקע צייטן האָבן מיר נאָך פון אָט דעם אונטער־שייד ניט געוואוסט, און אויך עד היום בין איך ניט מרוצה, אים קולטור־פילאָסאָפיש אָנצודערקענען. „קולטור״ איז פאַר אונדז געווען אַלץ, וואָס צייכנט אויס די „קולטור״־לענדער פון מערב־אייראָפּע, אין אונטערשייד צו דעם „ניט־קולטורעלן״ רוסלאַנד, און אונדזער שטעלונג צו דער „קול־טור״ איז געווען אַ מער נעגאַטיווע.

געשיכטלעך שטאַמט אָט די אַפּלייקענונג פון „קולטור" נאָך פון דעם גאַר גרויסן קולטור־פילאָזאָף רוסאָ. אויב ניט נאָך פריער פון די אַלט גריכישע ציניקער, מיט דעם באַרימטן דיאָגענעס בראש, וואָס האָט געוואוינט אין אַ פאַס. אויף רוסאָן זאָל וואָלטער האָבן געזאָגט, אַז ווען מען לייענט זיינע ווערק, מיט זייער רוף, זיך אומקערן צו דער נאַטור, ווילט זיך איינעם אָנהייבן „לויפן אויף אַלע פיר". פון רוסאָן איז אָט די ריכטונג, אין אַ גרעסערער און קלענערער מאָס, אַריבער אין כמעט אַלע ראַדיקאַלע, סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע באַוועגונגען און געדאַנקען. אין רוסלאַנד איז זי אויפגעקומען אין איינעם מיט דער סלאַוואָפילישער באַוועגונג פון איין זייט, — ווי אַ פּראָטעסט אַנטקעגן מערב־אייראָפּע, — און פון דעם „ניהיליזם" אין די זיבעציקער יאָרן, ווי אַ פּראָטעסט אַנטקעגן דעם גאַנצן איצטיקן לעבנס־פיר.

„דאָס גיין אין פאָלק" פון די זיבעציקער יאָרן האָט אָט די אָריענטאַציע אין די לעבנס־פּראָבלעמען גיכער פאַרשטאַרקט, איידער אָפּגעשוואַכט. אָבער אויך אין די אַכציקער איז זי געווען היפּש שטאַרק אין די ראַדיקאַלע קרייזן, ווען אַפילו דאָס רוב אומבאַוואוסטזיניק.

מיר געדענקט זיך אַ פעליעטאָן פון דעם גרויסן רוסישן סאַטיריקער, שטשעדרין, אין זיין בוך „זאַ רוביעזשאָם" („אויף יענער זייט גרענעץ"), — אַ פּיקטיווער געשפּרעך צווישן דעם „מאַל'טשיק וו'שטאַנאַך" („דער ייִנגל אין הויזן") — פון דער דייטשער זייט גרענעץ, מיט דעם „מאַל'טשיק ביעז שטאַנאָוו" („דער ייִנגל אָן הויזן") פון דער רוסישער זייט. דער „באַהויזנטער ייִנגל" קאָן ניט תופס זיין אַ סך ווילדע אומגעלומפּערטקייטן אין דעם לעבן פון דעם „אָנהויזנדיקן". צום סוף אָבער קומט אויס, אַז דער „אָנהויזנדיקער" האָט פאַרט אַ וויכטיקן איבערוואָג איבער דעם „באַפּליודערטן". — איך געדענק שוין ניט וועלכן.

אָט די נעגאַטיווע שטעלונג צו דער חיצוניותדיקער קולטור, — צו די באַקוועמלעכקייטן און דער איינגעאָרדנטקייט פון אַ „ציוויליזירטן" לעבן, — האָט, משמעות, געמוזט זיין שטאַרק פאַרשפּרייט אויך אין די אַכציקער יאָרן. דער זעלביקער שטשעדרין, דער וואָרט־פירער פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענציע אין לעבנס־פּראָבלעמען און געפילס־זאַכן, האָט דעם רעאַקציאָנערן קאַמף אַנטקעגן דעם ראַדיקאַליזם אויסגעחוזקט, ווי אַ „שטיין אויף דער וואַך פון דער קולטור" („סטאָיאַט נאַ סטראַזשע קולטורי"). באַוואוסטזיניק ביז צום עקסטרעם איז אָט די שטעלונג שפּעטער געוואָרן ביי די „טאָלסטאָיאַנער", מיט זייער פאָדערונג פון דער „אָפּראָשטשעניע", — אָנהייבן פירן אַ פשוטן לעבן.

אין מיין איינעגעם לעבן האָב איך געהאַט,— און האָב נאָך עד היום, — פריינד, אָנהענגער פון אַט דער עקסטרעמער ריכטונג. אַנסקי איז ביז גאָר צו די לעצטע יאָרן אין זיין לעבן געווען, אי על פי טבע, אי על פי זיין פאָלקסטימלערישן איינשטעל, אַ פאַנאַטישער קעגנער פון אַט דער חיצוניותדיקער מערב־איראָפּייאישער „ציוויליזאַציע". „אָבסטאַנאָ־וואַטשקאַ", — „דאָס אַרומשטעלעכצל", — האָט ער דאָס מיט ביטול אָנגערופן און געזען דערין אַ גרויסן שטער פאַר דעם אינעווייניקסטן נשמה־לעבן און פאַר דעם גערעכטיקייטס־קאַמף אין די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן. מיין ערשטע פרוי, וויעראַ לאַכאָוו, מיין פריינד מענדל ראַזענבאַום און מיין איצטיקע פרוי האָבן—אין אַזאַ אָדער אַנדער מאָס,— דעם זעלביקן נעגאַטיוון איינשטעל. דאָס איז גאָר אַ גרויסער, גאָר אַ באַדייטנדיקער קולטור־פילאָסאָפישער פּראָבלעם, וואָס האָט נאָך ניט גע־פונען קיין דורכאויס באַפרידנדיקע טעאָרעטישע פאַרטיפונג און אָפּ־קלערונג.

אויך איך בין אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון אַט דעם געדאַנקען־גאַנג, ריכטיקער: פון אַט דעם איינשטעל אין געפיל. און אויב ביי מיר האָט זיך צולעצט איינגעשטעלט אַן אומגעהויערער דרך־ארץ און הויכער אָפּשאַץ פאַר דער „מערב־איראָפּעאישער קולטור", אָדער פאַר דעם „איראָפּעאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז", מוז איך דעם ער־שטן, אומבאַוואוסטזיניקן קערנדל פון אַ באַנייטן, „שטיין אויף דער וואַך פון דער קולטור" דערבליקן אין יענעם גרויסן רושם, וואָס אויף מיר האָט געמאַכט דאָס קליינע, ציכטיקע שטעטעלע שמאַלעניגקען, וואָס אויף „יענער זייט גרענעץ", וואו פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן פון דער קולטורעלער, „באַהויזנטער" מערב־איראָפּייאישער מענטשהייט.

אָבער אויך די אַנדערע זייט פון דעם מעדאַל האָט אַ שימער געטאָן פאַר מיר, אויף דער רייזע מיט דער דאַמף־שיף פון שמאַלעניגקען קיין טילזיט. אויף איינער פון די סטאַנציעס איז מיט אַ לוסטיקן געפילדער אַריין אַ וואַטאַגע יונגע דייטשן, לויט דעם אויסזען, אינטעליגענטן. זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש און זיך גענומען מיט התמדה צו פאַר־שלינגען זייערע קופּעלס ביר, וואָס מען האָט זיי תיכף דערלאַנגט.

איך בין געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ ליידיקער באַנק און ניט אַראָפּ־געלאָזט דעם פאַרוואונדערטן בליק פון זיי. פּלוצלונג איז איינער פון זיי צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך גענומען פאַר די פיס, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט אַראָפּשלעפּן. איך געדענק ניט, וואָס פאַר אַ געשפּרעך עס איז פאָרגעקומען צווישן אונדז. מסתמא האָב איך אים אויך געזאָגט, אַז איך

האָב ניט דערוואַרט אַזאַ אויפפיר פון „ציוויליזירטע מענטשן". איך געדענק נאָר, אַז זיין אויפפיר האָט זיך איינגאַנצן איבערגעביטן. ער האָט זיך צוגעזעצט צו מיר, האָט גענומען פריינדלעך אויספרעגן, פון וואַנען איך קום און וואוהין איך פאָר, און מיך איינגעלאַדן, זיך צוצוזעצן מיט זיי.

אויף מיין דערקלערונג, אַז איך בין מיד און וויל בעסער ליגן, האָט ער פריינדלעך פאַרענדיקט דעם געשפרעך מיט דעם שפּאַסיקן אויפטראַג, אַז קומענדיק קיין בערלין, זאָל איך ניט פאַרגעסן אַריבערצוגיין צו „אונדזער קאַנצלער ביסמאַרק" און זאָגן אים, אַז „מיר, די אָסט-פּרייסן, האַלטן מיט אים"...

איך האָב אים אין דעמזעלביקן טאָן צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר איך וועל קומען אַהין, — עס מעג זיין ווי שפּעט אין דער נאַכט, — וועל איך גלייך לויפן צו ביסמאַרקן, איבערגעבן אים אָט דעם האַרציקן גרוס.

87

מיינע איבערלעבונגען די ערשטע טעג אין בערלין

אָנגעקומען קיין בערלין, האָב איך ניט געהאַלטן מיין צוזאָג די „אָסט־פרייסן" — תיכף לויפן צו ביסמאַרקן און איבערגעבן, אַז „זיי האַלטן מיט אים". וואָס קאָן מען מאַכן? פאַראַן אומשטענדן, וואָס לאָזן איינעם ניט זיין קיין וואָרטסמאַן. דערפאַר האָב איך תיכף אויף מאָרגן זיך אַ לאָז געטאָן אַרומלויפן איבער בערלין. די ערשטע גרויסע איראָפּעאישע שטאָט האָט מיך ממש פאַרכישופט. די וועלט פון דער „דרויסנלעכער קולטור" האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן פאַר מיר אין איר באַצויבערנדיקער שיינקייט.

שוין אין רוסלאַנד האָב איך דאָך געזען צוויי גרויסע, שיינע שטעט: פּעטערבורג און מאָסקווע, און אויך געוואוינט אין זיי. אָבער, צי ס'האָט מיך דעמאָלט בכלל ניט געצויגן צו דרויסנלעכער שיינקייט, צי איך בין געווען צופיל אריינגעטאָן אין די דירעקטע אויפגאָבן, צוליב וועלכע איך האָב געוואוינט אין די שטעט, — איך האָב קיינמאָל ניט אַ טראַכט געטאָן צו אינטערעסירן זיך מיט זייער עסטעטישער זייט. אין בערלין האָב איך מיך אין אָנהייב געפילט ווי אַ גאַסט אויף אַ ווייל, און עס איז געווען אָנהייב זומער, און אין מיר האָט געבערויזט אַ יונג לעבן, און אויף שריט און טריט איז מיין בליק געפאַלן אויף עפּעס אַזוינס וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען: מירמלנע סטאַטועס אין די גאַסן, פּלאַצן, פּאַרקן, און אפילו אויף אַ הויכן דאַך פון אַ הויז. הייזער מיט באַבלומטע באַלקאָנען; רעשדיקע געשעפטסגאַסן, און פלוצלונג — אַ שטילער, אידילישער ווינקל לעבן אַ קאַנאַל, אָדער לעבן דעם טייך שפּרעע, דער עיקר יענער ווינקל וואָס לעבן „אונטער דען לינדען" — אַ האַלב־רונדע קאָלאָנאַדע, וואָס טראָגט אייך אַריבער קיין אַלט־גריכנלאַנד. איך האָב מיך קוים געקאָנט אָפּרייסן פון איר. היינט די בוכהאַנדלונגען, ווידער אויף שריט און טריט, מיט די אילוסטרירטע קונסט־אויסגאַבן אין די פענצטער, מיט די פאַרפירערישע נעמען פון די ביכער, אָנגעפּראָפּטע אין די פענצטער.

בערלין, ווי אַ שטאָט, איז דעמאָלט געווען די פאַרקערפּערונג פון דעם מענטשלעכן גייסט, פון זיין עשירות אין שכל און שיינקייט.

איך געדענק ניט, צי עס איז מיר שוין דעמאָלט קלאָר געוואָרן, ווי איינזייטיק עס איז די קריטיק פון דער דרויסנלעכער קולטור, וואָס האָט געהערשט אין אונדזער רוסישער ראַדיקאַלער וועלט פון יענער צייט; ווי אומגערעכט עס איז דער בטול-נאָמען „אָרומשטעלעכצל״, וואָס אַנסקי האָט געהאַט פאַר איר. גיכער האָב איך נאָר אומבאַוואוסטזיניק געשלונ־גען יענע קולטור און זיך געבאָדן אין דעם תענוג פון דעם שיינעם „אַרומ־שטעלעכצל״ אָן אַ וועלכן-ס׳איז טעאָרעטישן איבערקלער.

דער רושם אָבער פון דער ערשטער גרויסער קולטור־שטאָט איז גע־ווען אַ געוואַלטיקער און האָט זיכער געהאַט זיין ווירקונג אויף דער רע־וויזיע פון מיין יונגער „ראַדיקאַלעכץ״ אויך אין דעם פּרט פון גערעכ־טערן אָפּשאַצן די דרויסנלעכע „ציוויליזאַציע״.

אַ קליין ביכל וועגן בערלינס „מערקווירדיקייטן״ און אַ גרויסער פּלאַן פון דער שטאָט האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך ראָש צו אָריענטירן אין איר. פון האָטעל, וואָס איז שוין געווען אַביסל צו טייער פאַר מיין טייסטער, האָב איך מיך אַריבערגעקליבן אויף אַ „שלאָף־שטעלע״ ביי אַן אַרבעטער פאַמיליע. תיכף נאָך אָנבייסן פלעג איך אַרויס אין דרויסן קויפן מאָרגן־צייטונגען, דורכלייענען זיי ערגעץ אין אַ נאָענטן פּאַרק און, ווי אַ טוריסט, אַ פרייער פון אַלערליי זאָרגן און דאגות, פלעג איך מיך לאָזן איבער דער שטאָט. קומען פלעג איך אַהיים גאַנץ שפּעט אין אָוונט — אָן אָנגעזאָפּטער מיט חידושדיקע איינדרוקן — אויסטאָן מיינע „קאַמאַשן״ אין דער קיך און זיך שטילינקערהייט צושאַרן צו מיין בעט, כדי ניט צו שטערן די באַלעבאַטים, וואָס זיינען אויך געשלאָפן אין דעם זעלביקן גרויסן איינציקן וואוין-און-שלאָף־צימער פון דער דירה.

עסן פלעג איך אין דעם ערשטן רעסטאָראַן, ביי וועלכן איך פלעג דערשפּירן הונגער. אגב, אַ קליינער עפּיזאָד מיט דעם עסן. פאַרבייגיי־ענדיק שפּעט אין אָוונט אַ גאָרקיך, האָב איך דערשפּירט ווי שטאַרק הונגעריק איך בין. איך בין אַריין און האָב באַשטעלט דעם ערשטן מאכל, וואָס איז מיר געפאַלן אין די אויגן פון דעם מעניו. דאָס איז געווען אַ „זולצע־קאָטלעט״. דער קעלנער האָט מיר דערלאַנגט אַ שטיק מאַרינירט ווייס פלייש אין זשעלע. איך האָב גענומען עסן. און פּלוצלונג איז דער טעם, הגם זייער אַ געשמאַקער, מיר פאַרגעקומען אומבאַקאַנט. איך האָט צוגערופן דעם קעלנער — ערשט דאָס איז „שווייַנפלייש״. האָב איך

תיכף אַוועקגעלייגט גאָפּל־און־מעסער, פֿאַרענדיקט מיין עסן מיט ברויט און ביר, זיך פֿונאַנדערגעצאָלט און אַרויס.

און אַזוי האָט זיך אויפגעפירט אפשר דער גרעסטער „אפיקורס" פֿון גאַנץ וויטעבסק און דער סביבה! איך האָב דערנאָך געחוזקט פֿון זיך אַליין. דאָסזעלביקע פֿלייש האָב איך דאָך ניט איינמאָל געגעסן אין רוס־לאַנד אין דער פֿאָרם פֿון גויאישע וואורשטן. איך האָב אָבער דעמאָלט ניט געטראַכט, אַז עס איז „חזיר". אין בערלין פֿלעג איך פֿונדעסטוועגן זיין פֿאָרזיכטיק מיט דעם מין פֿלייש, וואָס מען גיט מיר. „בשר קוויטש" איז ערשט אין שווייצאַריע פֿאַר מיר געוואָרן „בשר כשר" . . . אַזוי טיף דרינגען אין איינעם אַריין און באַשטימען זיינע האַנדלונגען די פֿאָר־אורטיילן פֿון דער קינדהייט!

בינו לבינו איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז איך האָב ניט וואָס צו וואַרטן אין בערלין אויף דעם חבר פֿון ציריך, און אַז דער גאַנצער ענין פֿון סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אין יידיש הענגט אין דער לופֿטן. איילן זיך קיין שווייצאַריע איז ניט געווען צוליב וואָס. אַ באַצויבערטער פֿון בערלין, האָב איך באַשלאָסן צו פֿאַרבלייבן דאָרט אויף אַ לענגערער צייט, און טאַקע ווידער זיך נעמען פֿאַר די איבערגעריסענע שטודיעס, אונטער נייע, אַזוינע גלענצנדיקע באַדינגונגען. איך האָב געשריבן דעם פֿאָטער, אַז איך וועל מסתמא בלייבן אין בערלין, און אים דערמאָנט אָן זיין צוזאָג צו קריגן פֿאַר מיר אַ רעקאָמענדאַציע-בריוו צו דעם ראַבי־נער הילדעסהיימער.

דער יום־טובדיקער טוריסטן-פּעריאָד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט ווילנע, איז אַריבער. איך האָב מיך אומגעקערט צו מיין אייגענער טאָג־טעגלעכקייט.

גוט אָנגעקוקט בערלין, האָב איך מיך איצטער גענומען אַרומקוקן אין וואָס פֿאַר אַ וועלט איך וועל מיך דאַרפֿן אַריינלעבן. אין דער ער־שטער ליניע האָב איך געטראַכט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג. ניט קוקנדיק אויף דעם סאָציאַליסטן־געזעץ, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען היפּש שאַרף, ניט קוקנדיק דערויף וואָס דער סאָציאַליזם איז פֿאַרטריבן געוואָרן אין דעם אומלעגאַלן אונטער־גרונט, איז דער צוטריט צו דער באַוועגונג ניט געווען שווער. דעם קאָנטאַקט מיט איר האָט מיר פֿאַרשאַפֿט דער באַלעבאָס פֿון מיין „שלאָף־שטעלע", אַ זעצער אין אַ דרוקעריי.

אין די ערשטע פּאָר טעג האָב איך מיינע באַלעבאַטים אין די אויגן ניט געזען. ווען איך פֿלעג אויפשטיין אינדערפֿרי, איז דער „ער" שוין

געווען ביי דער אַרבעט, און די „זי״ האָב איך געזען נאָר ביים איינוואָשן זיך אין דער קיך און ווען זי פלעגט מיר אַריינטראָגן דעם אָנבייסן. שפּעט ביינאַכט, ווידער, ביים קומען אַהיים, זיינען זיי שוין ביידע געלעגן אין טיפן שלאָף.

ערשט ווען מיינע וואַנדערונגען איבער בערלין האָבן זיך פאַרענדיקט; ווען איך האָב אויסגעפּאַקט מיינע כּתבים און פלעג שוין, ביי אַ שיינעם שרייב־טיש געשמאַק אַרבעטן אין דער היים, האָב איך, צוריקקערנדיק זיך איינמאָל פון אַ פריען אָוונט־ברויט, געפונען מיין באַלעבאָס זיצנדיק אויף דער סאָפע און לייענענדיק אַ צייטונג. ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיך פאָרגעשטעלט און געפרעגט, צי ער וועט מיר ניט שטערן, ווען ער וועט בלייבן אין צימער.

מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די אומשטענדן אין רוסלאַנד. איך האָב גלייך גענומען ריידן צו אים ווי צו אַ חבר, און געגעבן אַן איבערבליק איבער דער לאַגע פון דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג, אויף וויפיל זי איז מיר געווען באַקאַנט. אויף מיין שאלה, וואו האַלט דאָס דאָ מיטן סאָציאַליסטן־געזעץ, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אָפיציעל איז אויך דאָ ניט קיין סך בעסער, אָבער אַז דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ „פייפט שוין אויף זיין לעצטן לאָך״. ביי די נעקסטע וואַלן וועט שוין ביסמאַרק וואָס עס איז אַזוינס דערלעבן. די לאַגע פון די אַרבעטער איז זייער אַ שווערע, די אומצופרידנקייט וואַקסט. אָבער ניט נאָר די אומצופרידנקייט, נאָר אויך דער האָפערדיקער מוט. און אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט און געשמועסט אַ היפּשע פאָר שעה.

אויף מאָרגן האָט ער מיר געבראַכט בעבעלס בוך „די פרוי״, וואָס איז געווען פאַרבאָטן אין דייטשלאַנד און איז אַריינגעשמוגלט געוואָרן פון שווייצאַריע. אין דעם נעקסטן זונטאָג האָב איך שוין מיט אים און זיינע באַקאַנטע אַרבעטער, מיט זייערע פרויען און קינדער, גענומען אַן אָנטייל אין אַ פּיקניק אין דרויסן פון שטאָט, אין אַ וואַלד לעבן אַן אָזערע. אין וואַלד זיינען אויף אַ גאָר גרויסן שטח געווען אויסגעשטעלט טישלעך און זיי אַלע זיינען געווען געדיכט באַזעצט. מיר האָבן קוים געפונען אַ פּלאַץ. ווי איך האָב מיך באַלד דערוואוסט, זיינען דאָס אַלץ געווען אַר־בעטער, אָנגעשטעלטע, על כּל פּנים אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ביי אונדזער טיש האָבן מיר גערעדט פריי וועגן וואָס עס האָט זיך געוואָלט. פון אַ וועלכן־עס־איז פּאָליציי־אויפזעער איז אין ערגעץ קיין זכר ניט געווען. אגב, געדענקט זיך מיר ניט, איך זאָל אין מיין אַרומגיין איבער

בערלין ערגעץ־וואו האָבן באַמערקט אַ „שוצמאַן". געווען איז ער דאָך זיכער, אָבער ער האָט זיך פּשוט ניט געוואָרפן אין די אויגן.

מיין באַלעבאָס — געדענקט זיך, מאַיעווסקי איז געווען זיין נאָמען — און די איבעריקע גענאָסן אַרום טיש האָבן געהאַט אַ סך באַקאַנטע אין דער גרויסער מאַסע געסט. דאָס פלעגט איינער פון זיי צוגיין צו אונדזער טיש, דאָס פלעגן טייל פון אונדזערע מאַכן אַ וויזיט צו אַנדערע טישן.

האָב איך, זיצנדיק אויף אָט דעם פּיקניק, אָדער „אויספלוג", זיך דערמאָנט אָן מאַיעווסקיס באַמערקונג, אַז עס איז אין דייטשלאַנד ניט קיין סך בעסער, איידער אין רוסלאַנד, און האָב געטראַכט: „הלוואי שוין ביי אונדז אַזוי!" צום ערשטן מאָל האָב איך מיך דאָ געטראָפן מיט דעם אַרויסשיין פון אַ סאָציאַליסטישער מאַסן־באַוועגונג אין אַ פרייען לאַנד, מיט אַ קליין וועלכעלע פון אַ מיליאָנעדיקן ים. ווי קאָן מען אַזאַ באַוועגונג אויסראָטן אָדער אפילו אונטערדריקן?

שפּעטער בין איך נאָך מער באַקאַנט געוואָרן מיט די אופנים, ווי אַזוי דער סאָציאַליזם האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין „אונטערן דיל". אייגנטלעך איז דאָס גאָר ניט געווען קיין „אונטערן דיל", אין דעם רו־סישן זין פון דעם וואָרט. מיט אַ האָרעלע „קאָנספּיראַציע" האָט מען געלעבט און געאַרבעט פאַר דער באַוועגונג פראַנק און פריי. נאָר די דירעקטע אָנפירער פון דער באַוועגונג האָבן געהאַט געהיימע קוואַרטירן און געהיימע לאַגערן פאַר דער ליטעראַטור, וואָס פלעגט קומען פון אויסלאַנד.

און אויסגעטיילט פלעגט די ליטעראַטור ווערן ניט נאָר ביי אַזעלכע „אויספלוגן". עס איז אויך דעמאָלט אין בערלין געווען אַ דורכאויס לעגאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַלע זונטאָג אָפּגעהאַלטן פּאָליציילעך דערלויבטע פאַרזאַמלונגען. דאָס זיינען געווען די „פריי־רעליגיעזע גע־מיינדן", אויף וועלכע עס פלעגן זיך צונויפקומען אי אַרבעטער, אי אינ־טעליגענטן, כדי זיך אויסצולעבן כלומרשט רעליגיעז. אין דער אמתן זיינען דאָס געווען פלאַנץ־גערטנער פאַר דעם אַלגעמיין־ראַדיקאַלן געדאַנק, וועלכן מען האָט געהאַט אַ רעכט צו פריידיקן עפנטלעך, צענטערס פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דעם דירעקט־סאָציאַליסטישן, און טרעף־פלעצער פאַר די, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער אומלעגאַלער, קאָנספּי־ראַטיווער זייט פון דער באַוועגונג.

88

די רעפאָרמער און די אָרטאָדאָקסן אין בערלין

די בערלינער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער פון מיין באַקאַנטשאַפט האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט, אַריינצובליקן אין דער האַלב־אונטערגרונט אַרבעט פון דער פּאַרטיי. איך זאָג: „האַלב־אונטערגרונט״, ווייל דער גרעסטער טייל פון דער דעמאָלט-איללעגאַלער טעטיקייט אונטער ביסמאַרקס „סאָציאַליסטן־געזעץ״, — די מינדלעכע און שריפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע, — האָט זיך געפירט, ווען ניט „אונטער די אויגן פון דער פּאָליציי״, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, וואָס די פּאָליציי האָט ניט געקאָנט האָבן אַזוי פיל אויגן און ווייל זי האָט זיך ניט גערוקט אַהין, וואו זי וואָלט געקאָנט האָבן אַ מיאוסן אָפּשניט פון די מאַסן: דער עיקר, אויף די „אויספלוגן״ (פּיקניקס) און אויף די פאַרזאַמלונגען פון די „פריי־רעליגיעזע קהלות״.

נאָך אינטענסיווער איז געווען די שטילע אַגיטאַציע אין די פאַבריקן און וואו דאָס האָט זיך נאָר געלאָזט. ס'איז געווען גאָר ניט אין פאַרגלייך מיט די צושטאַנדן, אונטער וועלכע די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט האָט געקאָנט געפירט ווערן אין רוסלאַנד.

אָבער אויך דער עקאָנאָמישער מעמד פון דעם דייטשן אַרבעטער אין בערלין, — זיכער ניט קיין גלענצנדיקער, טאַקע אַ היפּש שווערער, — איז געשטאַנען הימל־הויך איבער דעם מעמד פון דעם אַרבעטער אין רוסלאַנד, אויף וויפיל ער איז יעדן איינעם געווען באַקאַנט פון דעם לעבן: די ליטעראַטור האָט דעמאָלט נאָך ניט געהאַט די מעגלעכקייט, צו רעדן עפנטלעך וועגן איר. און אגב איז דער אינטערעס צו דעם אַרבעטערס לאַגע אפילו אין דער ראַדיקאַלער פּרעסע נאָך ניט געווען אַזוי פאַרשאַרפט, ווי שפּעטער אונטער דער ווירקונג פון דער אויפקומענדיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ריכטונג.

שוין — די וואוינונג פון אַ דייטשן אַרבעטער אין בערלין! אין פּרט פון גראַמקייט, שיינע מעבל, צוגעקליבנקייט, ליכט און לופט וואָלט אַ מיטעלער „מיעשטשאַנין״ (אַ שטאָטישער בירגער) געקאָנט מקנא זיין

דעם דייטשן פּראָלעטאַריער. אין דעם גרויסן, לאַנגן וואוין־צימער פון אונדזער דירה, מיט צוויי גרויסע פענצטער צו אַ געראַמען הויף, זיינען ביי דער וואַנט, רעכטס פונעם אַריינגאַנג, אַ חוץ דעם שיינעם קאַכל־אויוון, געשטאַנען: אַ פיינע ווייכע סאָפע מיט אַ שיינעם טיש לעבן אים, אַן עטאַזשערקע פאַר ביכער, אַ קליין שרייב־טישל ביים פענצטער, גע־דענקט זיך, אויך אַ ניי-מאַשין ביי דעם אַנדער פענצטער. ביי דער אַנט־קעגנדיקער זייט וואַנט, פון פענצטער צו דער טיר: אַ קליידער־אַלמער, אַ שיינע בעט, נאָך איינע אַזאַ און שטולן צווישן זיי. אויפן דיל — אַ גרויסער „קאַוויאַר". אויף די ווענט — אַ פּאָר בילדער, גוטע גראַוו־יורן אין ראַמען. איין בילד האָט פאַרגעשטעלט קריסטוסן אויף דעם בית-שמן־באַרג, ווי ער קניט, מיט די הענט אָנגעלענט אויף אַ שטיין, און בעט עס זאָל פאַר אים „פאַרבייגעטראָגן ווערן אָט דער כוס". אַ פּראַכט פון אַ בילד, מיט אַזאַ ליבן, טיפן אויסדרוק אינעם פּנים און די אויגן, אַז איך פלעג מינוטנווייז ניט קאָנען אָפּרייסן מיין בליק פון אים.

און מיין באַלעבאָס, דער זעצער אין אַ גרויסער דרוקעריי, האָט בשום אופן ניט געהערט צו דער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע. זיינע שכירות זיינען געווען, — געדענק איך, — אַ 60—70 מאַרק אַ חודש. אַנדערע אַרבעטער האָבן געלעבט אַ סך שענער און האָבן געקאָנט אויספּאַרדינגען אַ צימער, ניט נאָר אַ "שלאָפשטעלע".

אָט, מיט דעם עסן איז שוין געווען ניט אַזוי געראָטן. זעלטן־ווען — ריכטיקע פליש. אָבער וויס-ברויט, וויס־ביר אין גלעזערנע שיסלען, אָפט אויך — ברוין־ביר, וואורשטן, — דער עיקר, בלוט־וואורשט, — גע־בראָטענע קאַרטאָפל מיט קאַווע, זויער־מילך און טוואָרעך, איז אַלעמאָל געווען צו דער זעט. זיכער, ניט קיין רייכער טיש. אייער, גוטע מילך און לייטישע פליש, — אַ לוקסוס. אָבער אַן אמת'ער גן־עדן לגבי די הינטישע שפּייז, וואָס מען פלעגט געבן דעם רוסישן פאַבריק־אַרבעטער אין די קעלער-שטובן.

און דער באמת הויכער קולטור־מעמד! עס זיינען געווען אַרבעטער — זייער ווייניקע, — וואָס האָבן זיך געגרויסט דערמיט, וואָס זיי לייע־נען „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס. אמת, די אַנדערע אַרבעטער האָבן אָט די באַרימערייַ גענומען גוטמוטיק מיט אַ היפּשן קערנדל זאַלץ. אָבער בעבעלן, ליבקנעכטן, דעם העכסט אינטעליגענטן, אַריינגעשמוכלטן „סאָציאַל־דעמאָקראַט", און אפילו לאַסאַלס זאַכן האָט אויך די אַרבעטער־מאַסע געלייענט און פאַרשטאַנען. ליבקנעכטס „ווערטערבוך פון אויס־לענדערשע ווערטער" איז געווען היפּש פאַרשפּרייט.

און סיי דעם מאַטעריעלן צושטאַנד, סיי דעם גייסטיקן פון אַזאַ חשובער הויז האָבן די אַרבעטער אויסגעקעמפט דורך אָרגאַניזאַציע, דורך דעם געווערקשאַפטלעכן און פּאָליטישן קאַמף. איך האָב געוואוסט, אַז די סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע האָט דערביי געשפּילט אַ גאַר גרויסע ראָליע, אָבער דער דרויסנלעכער איינדרוק איז געווען, אַז דאָס האָבן די אַרבעטער אַליין אויסגעקעמפט, אָן וועמעס עס איז הילף פון דרויסן. קיין תהום צווישן „אינטעליגענציע" און „אַרבעטערשאַפט" האָט זיך ניט געמערקט. אגב, געדענקט זיך מיר ניט קיין איין „אינטעליגענטער" סאָציאַליסט פון מיין באַקאַנטשאַפט. איך וואָלט אים זיכער ניט פאַרגעסן.

אויך אין דער פּראָפּאַגאַנדע און דער אַגיטאַציע איז מיט אַ וואָרט ניט געזאָגט געוואָרן וועגן דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע, וועגן איר קאַמף פאַר אירע אידעאַלן, — אַ זאַך, וואָס איז געשטאַנען אין דעם סאַמע אויבנאַן פון מיין „נאַראָדאָוואָלישן" וועלט־באַנעם. אַנשטאָט די סאָציאַל־עטישע אידעאַלן פון דער אינטעליגענציע און איר חוב צו דעם אַרבעטאָרערישן פאָלק האָט אין דעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם גע-הערשט אַ טאָטאַל־אַנדער איינשטעל. עס איז אַלץ געגאַנגען אין דעם נאָמען פון דעם „פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף". און די איינדרוקן פון דעם אַרבעטער־לעבן אַרום מיר האָבן אין פולסטן גראַד געהאַרמאָנירט מיט דעם איינשטעל.

אַזאַ געוואַלטיקער אונטערשייד צווישן די צוויי סאָציאַליסטישע גע-דאַנקען-וועלטן! אָבער — מערקווירדיק! וועגן אָט דעם טיפן תהום צווישן „מיין" סאָציאַליזם און „זייערן" האָב איך דעמאָלט בשום אופן ניט געטראַכט. פאַרכאַפּט פון די נייע איינדרוקן און געדאַנקען, — אַזעלכע באַרוישנדיקע, אַזעלכע האָפענונג־רייכע, — האָט זיך „מיין" סאָ-ציאַליזם ווי אָפּגעשטופּט ערגעץ-וואו אין אַ וויטן הינטערגרונט. און ווען וויערא איז געקומען צו מיר קיין בערלין און ווען איך האָב איר, אין די לאַנגע אָוונט־שפּאַצירן, איבערגעגעבן מיינע איינדרוקן, שילדערונגען און געדאַנקען, האָט דאָס אויף איר געמאַכט דעם איינדרוק, גלייך איך וואָלט אין דער צייט שוין געוואָרן אַ מערב־אייראָפּייאישער סאָציאַל־דעמאָקראַט. דאָס איז געווען הימל-ווייט פון דעם אמת. די צייט פון אונטערפירן די חשבונות צווישן „זייערס" און „אונדזערס" איז נאָך דעמאָלט פאַר אונדז ביידן ניט געקומען. אָבער ווען די חשבונות זיינען — שפּעטער, אין שווייצאַריע — אונטערגעפירט געוואָרן, זיינען זיי שוין געמאַכט געוואָרן אויך אין דעם ליכט פון דעם קלאַסן־קאַמף טעאָריע און פון דער אויס-טערלישער ראָליע, וואָס די שטאָטישע אַרבעטערשאַפט דאַרף שפּילן אין

דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף. דעם יסוד אין געפיל פאַר אַזאַ רעוויזיע פון דעם נאַראָדאָוואָלישן איינשטעל האָט אין מיר אַוועקגעלייגט מיין דעמאָלטיקער לעבן צווישן די בערלינער אַרבעטער.

אָבער ניט נאָר אין דער אַרבעטער־וועלט האָב איך מיך דעמאָלט באַוועגט אין בערלין. אויך מיט צוויי אַנדערע גייסטיקע ספערעס, וואָס האָבן טעאָרעטיש גאָרנישט ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם סאָציאַליזם און האָבן פאַקטיש געהערט צו דעם אַנטי־סאָציאַליסטישן לאַגער, בין איך געקומען אין באַריר. איין ספערע אַזאַ איז געווען דאָס בערלינער „יודענטום", — אין זיינע צוויי ריכטונגען, דער רעפאָרמיסטישער און דער אָרטאָדאָקסער — מיט וועלכע איך האָב אָבער ניט געהאַט קיין אינטימערע מחזקות און פון וועלכע איך האָב מיך באַלד אָפּגעקערט: מיט עקל פון דער רעפאָרמיסטישער, מיט ווידערווילן און שטילן פּראָטעסט פון דער אָרטאָדאָקסער.

אין איינעם אַ זונטאָג ביז איך אַריין אין דעם טעמפּל פון די רע־פאָרמירטע יידן. גיין הערן פאַרשיידענע פּרעדיקעס אין די קירכעס איז געווען איינס פון די מיטלען ווי אַזוי בעסער באַקאַנט צו ווערן מיט אַ קאָרעקט גערעדטן דייטש. דאָס דייטש, וואָס איך האָב געהערט אין דעם רעפאָרמירטן טעמפּל, איז מסתמא געווען העכסט קאָרעקט און אָראַטאָריש שיין. אָבער איך האָב דערוואַרט פון אַ רעפאָרמירטן „ראַבינער" צו הערן אויך אַ לעבעדיק מענטשלעך וואָרט, און זאָל דאָס זיין אַ רעליגיעז וואָרט, וואָס האָט אַ שייכות צו יידן אָדער יידישקייט.

שוין דעם „ראַבינערס" אָנגעטועכץ, ווי פון אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח, האָט אויסגעזען פרעמד און אָפּשטויסנדיק אין מיינע אויגן, אָבער — גאָט! וואָס פאַר אַ פּראָסטיקע קעלט עס האָט געטראָגן פון זיינע רייד! קיין איין פונק פון אַ וועלכער עס איז גייסטיקער דערהייבונג! און די זעלביקע פּראָסטיקע קעלט האָט געטראָגן פון די ווענט, פון דער לאַנגער שורה ליידיקע בענק, פון די פּאַרגליווערטע פּנימער ביי דעם אפשר אַ צענדליק „מתפּללים", פון די צונויפגעדריקטע אָרגל־טענער (מיר האָט זיך געדוכט „ציגענע") פון דער פרעמדער מעלאָדיע. עס האָט גלייך פון אָנהייב אָן אָפּגעשלאָגן יעדן חשק צו קומען אין אַ נאָענטערן באַריר מיט אַט דער ריכטונג פון דעם יידישן געדאַנק.

אָבער ניט קיין גרעסערן גליק האָב איך געהאַט מיט דער אָרטאָ־דאָקסער וועלט.

מיין פאָטער האָט מיר פון ריגע צוגעשיקט אַן אַריינפיר־בריוו ניט צו דעם ראַבינער הילדעסהיימער, נאָר צו אַ בערלינער סוחר, צו וועמען

איך בין תיכף אַוועק אין זיין קראָם. דער קרעמער האָט מיך אויפגענומען זייער וואַרעם און פריינטלעך, האָט תיכף, אויף זיין וויזיטן־קאַרטע אָנגע־שריבן אַ רעקאָמענדאַציע צו ד״ר הילדעסהיימערן און האָט מיך איינגע־לאַדן צו באַזוכן אים, — דעם סוחר הייסט עס, — אין זיין היים.

בין איך גלייך אַוועק צו דעם „ראַבינער". שיר ניט אין פּירהויז האָט ביי מיר ווער צוגענומען די רעקאָמענדאַציע און מיך געלאָזן וואַרטן; און שיר ניט אין פּירהויז איז צו מיר אַרויסגעלאָפן דער ראַבינער, אַ רונדער עלטערער ייד, מיט אַ רונדער גרויער באָרד אויף אַ בייזן פּנים, מיט אַ רונדער, פלאַכער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ.

דערוואוסט זיך פון מיר, אַז איך וויל דאָ אין בערלין שטודירן יידי־שע געשיכטע און ציי קאָן ער ניט זיין מיר באַהילפיק דעריין, האָט ער געענטפערט, אַז דערמיט דאַרף איך מיך ווענדן צו ד״ר בערלינער. ער איז פלינק אַריין צוריק, ווידער אַרויס מיט אַ צעטעלע און אַן אַדרעס, און ניט אויסהערנדיק אפילו מיין דאַנק, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. אפילו אַט די קליינע „גייסטיקע" נדבה האָט ער מיר צוגעוואָרפן, ווי צו אַן עני בפתח.

בין איך אַוועק צו יענעם ד״ר בערלינער. דאָרטן האָט מען אויף הילדעסהיימערס צעטעלע מיך שוין צוגעלאָזן אַזש אין דעם אַרבעטס־קאַ־בינעט. אַריין אין דעם גרויסן, ליכטיקן צימער, האָב איך דערזען פאַר זיך ביי דער אַנטקעגנדיקער וואַנט דעם רוקן פון אַ פיגור אין אַ לאַנגן ראָק, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ לאַנגן טיש מיט דעם פּנים צו דער וואַנט.

ביי מיין אַריינגאַנג האָט די פיגור, ניט איבערבייטנדיק די פּאָזע, אַ קער געטאָן דעם קאָפּ פון לינקס אויף רעכטס, און געלאָזט אים זיך אַ האָרעלע אַ נויג טאָן אין אַ כמו באַגריסונג.

לאָזנדיק מיך אַזוי שטיין ביים אַריינגאַנג, האָט ער מיך אויסגעע־פרעגט וועלכע ווערק איך האָב שוין געלייענט אין דער יידישער גע־שיכטע, האָט מיר געראָטן גוט דורכצושטודירן עוואַלדס „געשיכטע דעס פאָלקעס איזראַעל" און עפּעס נאָך אַ ווערק, האָט דאָס שטייענדיק אויפ־געשריבן אויף אַ צעטעלע, אויך מיט אַן אַדרעס, אין וועלכער ביבלי־אָטעק איך זאָל דאָס נעמען און האָט, אַלץ ניט בייטנדיק די פּאָזע, מיר אויסגעצויגן די האַנט מיט דעם צעטעלע. איך בין צוגעגאַנגען נעמען עס. דערביי האָט די פיגור שיר ניט מיט די פינגער צונויפגעלייגט אירע ליפּן אין אַ האַוואַיע, וואָס האָט מסתמא געזאָלט באַטייטן אַ וואויל־ווינטשנדיקן

שמייכל, און דער קאָפּ האָט זיך ווידער אַ האָרעלע אַ נויג געטאָן אין אַ כמו זיך זעגענען.

דערמיט האָט זיך געענדיקט די „אוידיענץ". שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אָדער איך האָב ערגעץ־וואו געלייענט, אַז די דאָזיקע הילצערנע פיגור מיט אַ פּאָר באַוועגלעכע אברים איז אַן „ארי שבחבורה" אין דער „וויסנשאַפט דעס יודענטומס" און גאָר אַ משונהדיקער גדלן. רופט אים איינער אָן על פּי טעות „הער בערלינער", באַמערקט ער מיט רוגזא:

— מיין נאָמע איסט דאָקטאָר בערלינער. דאָקטאָר א. בערלינער. (מיט אַ קוועטש אי אויף דעם „דאָקטאָר", אי אויף דעם „א.").

די ביכער האָב איך באַלד גענומען אין יענער ביבליאָטעק און זיך מיט התמדה אַ נעם געטאָן פּאַר זיי. דאָס איז געווען באַלד נאָך דער פאַרענדיקונג פון מיין „טוריסטן צייט".

דער „קבלת פּנים", וואָס די צוויי „גדולים" פון דער אָרטאָדאָקסישער וועלט האָבן מיר געגעבן, האָט מיך אַזוי פאַרשטימט, אַז איך האָב שוין ניט געוואָלט גיין זיך נאָכאַמאָל זען מיט יענעם סוחר, וואָס האָט מיך אַזוי פריינטלעך אויפגענומען. חסל סדר פערזענלעכער באַריר מיט דער יידישער אָרטאָדאָקסיע אין אייראָפּע.

מיט די פרומע קריסטן אין בערלין

שוין ווען איך האָב ביי זיך געהאַט די ביכער, וועלכע ד״ר א. בערלינער האָט מיר פאַרשריבן, און האָב מיט התמדה זיי געשטודירט, האָב איך דורכגעלעבט גאַנץ אויסערגעוויינלעכע שטימונגען און געפילן, וואָס מען מעג באַצייכענען ווי „יידיש־קריסטלענדיקע״, אָדער נאָך ספּעציעלער: ווי „ציוניסטיש־קריסטלענדיקע״.

איך מוז מיך אַ ביסל מער אָפּשטעלן אויף אָט דעם עפּיזאָד אין מיין דעמאָלטיקער בערלינער צייט, ווייל ער געהערט באמת צו מיינע וויכטיקסטע איבערלעבונגען, וואָס זייערע שפּורן זיינען קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן אינגאַנצן.

נאָך אין די טעג ווען איך פלעג אַרומגיין איבער די בערלינער גאַסן און זיך אָפּשטעלן עפּטער פאַר אַלץ פאַר די וויטרינעס פון די בוכהאַנדלונגען, איז אין אַזאַ אויסשטעל־פענצטער פון אַ גאַנץ קליינער בוכהאַנדלונג אין אַ זייטיקער גאַס מיין אויג געפאַלן אויף אַ בראָשור פון דעם באַרימטן העבראַאיסט און תנ״ך־פאַרשער, פּראָפעסאָר פראַנץ דעליטש. זי האָט זיך גערופן: „אָן די געבילדעטע יודען״. איך האָב מיר פאַרמערקט דעם נומער און די גאַס פון דער בוכהאַנדלונג מיט דעם באַשלוס, „פאַרן אָוועקפאָר״ אָנצושאַפן זיך אָט דאָס קליינע ווערק, ווי אויך די בראָשור פון פּראָפעסאָר לאַצאַרוס: „וואָס הייסט נאַציאָנאַל?״ וועלכע איך האָב געזען אין אַן אנדער וויטרינע.

באַשלאָסן, צו פאַרבלייבן אין בערלין, כדי, — דער עיקר, — ווייטער אָנצוגיין מיט מיינע שטודירונגען, — האָב איך מיך דערמאָנט אָן די צוויי בראָשורן. אין פענצטער פון דער בוכהאַנדלונג מיט דעליטשעס שריפט זיינען געווען אויסגעשטעלט נאָך אַנדערע קליינע זאַכן. איך האָב מיר אָנגעמערקט די בראָשורן פון איינעם אַ דאַ־קאָסטאַ און פון איינעם אַ פיק. זיי האָבן מיך פאַראינטערעסירט מיט די יידישע נעמען פון די מחברים. אין דער בוכהאַנדלונג האָט מען מיר באַוויזן נאָך שריפטן פון דעם זעלביקן כאַראַקטער. איך האָב אָפּגעקליבן אַלץ, וואָס איז דאָרטן

געוועזן פון דעם זעלביקן „פיק". קיין געלט פאַר זיי האָט מען אָבער ביי מיר ניט געוואָלט נעמען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בוכהאַנדלונג איז געוועזן אַ קריסטלעך־מיסיאָנערישע.

געקומען אַהיים, האָב איך קודם איבערגעלייענט די דאָ-קאָסטאַשע שריפט: אַ ביאָגראַפיע פון אַ געבילדעטן יידן, וואָס איז געוואָרן אַ הייס־גלייביקער קריסט, — פאַר מיר אַ טאָטאַל־פרעמדע גייסטיקע וועלט, מיט טאָטאַל־פרעמדע געפילן און געדאַנקען־גאַנגען. דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז נאָר געוועזן, וואָס איך האָב מיך דאָ צונויפגעטראָפן מיט אַ פאַל פון אַ געבילדעטן יידן, וואָס האָט זיך „געשמדט" ניט צוליב פרנסה, אָדער קאַריערע און אויך ניט אויס בלינדער עם־הארצות בכלל, נאָר אויס אַ טיפער רעליגיעזער בענקשאַפט און איבערצייגונג. אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך, איז פאַר מיר ניט געוועזן קיין ברעקל ספק. זי האָט אָבער אין אָט דעם ספּעציעלן פאַל צוגעלאָזן די דערקלערונג, אַז דער בעל־דבר, ווי די אַסימילירטע יידן אין וועסט-אייראָפּע בכלל, האָט ניט געהאַט קיין גרינטלעכע יידישע דערציאונג.

פון גאָר אַן אַנדער שניט זיינען געוועזן די פּיקשע בראָשורן, וואָס האָבן געמאַכט אויף מיר אַ קאָלאָסאַלן רושם. פּיק איז געוועזן אַ „ראַבינער" אין אונגאַרן, וואָס איז פון דער אָרטאָדאָקסיע אַריבערגעגאַנגען צו דעם רעפאָרם־יודנטום. זיך אַריינלייענענדיק אין די עוואַנגעליעס, איז אין אים אויפגעקומען אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע צו דער פּערזאָן פון ישו הנוצרי. זי האָט זיך באַזעצט אין זיין נשמה און פאַרנומען דעם גאַנצן פּלאַץ. זיצנדיק אַמאָל איינער אַליין אין זיין טעמפּל, האָט ער אויף דעם הענטל פון דער שטול אויסגעקריצט דעם נאָמען „ישו" און איז צוגעפאַלן צו אים מיט ליידנשאַפטלעכע קושן.

וואָס ווייטער האָט זיך אין אים אַלץ מער געשטאַרקט דער גלויבן, אַז ישו איז טאַקע געוועזן דער יידישער „מלך המשיח", און ער האָט באַשלאָסן, אויך אָפיציעל צו מאַכן דעם אַנטשיידנדיקן שריט און אַריבער־צוגיין צום קריסטנטום.

בעתן „שמד" האָט ער געהאַלטן אַ רעדע, שילדערנדיק זיינע נשמה־איבערלעבונגען און די מאָטיוון פון זיין שריט. דער הויפּט „אני מאמין" זיינער איז געוועזן, אַז קריסטוס שטעלט מיט זיך פאַר דעם גאָט־געשיקטן יידישן „גואל ומושיע". ער מאַכט גאַנץ דורכזעעוודיק דורך זיינע רייד, אַז אָננעמענדיק קריסטנטום, וויל ער זיך בשום אופן ניט בינדן מיט די „אני מאמינס" פון די הערשנדיקע קירכן. זיי זיינען פאַר אים קריסט־לעכע אידייען פון ניט-יידישע פעלקער. ער אָבער בלייבט אַ ייד. נאָך

מער: ער ווערט אַ נאַציאָנאַלער ייד. זיין קריסטנטום האָט גאַנץ אַנ־דערע, יידיש־קריסטלעכע אני מאמינס.

אין וואָס די „עיקרים" פון דער יידישער קירך זאָלן באַשטיין, — דאָס זאָגט ניט דער נייער אַפּאָסטל. אָבער קלאָר לאָזט ער דורכבליקן, אַז זי מוז זיין אַן אַבסאָלוט־זעלבסטשטענדיקער צווייג פון דעם קריסט־לעכן גלויבן, אַן אומאָפּהענגיקער פון אַלע אַנדערע צווייגן, צונויפגעבונדן מיט זיי נאָר אין דעם געמיינשאַפטלעכן שטאַם און דעם געמיינשאַפטלעכן וואָרצל, אין דעם גלויבן אין ישוס איבערנאַטירלעכער, משיחימשער נאַטור.

בעתן לייענען אַט די שריפטן, פלעג איך אָפט וואַרפן אַ בליק אויף דעם שיינעם קריסטוס־בילד, וואָס איז געהאַנגען אין דעם צימער, און אַן אויסערגעוויינלעכע אויפרעגונג פלעגט אַרומנעמען מיין יש. ס'איז שווער איבערצוגעבן אין ווערטער די, —אויב מען קאָן זיך אויסדריקן, — „קלאַנגפאָרם" פון יענע קרעפטיקע אויפברויזונגען אין דעם געמיט. און אויך נאָכן לייענען, און אָפטמאָל אויך שפּעטער אין יענע טעג, פלעג איך אָפט שטיין אַ פאַרגאַפטער פאַר דעם בילד, ניט־קאָנענדיק, ריכטיקער, ניט וועלנדיק אָפּרייסן מיין בליק. האָט מיין אויג זיך געמיט דורכצו־דרינגען דורך דעם געמעל דעם פאַרבאָרגענעם סוד פון ישוס עצם? איז, לאָז זיין, אויף אַ מינוט אַרויפגעשוואומען דער ספק: „און ווער ווייסט, אפשר איז עס טאַקע אַזוי?" ניין, בשום אופן ניט! דאָס האָט גאָר־נישט געהאַט צו טאָן מיט וועלכע עס איז קלאָרע געדאַנקען, איינזעעונישן, גלייבונגען אָדער ספיקות. דאָס איז געווען אַ דורכאויס געשטייגערטער ליבע־געפיל צו יענער פערזאָן, אָבער פון אַ גאַנץ אַנדערער אַרט ליבע און פאַרערונג.

ישוס פיגור האָב איך דאָך שוין אויך פריער געליבט, ריכטיקער: געהאַט צו איר די טיפסטע סימפּאַטיע, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באַגעגנט זיך מיט איר אין דער דורכאויס איינזייטיקער סקיצע, וואָס גרעטץ גיט פון איר אין זיין געשיכטע. און די ערשטע טאָלסטאָיאַנער אין טולע האָבן געקאָנט נאָך שטאַרקער און טיפער מאַכן יענע סימפּאַטיע. אָבער דאָס מאָל אין בערלין האָט די ליבע צו ישון זיכער געטראָגן רע־ליגיעז־מיסטישע עלעמענטן אין זיך, — עלעמענטן, וואָס האָבן אָנגע־האַלטן ניט לאַנג. בנוגע ישוס פערזענלעכקייט האָבן זיי זיך — אין אַ לפי ערך קורצער צייט — אינגאַנצן אויסגעוועפּט.

וואָס איז דאָס געווען? האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ פאַל פון פּסיכי־שער אָנשטעקונג, די ווירקונג פון פיקס פּסיכאָלאָגישן איינשטעל אויף אַ

העכסט-אויפגערודערטן נערוון-סיסטעם? אָדער זיינען אויף דעם גרונט פון דער נשמה פון געבוירן־אַן געלעגן אייניקע איינגעירשנטע רעליגיעז־מיסטישע קערנדלעך, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אויסצו־לעבן זיך ביז אַהער און וואָס פּיקס טאַלאַנטפולער, ליידנשאַפטלעכער אויס־גוס האָט זיי אויפגעוועקט און אַרויפגעבראַכט אויף דער ליכטיקער, — בלענדנדיק־ליכטיקער שיין פון אַ באַוואוסטזיניקער איבערלעבונג?

מיר דוכט זיך איצטער, אַז דאָס לעצטערע גיט די בעסערע דערקלע־רונג. זי מאַכט אויך דעם חשבון פּאַר נאָך אַן אינטערעסאַנטער דער־שיינונג. פאַרגעקומען מיט מיר איז דאָס אין דער צייט, ווען איך האָב, אויספּאָלגנדיק ד״ר בערלינערס עצה, גרינטלעך געשטודירט עוואַלדס גע־שיכטע. אויף שריט און טריט בין איך גייסטיק געווען אויף דעם באָדן פון ארץ ישראל, אין אַ סביבה פון אַ פאָלק, וועלכן איך באַטראַכט נאָך עד היום פּאַר מיין לייבלעך אייגענעם. און אין הינטערגרונט, בעתן שטודירן, האָט זיך איבערן לאַנד און פאָלק געטראָגן ישוס אויסטערלישע פיגור. די רעליגיעז־מיסטישע, הייליקע ליבע, מיט וועלכער ישו איז אַרומגעשטראַלט געוואָרן אין דער נשמה, האָט אַריינגעשלעפּט אין איר שטראַלן־קראַנץ ניט דאָס פאָלק ישראל, — משמעות, דאָס האָט זיך עמ־פּיריש ניט געלאָזט פאַרהייליקן, — נאָר דאָס לאַנד ישראל. פון דע־מאָלט אָן איז יענע לאַנד טאַקע געוואָרן פּאַר מיר אַ הייליקטום, — אַן ארץ הקדושה. קאָן דאָך טאַקע געמאָלט זיין, אַז פאַרירשנט אין דער נשמה זיינען געלעגן ניט נאָר סתם מיסטיש־רעליגיעזע קערנדלעך אין פאָרם פון אַ געוויסער פּסיכישער פעיאיקייט זיך אויסצולעבן אין זיי, נאָר אַז זיי זיינען בפירוש פון געבוירן־אָן געווען פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן אָביעקט פאַר דער פאַרהייליקונג: מיט אַן אומקלאָרן קאָמפּלעקס פון שטימונגען, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „ארץ ישראל״ און וואָס קאָן, אונטער געוויסע באַדינגונגען, אַרויסגערופן ווערן דורך אָט דעם „שם המפורש״.

איך האָב איצטער נאָך אַ דערקלערונג, פאַרוואָס גראָד פּיקס שריפטן האָבן אויף מיר געמאַכט אַזאַ קאָלאָסאַלן רושם. צו פּיקן האָט שוין דע־מאָלט געמוזט ביי מיר זיין אַ געפיל, וואָס איז נאָך איצטער ניט איינ־גאַנצן אויסגעלאָשן, — אַ געפיל פון נאָענטער קרובהשאַפט. ערשטנס — שפּילט דאָ אַ ראָלע דער נאָמען „פּיק״, וואָס איז, לויט מיין פּאָטערס פאַרזיכערונג, פאַרבונדן מיט מיין לייבלעכער משפחה דורך דעם גאון ישעיה פּיק — בערליק. אָבער נאָך מער איז דער „משומד״ פּיק מיינער אַ גאָר נאָענטער גייסטיקער „קרוב״: פון זיינע רייד האָט געשלאָגן אַ

קוואַל פון דעם זעלביקן הייסן ייִדישן נאַציאָנאַליזם, וואָס הלוואי ווערט ער ביי קיין ייִדן קיינמאָל ניט אָפּגעקילט. און אויך פאַר פּיקן איז ישו געווען אין דער ערשטער ליניע דער ייִד, אַ פאַרבונדענער מיט די משי־חימשע דערשיינונגען אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. פאַר פּיקן איז דאָס געווען דער „צוגעזאָגטער" איבערנאַטירלעכער משיח.

די געפילן צו דער צענטראַל־פּערזאָן פון דעם קריסטלעכן גלויבן און צו דעם צענטראַל־לאַנד פון דער ייִדישער בענקשאַפט האָבן ניט געהאַט אויף מיר קיין באַזונדערס גרויסע ווירקונג. אַנדערע מאָטיוון האָבן זיי געהאַלטן אין „שטענדיקן שאַך" און האָבן ניט דערלאָזן, איך זאָל מיך אײַנגאַנצן איבערגעבן צו זיי: ניט צו ישון, לויט דעם נוסח פון דעם גלייביקן קריסטנטום, ניט צו ארץ ישראל לויט די איצטיקע ריכטונגען אין דעם ציוניזם. קיין „קריסט" בין איך קיינמאָל ניט געוואָרן. די פאָדערונג, צו רעווידירן דעם דרייפוס־פּראָצעס, פאַר וועלכער איך האָב מיך אײַנגעשטעלט אין „דאָס נייע לעבן", האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער רעליגיעזער זייט פון ישוס לעבן און שטערבן. אַ „ציוניסט", — אַ פּועלי־ציוניסט, — בין איך יאָ געוואָרן אין אַ שפּעטערער צייט, אָבער בפירוש ניט אין דעם געוויינלעך־אָנגענומענעם זין.

ווי פריער באַמערקט, האָבן די מיסטיש־רעליגיעזע שטימונגען, אין פאַרבינדונג מיט דער פּערזאָן ישו, לפי ערך באַלד זיך דעמאָלט אויסגע־וועפּט. ווי שטאַרק עס איז ביי מיר אײַנגעוואָרצלט געוואָרן אָט דער געפיל, דערבליק איך אין מיין שטעלונג צו דער ריין טעאָרעטישער פראַגע, צי ישו איז טאַקע געווען אַ היסטאָרישע פיגור, אָדער מיר דאַרפן אים באַטראַכטן ווי אַ ריין לעגענדאַרישע געשטאַלט.

די מאָדערנע היסטאָרישע קריטיק בכלל און די ביבל־קריטיק בפרט האָבן, כידוע, לגמרי אָפּגעלייקנט אָדער אַריינגעוואָרפן אין אַ שטאַרקן ספק די היסטאָרישע עקזיסטענץ פון אַ סך פּערזאָנען און העלדן פון דער פאַרגאַנגענהייט: פון דעם גריכישן האָמער, פון דעם רוימישן ראָמולוס, פון די ייִדישע אבות, און אויך פון ישו, דעם משיח. זיי זיינען, באַווייזט מען, אָדער לעגענדעס, אָדער איבערגעפאַנטאַזירטע געשטאַלטן פון דעם פאָלקס מיטאָלאָגיע, ווי די העלדן פון די פאָלקס־מעשהלעך.

ווען איך האָב געלייענט מ. קולישערס פּרוואו, אין זיין דייטשער אַר־בעט וועגן ישוס לעבן (אין דעם סוף זעכציקער) פאַרצושטעלן ישוס לעבנס־געשיכטע, ווי אַ פּערסאָניפיצירונג, אָדער אַן אַלעגאָרישע באַאַרבעטונג פון אַ באַשטימטן קרבן אין דעם אַלט־העברעאישן רעליגיעזן ריטואַל, — דעם „עומר", — האָט דאָס אַרויסגערופן אין מיר אַ ווידערשטאַנד. און

אַזוי אויך — מיט אַ היפש ביסל אַנדערע ווערק, וואָס מאַכן אַ תל פון ישוס היסטאָרישן זיין אויף דער וועלט, — אַ חוץ דער עפּאָכע־מאַכנדיקער שריפט פון דוד פרידריך שטרויס, וואָס קויפט איינעם אונטער מיט דער טיפקייט פון דעם געדאַנק און דער שאַרפקייט פון דעם אַנאַליז. ביי די אַנדערע קריטישע היסטאָריקער פון ישוס לעבן פון דער זעלביקער אַבסאָ־לוט־נעגאַטיווער ריכטונג האָבן דעם ווידערשטאַנד אַרויסגערופן ניט נאָר די טעאָרעטישע פעלערן און אָפט אומגעלומפּערטקייטן אין דער באַווייז־פירונג, נאָר אויך דער „דירעקט קעגן מיר" געריכטעטער „אַטענטאַט". דאָס דערקלערט אויך די העפטיקייט, מיט וועלכער איך האָב אַ סך יאָרן שפּעטער אין „דאָס נייע לעבן" געפירט די פּאָלעמיק אַנטקעגן ש. אַנסקין ווי אויך אַנטקעגן ש. צ. זעצערן.

דערפאַר האָב איך דעם גרעסטן „עונג רוחני" געהאַט פון סאַלוואַ־דאָרס „ליאָ ווי דע זשעסיוס" („ישוס לעבן"), וואָס איז אַרויס כמעט אין איין צייט מיט שטראַוסעס אַרבעט (אין די דרייסיקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט). און ניט קיין קליינעם עונג רוחני האָט מיר שוין אין דער איצטיקער צייט פאַרשאַפט די וויסנשאַפטלעך אַ סך מער באַ־טייטנדיקע שריפט פון פּראָפעסאָר י. קלויזנערס „תולדות ישו" (איבער־געזעצט אויך אין ענגליש), הגם ניט מיט אַלע אויספירן און באַטראַכ־טונגען קאָן איך מסכים זיין. פּראָפעסאָר קלויזנער האָט דורכגעפירט, אויב ניט די דורכאויס באַפרידיקנדיקע „רעוויזיע פון דעם דרייפוס־פּראָ־צעס", פאַר וועלכער איך האָב מיך אַזוי לײדנשאַפטלעך איינגעשטעלט אין „דאָס נייע לעבן", אין דעם ניט אָפּצופרעגנדיקן באַווייז פון ישוס היס־טאָרישקייט און פון זיין גאַנצן יידישן מהות. על־כל־פּנים קומט דאָס אַזוי אויס, לויט דעם שכל הישר אין היסטאָרישער פאָרשונג.

נאָך קלויזנערס גרינטלעכן ווערק וועט יעדער יידישער היסטאָרי־קער און יעדע יידישע ענציקלאָפּעדיע מוזן באַהאַנדלען דעם אויפקום פון דעם קריסטנטום, — זיין באַגרינדער, זיינע תלמידים און ערשטע אָנ־הענגער, ווי אויך די יידיש־קריסטלעכע סעקטן און גרופּירונגען, — ווי אַ זייער באַטייטנדיקן קאַפּיטל ניט נאָר אין דער וועלט־געשיכטע, נאָר אויך אין דער גייסטיקער געשיכטע פון אונדזער אייגענעם פאָלק, אַ קאַ־פּיטל צום גוטן", צי „צום שלעכטן", — דאָס איז שוין אַ פראַגע פון דעם אָפּשאַץ. מיר דאַרפן אָבער נעמען די געשיכטע ווי זי איז געווען.

איך האָב מיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דער ווירקונג פון פּיקס בראַשורן אויף מיר, אויף דעם אויסטערלישן גייסט־צושטאַנד, וואָס זיי האָבן אין מיר אַרויסגערופן, ניט נאָר ווייל דער איבערגעלעבטער עפּיזאָד פאַר־

נעמט אַ באַזונדער פּלאַץ אין מיין זכרון, נאָר אויך ווייל איך האָב אים אַזוי פיל צו פאַרדאַנקען פאַר מיין גאַנצער גייסטיקער אַנטוויקלונג. עס איז ברייטער געוואָרן מיין האָריזאָנט. עס האָט מיך אויסגעלערנט אַריינ־צולעבן זיך אין פרעמדע גייסטיקע וועלטן, אפילו ווען איך בין מיט זיי אַבסאָלוט ניט מסכים, אפילו ווען איך בין געצוואונגען, צו באַקעמפן זיי, אין דעם נאָמען פון מיין אייגענער וועלט.

איך ווייס, אַז אָט די מעלה האָט ווי כמעט יעדע מעלה, אויך איר חסרון. באַזונדערס איז זי אַ שטער פאַר איינעם, וואָס האַלט פאַר זיין חוב, צו באַקעמפן „פרעמדס" און פאַרטיידיקן „אייגנס". אין דעם פּאָ־לעמישן קאַמף פאַרגעסט מען זיך אָפט און מען באַהאַנדלט יעדן „צד שכנגד", ניט ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטע, גלייך חשובע געדאַנקען־ריכטונג, נאָר ווי אַ מינדערוואַרטיקע, בעת דער „צד שכנגד" קאָן זיין פון אַזאַ אַרט, אַז ווען מען לעבט זיך אַריין אין אַלע מאָטיוון זיינע, — די טעאָ־רעטישע, ווי די עטישע, — שטראַלט אונדז אַנטקעגן מענטשלעכער הויכער באַטייט און מענטשלעכע גרייס (אָט, צ"ב, אַזאַ „צד שכנגד", ווי דער מאָדערנער קאָמוניזם).

פון דער אַנדערער זייט ווייל מען זיין טריי דעם אייגענעם חוש פון אמתדיקייט און אַרויסבאַרענגען אין דער עפנטלעכקייט דאָס גרויסע און מענטשלעכע באַטייטנדיקע אין דעם קעגנערס געדאַנקען־וועלט, מאַכט דאָס דעם איינדרוק, גלייך מען גיט זיך אונטער און מען ווערט אומטריי צו זיך אַליין. און דאָס שטויסט אָפּ די „אייגענע".

די צרה דערביי איז, וואָס מיר שטייען נאָך אַלע אין דעם דאָגמאַ־טישן פּעריאָד פון דעם מענטשלעכן גייסט, וואָס איז אַזוי איינגעגלייבט, אַז אין די העכערע עולמות פון אַ גייסטיקן לעבן קאָן מען אויסגעפינען איין־איינציקן אמת, איין איינציקן יושר, איין איינציקע פונדאַמענטאַלע שיינקייט, וואָס מוז זיין אַ חוב פאַר יעדן גייסטיקן לעבעדיקן מענטשן. מיר זען נאָך ניט איין, אַז גראָד אין די „עולמות העליונים" זיינען די אמתן, די יושרס און די שיינקייטן, על־פּי הכרח סוביעקטיוו. און אַז גרויסקייט, נשמה־רייכקייט, באַטייט פאַר אַ מענטשלעכן לעבן מוזן ניט זיין נאָר „ביי מיר" און ניט אויך ביי דעם „קעגנער".

אין דער ספערע פון דער קונסט און אין דער ריינער מעטאַפיזיק האָט מען זיך שוין אויסגעלערנט, ניט צו זיין דאָגמאַטיש. דאָרטן האָט מען זיך שוין איינגעוואוינט, צו רעכענען זיך מיט דעם „סוביעקטיוון פאַקטאָר" אין דער עסטעטישער דערקענטעניש און אין דעם מעטאַפיזישן געדאַנקען־בוי (הגם אויך דאָרטן רייסן זיך אַמאָל דורך דאָגמאַטישע שטראָמען).

מען שפּירט די גלייכוועדטיקע גרייס פון אַ טאָלסטאָי און אַ דאָסטאָיעוו־סקי, פון אַ וויקטאָר הוגאָ און אַ זאָלאַ, — הגם עסטעטיש שליסן זיי איי־נער דעם אַנדערן אויס. מען שפּירט אויך אין דער מעטאַפיזיק די גלייכוועדטיקע גרייס פון דעם מאַטעריאַליסט האָבבס, דעם סינטעטישן מאָ־ניסט ספּינאָזאַ און דעם אָביעקטיוון אידעאַליסט העגעל, הגם זייערע וועלט־בילדער שליסן אויס איינס דאָס אַנדערע.

און אַט דער איינשטעל פון אַ ברייטן האָריזאָנט שטערט קיינעם ניט אויסצואוויילן אָדער אַליין אויסצואַרבעטן זיין וועלט־בילד, ווי אַ גלייכ־באַרעכטיקטן מיט אַלע אַנדערע.

נ. ק. מיכאַילאָווסקי איז אין אונדזערע צייטן געווען דער ערשטער פון די איינצל־גייער אין דער פילאָסאָפיע, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם סוביעקטיוויסטישן שטאַנדפּונקט אין דער דערקענטעניש־טעאָריע, ווי שטירנער איז דאָס געווען אין די פּערציקער יאָרן, ווי קאַנט אין דעם סוף פון דעם 18טן יאָרהונדערט, ווי דער גאָר גרויסער איינצל־גייער אין דעם גריכישן אַלטערטום, דער אמתער פאָרלויפער פון אַלע אַזעלכע שפּעטערדיקע איינצל־גייערס, דער געניאַלער פּראָטאַגאָראַס מיט זיין אומשטערבלעכער דער־קלערונג, אַז „דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן; פון די פאַראַ־נענע ווי (און צי) זיי זיינען פאַראַן און פון די ניט־פאַראַנענע — ווי (און צי) זיי זיינען ניט פאַראַן".

מיט מיכאַילאָווסקיס בליקן בין איך שוין געווען גוט באַקאַנט אין מיין דעמאָלטיקער צייט אין בערלין. אָבער זיי זיינען נאָך ניט געווען מיין איבערצייגונג. איך האָב דעם „סוביעקטיוויזם" באַטראַכט, ווי אַ זייער וויכטע השערה, שיר ניט ווי אַ פּאַראַדאָקס. ערשט מיינע איבערלעבונגען אין בערלין אין דעם, אַזוי צו זאָגן, גייסטיק־טראַפּישן קלימאַט פון דער קריסטלעכער מיסטיק, מיט זיין אַנשטעקנדיקן גייסטיק טראָפּישן פיבער און מיינע שפּעטערדיקע איבערקלערונגען וועגן דעם אייגענעם דורכגעמאַכטן צושטאַנד, — ערשט דאָס האָט מיך אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט מיכאַילאָווסקיס „סוביעקטיוון מעטאָד" און געפאָדערט, צו מאַכן די חשבונות מיט אים.

אויך פאַר מיר איז ער געוואָרן אַ פעסטע איבערצייגונג. איך האָב אָבער אויך איינגעזען, ווי שוואַך און ווייניק באַפרידיקנדיק עס איז נאָך דער טעאָרעטישער פונדאַמענט, אויף וועלכן ער איז געבויט. צו די טעאָרעטישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן מיך באַשעפטיקט ביז אַהער, איז צוגעקומען נאָך אַ גאָר וויכטיקער פּראָבלעם: צו פאַרפעסטיקן דעם פונדאַמענט, מיט דעם אפשר זייער ווייניק עניוותדיקן איינבליק, צו פאַר־

וואַנדלען דעם „סוביעקטיוויזם" פון אַ שטאַנדפּונקט אין אַ סיסטעם און זיינע אָנהענגער — פון צעשטרייטע איינצל־גייער אויף דעם וועג פון דער פילאָסאָפישער אַנטוויקלונג אין אַ גייסטיקער ריכטונג, אַ גלייכבאַרעכטיקטער און אַ גלייכוואָגיקער מיט די אַנדערע ריכטונגען.

אַ היפּש ביסל אַרבעט האָב איך אין מיין שפּעטערדיקן לעבן אַריינגעשטעקט אין דערין. פון די רעזולטאַטן איז דערווייליק פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָר איין קליינער קאַפּיטל: „די היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונגען" אין דעם יאָר 1909. אָבער שוין דער אַלגעמיינער שטאַנדפּונקט האָט מיר געהאָלפן אי צו פאַרפעסטיקן מיין „טעראָריסטישן" איינשטעל אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אי אויסצואַרבעטן אַ דערקענטעניש־טעאָרעטישע באַגרינדונג פאַר דעם סאָציאַליזם.

מיט דעם פולן באַוואוסטזיין פון דעם פּראַקטישן חסרון, וואָס שטעקט אין יענעם שטאַנדפּונקט, — די אוממעגלעכקייט צו ווערן אַ „פירער", די אוממעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן מיט דער דאָגמאַטישער פאַרזיכערונג: „אָט דאָ איז דער אַבסאָלוטער אמת, און — קאָמף מיט אַלע עם־הארצים, שוטים, מנובלים און מטורפים, וואָס זענען אים ניט איין אָדער ווילן זיך ניט בייגן פאַר אים!" — מיט אָט דעם גאַנצן חסרון איז מיר דער סוביעקטיוויסטישער שטאַנדפּונקט ליב און טייער.

העלפן אַרויפגיין אויף אים האָט אָבער ביז צו גאָר אַ הויכן גראַד געהאָלפן דער אויסטערלישער עפּיזאָד פון מיינע איבערלעבונגען אין בערלין. מיט גרויס דאַנקבאַרקייט געזעגן איך מיך איצטער פון אים אָפּ אין מיינע געשריבענע „זכרונות".

90

מיין ערשטע שריפט אין דייטש

זינט מיינע אַרבעטן אין דער פּעטערבורגער ביבליאָטעק אויף דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, האָט זיך ביי מיר איינגעשטעלט אַ טיפע סימפּאַטיע צו „אונדזער ברודער פון נצרת", ווי איך רוף אָן „ישו דעם משיח" נאָך עד היום. און ניט נאָר צו אים ווי אַ פּערזאָן, נאָר אויך צו דעם, פון אים באַגרינדעטן קריסטנטום. אָבער — צו וועלכן קריסטנטום? בפירוש ניט צו דער אמונה פון די הערשנדיקע קריסטלעכע רעליגיעס, נאָר צו יענעם תוך אירן, ווי ער איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די עוואַנגעליעס. עס האָט מיר דעמאָלט געדוכט, — מיין טעות האָב איך ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן איינגעזען, — אַז קריסטנטום איז ריינער „יידנטום", לויט דעם נוסח פון די נביאים, און אַז די ערשטע קריסטלעכע — „משיחימשע" — באַוועגונגען אין אַלט-יהודה זיינען ניט געווען קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ שטרעבן צו פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון אונדזערע נביאים אין דעם יידישן לעבן, כדי דאָס פאָלק ישראל זאָל אין דעם לאַנד ישראל ווערן דער „נס לגויים", דער „נר לגויים", אַ לייכטנדיקער, פירנדיקער שטערן פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט.

דאָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן בפירוש אַזוי: אַ מאָדערנער, געבילדעטער ייד דאַרף אויפנעמען די באַגייסטערטע רייד פון אונדזערע נביאים, שטייענדיק אויף אַ ריין-מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. ער דאַרף אַרויסשיילן פון זייער טעאָלאָגישער שאָלעכץ אַלץ וואָס עס דאַרף זיין הייליק און טייער אַ מענטשלעכער נשמה: דעם הויך-עטישן איינשטעל אין געזעלשאַפטלעכע און צווישן-פעלקערלעכע ענינים.

און אויך צו די הייליקע שריפטן פון דעם קריסטנטום, האָב איך דעמאָלט געטראַכט, דאַרף ביי אונדז זיין דערזעלביקער צוגאַנג. אויך זייער תוך דאַרף דערבליקט ווערן אין דיזעלבע מענטשן-פאַרברידערנדיקע און פעלקער-פאַרברידערנדיקע אידעאַלן.

די ריין-רעליגיעזע שאָלעכץ אָבער דאַרף מען אָוועקוואַרפן („רעליגיעז" און „טעאָלאָגיש" איז פאַר מיר דעמאָלט געווען איין און דיזעלביקע זאַך).

אַזאַ איינשטעל צו דעם קריסטנטום, אָדער כמעט אַזאַ האָב איך שוין אָנגע־טראָפן אינעם לעבן ביי די ערשטע „טאָלסטאָיאַנער״: ביי ליזע שטיקין, אַנאַטאָלי בוטקעוויטש, פיינערמאַן־„טענעראָמאָ״. אין בערלין איז פאַר מיר צוגעקומען נאָך אַ טיפּ פון אַזאַ „קריסטנטום פאַר געבילדעטע יידן״: דער אונגאַרישער ראַבינער, פיק, מיט דעם קאָלאָסאַלן צוגאַב, וואָס זיין קריסטנטום איז שוין געווען אויך אַ ליידנשאַפטלעך יידיש-נאַציאָנאַלער, פונקט אַזאַ, ווי ער איז געווען ביי די ערשטע יידישע משיחים.

פיקס ווירקונג אויף מיר האָב איך באַשריבן אין די פריערדיקע קאַ־פיטלעך. דאָס אַלץ האָט געלאָזט דערוואַרטן, אַז אויך פּראָפעסאָר דעליטשעס שריפט „אַן די געבילדעטען יודען״, וועלכע איך האָב באַקומען איינצייטיק מיט פיקס שריפטן, זאָל זיך באַוועגן אין דערזעלביקער געדאַנקען־ליניע. זי האָט אָבער געטראָגן אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, אַן אַבסאָלוט פרעמדן און אָפּשטויסנדיקן. אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די נביאים דאַרפן אויך פאַר „די געבילדעטע יידן״ זיין אַן אַבסאָלוטע אויטאָריטעט, וואו אַלץ איז „קערן״ און קיין זאַך איז ניט „שאָלעכץ״, מיט ער זיך צו באַווייזן, אַז דער טעאָלאָגישער טייל פון די עוואַנגעליעס איז ניט נאָר אין הסכם מיט די נביאות פון די נביאים, נאָר איז זייער פאַקטישע, היסטאָריש־באַגלייביקטע פאַרווירקלעכונג אינעם לעבן פון דער מענטשהייט.

ווידער — פסוקים, פסוקים און זייער ריכטיקער אויסטייטש! פון פיקס ליידנשאַפטלעך-מיסטישן אויפברויז ביז צו דעליטשעס קאָמענטאַטאָ־רישן ראַציאָנאַליזם („מען דאַרף נאָר ריכטיק טייטשן דעם פסוק״) איז פונקט אַזאַ מהלך, שאַבלאָניש גערעדט, ווי פון הימל צו דער ערד.

דאָס האָט מיך אַזוי געערגערט, אַז איבערלייענענדיק די שריפט, האָב איך באַשלאָסן צו שרייבן אַן ענטפער אויף איר. ווענדט ער זיך דאָך אויך צו מיר, ווי צו אַ געבילדעטן יידן, פאַרוואָס מיר אַלע דאַרפן ווערן קריסטן. מיין ענטפער דאַרף נאָך ערגעץ ליגן צווישן דעם קודל־מודל פון מיינע ניט פונאַנדערגעקליבענע כתבים, צו וועלכע איך האָב איצטער, בעת איך שרייב דאָס, ניט קיין צוטריט. איך געדענק אָבער שאַרף דעם גרונד־טאָן און די באַווייז-פירונג פון דעם ענטפער. דאָס קאָן פאָרמולירט ווערן אַזוי:

די גאַנצע טעאָלאָגישע קאָמענטאַטאָריי קאָן ניט האָבן קיין ברעקל ווירקונג אויף „געבילדעטע יידן״. די מאַיאָריטעט זייערע איז שוין ווייט אַוועק פונעם גלויבן אין דער אומפעלערהאַפטער אויטאָריטעט פון די הייליקע שריפטן. און אויף דער מינאָריטעט, וואָס האָט נאָך יענעם גלויבן ניט פאַר־לוירן, ווי אויך אויף דער גאַנצער אָרטאָדאָקס־פרומער יידישער וועלט, מוזן די נייע אויסטייטשונגען פון די פסוקים, אַפילו ווען מען זאָל זיי ניט

קאָנען אָפּפרעגן, מאַכן דעמזעלביקן איינדרוק, וואָס אַ „פּאַקוסניק" מאַכט אויף דעם צוזעער, ווען ער פאַרוואַנדלט פאַר זיינע אויגן „אַ ווייסע טויב אין אַ שוואַרצער קאַץ". (אין דעם ברוליאָן פונעם מאַנוסקריפּט איז טאַקע געשטאַנען „פּאָקוס־מאַכער" אַנשטאָט דעם דייטשן „האָקוס־פּאָקוס מאַכער").

אויב די קריסטן ווילן, אַז יידן זאָלן זיך קאָנען איינהערן אין זייערע רייד און אין זייערע גלייבונגען, דאַרפן זיי דעם אמת פון זייער גלויבן באַווייזן ניט מיט פּשטלעך אויף פּסוקים, נאָר מיט קאָנקרעטע מעשים. וואָס דאַרפן זיין די קריסטלעכע מעשים בנוגע צו יידן? די קריסטלעכע קירך באַטראַכט זיך ווי די פאַרקערפּערונג פון קריסטוסעס גייסט. זי שטרעבט צו באַווייזן, אַז ישו איז באמת געווען דער יידישער משיח. דאַרף זי, די קריסטלעכע קירך, די פאַרקערפּערונג פון דעם משיח, זיין דער רעאַלער משיח פון דעם יידישן פאָלק. זי דאַרף אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק פון דעם גלות. זי דאַרף געבן די מעגלעכקייט דעם גאַנצן יידישן פאָלק אומצוקערן זיך אין זיין אייגן לאַנד, ארץ־ישראל. זי דאַרף זיכער מאַכן אין יענעם לאַנד אַ פרייע, נאַציאָנאַל־יידישע עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. און דאָס דאַרף זי דורכפירן אָן אַ שום תנאי און אָן שום וועלכע עס איז רעליגיעזע פאָדערונגען.

ערשט ווען דאָס הערשנדיקע קריסטנטום וועט דורכפירן אָט דעם אויפטו, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט באַשיינפּערלעך איינזען, אַז עס איז באַפרייט געוואָרן, אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות; אַז דער באַפרייאונגס־אַקט איז דורכגעפירט געוואָרן דורך ישון, דעם יידישן משיח, אַ פאַר־קערפּערטן אין דער קריסטלעכער קירך, — ערשט דעמאָלט וועט קאָנען אומפּאַרטייאיש דיסקוטירט ווערן די טעאָלאָגישע פראַגע, צי יידן דאַרפן נאָך וואַרטן אויף אַן אַנדער משיח, אָדער זיי מוזן מודה זיין, אַז די נביאות פון די נביאים זיינען מקוים געוואָרן דורך ישון און זיינע אָנהענגער. ביז דעמאָלט האָט דער גאַנצער טעאָלאָגישער וויכוח, וואָס האָט אונדז געקאָסט און קאָסט נאָך עד היום אַזויפיל בלוט, קיין ברעקל פראַקטישע ממשות ניט.

הכלל: זאָלן ישוס אָנהענגער פריער דורכפירן די מיסיע פון אַ יידישן משיח — אויסלייזן פון גלות דאָס יידישע פאָלק — און דערנאָך זיך מתווכח זיין מיט אונדז וועגן דעם מהות פון ישוס היסטאָרישער פּערזענ־לעכקייט.

דעם ענטפער מיינעם דעליטשן האָב איך איבערגעלייענט מיין סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישן באַלעבאָס (פון דער דירה). ער האָט אים אויסגע־הערט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אונטער זיינע לאַנגע וואָנצעס און האָט זיך באַנוגנט נאָר מיט רייך־גראַמאַטיקאַלישע און סטיליסטישע אויסבעסע־

רונגען פון דעם טעקסט. און ס'איז טאַקע געווען וואָס אויסצובעסערן: אַפילו אַ היפּש ביסל ריין־גראַמאַטיקאַלישע גרייזן. איך האָב שוין טאַקע געמאַכט אַ גאָר היפּשן פּאַרשריט אין דייטש און האָב „געכאַפּט דעם שניט" פון אַ דייטשן ליטעראַרישן סטיל, אָבער געטראַכט האָב איך אויף רוסיש, און כמעט דער גאַנצער סינטאַקסיס איז געווען אַ רוסישער.

פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם מאַנוסקריפּט, האָב איך אים געבראַכט צו דער מיסיאָנערישער בוכהאַנדלונג מיט דער בקשה אַריבערצושיקן אים צום פּראָפעסאָר דעליטש. אין אַ צייט אַרום בין איך געקומען זיך נאָכפרעגן, צי עס איז שוין ניטאָ אַן ענטפער. קיין ענטפער איז נאָך ניט געווען. דער פּאַרוואַלטער האָט מיר דערביי מיטגעטיילט, אַז ער האָט גערעדט וועגן מיר מיט פּראָפעסאָר הערמאַן שטראַק, און אַז עס וואָלט געווען זייער גוט פאַר מיר באַקאַנט צו ווערן מיט אים. אגב, באַהערשט שטראַק אויך די רוסישע שפּראַך.

איך שטויס מיך איצטער אָן, אַז מסתמא האָט מען אין בערלין דורכ־געלייענט מיין מאַנוסקריפּט, איידער ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין לייפּציג.

ווער פּראָפעסאָר שטראַק איז, האָב איך פריער ניט געוואוסט. ערשט דאָרטן האָט מען מיר דערקלערט, אַז ער האָט אַ גרויסן נאָמען אין דער „וויסענשאַפט דעס יודענטומס" און ווערט געשעצט אויך אין דער יידישער געבילדעטער און וויסנשאַפטלעכער וועלט ניט נאָר ווי אַ גרויסער גע־לערנטער, נאָר אויך ווי אַן אמתער אוהב ישראל: דער עיקר פאַר זיין וויסנשאַפטלעכן קאַמף אַנטקעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און די אָנפאַלן אויף דער תלמודישער ליטעראַטור. זיין פּאָלעמיק אַנטקעגן ראָלינגן, — דעם דייטשן ליטאָסטאַנסקי, — האָט געמאַכט אַ טיפן רושם אויף דער קריסטלעכער וועלט. ווען יידישע געלערנטע פּאַרטיידיקן דעם תלמוד, האָט דאָס ניט אַזאַ באַדייט, ווי ווען דאָס טוט אַ ניט־ייד, בפרט אַזאַ געלערנטער און נאָך דערצו אַזאַ טיף־גלייביקער קריסט, ווי פּראָפעסאָר שטראַק.

איז דער פּאָרשלאָג, זיך צו באַקענען מיט אים מיר זייער געפעלן גע-וואָרן. ביים אַוועקגיין האָבן זיי מיר געגעבן שטראַקס אַ קליינע בראָשור.

דער גרונט־געדאַנק פון דער בראָשור — איך געדענק איצט ניט איר נאָמען, — האָט ביז אַ געוויסן גראַד זיך באַוועגט אין דערזעלביקער ליניע, וואָס מיין ענטפער דעליטשען. די בראָשור האָט זיך געווענדט ניט צו „געבילדעטע יידן", נאָר צו גלייביקע קריסטן. זי האָט געפירט דעם באַ־ווייז, אַז קריסטנטום איז יידישער מעסיאַניזם און אַז איינער פון די וויכ־טיקסטע יסודות זיינע דאַרף זיין דער גלויבן, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט

זיך ווידער אומקערן אין זיין לאַנד ארץ ישראל, ווי אַ פריי פאָלק, ווי פון גאָט אַן אויסדערוויילט פאָלק. די אַרגומענטאַציע איז ווידער געווען אַ ריין־טעאָלאָגישע: מיט „בפירושע פסוקים" פון דעם אַלטן און דעם נייעם טעסטאַמענט האָט דער מחבר געפּרואווט אַריינהאַמערן אין דעם באַוואוסט־זיין פון דער קריסטלעכער וועלט, אַז די „גאולה שלימה" פון דעם יידישן פאָלק אין ארץ ישראל מוז זיין אַ צענטראַלער אני־מאמין פון דער קריסט־לעכער אמונה. עס איז אָבער מיט קיין וואָרט ניט אָנגעטייט געוואָרן, אַז דאָס דאַרף אויך זיין די פּראַקטישע אויפגאַבע פון די קריסטלעכע פעלקער, וואָס ווילן לעבן און זיך באַטעטיקן, לויט די געבאָטן פון זייער גלויבן, ווי איך האָב דאָס אַרויסגעבראַכט אין מיין ענטפער דעליטשן.

איך בין דעריבער געווען זייער געשפּאַנט, באַקאַנט צו ווערן מיט שטראַקן און קלאָרער צו ווערן וועגן זיין בליק אויף דעם ענין.

91

מיט פראָפעסאָר הערמאַן שטראַק

לויט דעם אָפּרייד, האָב איך מיך באַדאַרפט באַגעגענען מיט פּראָפעסאָר שטראַק אין דער אוניווערסיטעט. געבראַכט אַהין האָט מיך אַ יונגערמאַן פון אַ גאַנץ סימפּאַטישן אויסזען. אויפן וועג האָבן מיר זיך פונאַנדערגערעדט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ ייד, וואָס האָט שוין אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. דאָס האָט מיך אַביסל אַ שטאָך געטאָן, להיפוך צו מיין גאַנצן קריסטלעך־פריינטלעכן איינשטעל. איך געדענק ניט וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט אויפן וועג. זיכער וועגן יידנטום און קריסטנטום. איך געדענק נאָר, אַז אַ קעגן־אַרגומענט זיינעם האָט ער גענומען פאָרמולירן מיט די ווערטער: „אָבער זיי זאָגן דאָך...״

מיט „זיי״ האָט ער געמיינט די קריסטן. און דאָס וואָס ביי אים לעבט נאָך דער אונטערשייד צווישן „זיי״ און אים, איז מיר ווידער געווען ניט צום האַרצן.

שטראַקן האָבן מיר געטראָפן, ווען ער האָט געעפנט די טיר פון זיין אוידיטאָריע, ביים אַרויסגיין פון דער לעקציע. דער יונגערמאַן האָט מיך פאָרגעשטעלט און איז אַוועק. ווען די סטודענטן האָבן אָפּגעליידיקט די אוידיטאָריע, זיינען מיר ביידע אַריין אַהין.

שטראַק האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסטערליש גוטן איינדרוק. נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, — ווינציקסטנס, לויט דעם אויסזען. אַ בלאָנדער, אַ שאַרף קורצזיכטיקער. אָנגעטאָן זייער פּשוט, כמעט אָרעמלעך. אַ סך אינטעליגענטע אַרבעטער, מיט וועלכע איך בין געווען באַקאַנט, קליידן זיך בעסער און „לייטישער״ פאַר אים. ווען ניט די דיקע ברילן אויף זיין פּנים, וואָלט איך אים ניט געקאָנט אונטערשיידן פון מיינע פּראָלעטאַרישע חברים. קיין סימן ניט פון אַ „פּראָפעסאָראַלן״ הילוך.

איך האָב אים איבערגעגעבן מיין ביכל „מיסלי״ און דערציילט אים, אַז איך האָב מיט גרויס אינטערעס דורכגעלייענט זיין בראָשור וועגן דער יידישער צוקונפט. שטראַק האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט איצטער קיין צייט ניט פאַר אַ לענגערן געשפּרעך. אגב, דאַרף ער פריער

באַקאַנט ווערן מיט דעם אינהאַלט פון מיין שריפט. איצטער איז ער נאָר אַ קליינע ווילע פריי, איז — וואָס וואָלט ער עפּעס געקאָנט טאָן פאַר מיר?

דער פריינטלעכער אָנבאָט איז פאַר מיר געווען אינגאַנצן אומדערוואַרט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וואָלט געוואָלט קאָנען אַרבעטן אין דער „קעניגלעכער״ ביבליאָטעק און באַזוכן, ווי אַ פרייער צוהערער, לעקציעס אין דער אוניווערסיטעט וועגן ענינים, וואָס אינטערעסירן מיך.

די אַרבעט אין דער ביבליאָטעק קאָן ער אַראַנזשירן טאַקע באַלד, אָבער באַזוכן לעקציעס איז אין בערלין ניט קיין גרינגע זאַך. עס איז דאָ ניטאָ אַזאַ מין, ווי „פרייע צוהערער״ („וואָלנאָ-סלושאַטעלי״). דאָ מוז מען זיך אימאַטריקולירן, און פאַר דעם לויפנדיקן סעמעסטער איז דאָס שוין צו שפּעט. אָבער ער וועט זען, וואָס עס לאָזט זיך מאַכן. על־כל־פנים אויף זיינע לעקציעס לאָדט ער מיך שוין איין, אויב איך האָב אַן אינטערעס צו זיי. ער לייענט אַן „איינלייטונג אין דעם תלמוד״ און אַן אַנאַליז פון אַ זייער אינטערעסאַנטן העברעאישן ספר: „חיזוק האמונה״, אַ פּאָלעמיק אַנטקעגן קריסטנטום.

מיט אָט דעם ספר, ווי בכלל מיט דער ליטעראַטור פון דער יידישער פּאָלעמיק אַנטקעגן קריסטנטום, בין איך דעמאָלט געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. איך האָב זיין איינלאַדונג צו באַזוכן זיינע ביידע קורסן אָנגענומען מיט דער גרעסטער דאַנקבאַרקייט.

— און דערווייל לאָמיר ניט פאַרלירן קיין צייט! לאָמיר אַריבערגיין אין דער ביבליאָטעק, איינאָרדענען אייער אַרבעט.

מיר זיינען געגאַנגען אַהין, ווי צוויי נאָענטע חברים. אַזוי פיל פריינטלעכקייט, מענטשלעכע פּשטות און וואַרעמקייט האָב איך נאָך ניט באַגעגנט אין דער פרעמד. עפּעס „טאָלסטאָיאַניש״־אַלטרואיסטישעס האָט דעמאָלט געשטראַלט פון אים.

אין דער ביבליאָטעק האָט ער מיך פאַרגעשטעלט צו עפּעס אַ באַאַמטן, האָט מיך פאַררעקאָמענדירט, האָט מיר דערלאַנגט עפּעס צום אונטערשרייבן, און, אָפּזעגנענדיק זיך, איז ער איילן אַוועק. דער באַאַמטער האָט מיר באַוויזן, ווי צו באַשטעלן ביכער, צו ווענדן זיך צו ווענדן נאָך אינפאָרמאַציעס, און מיט אַ שטענדיקן איינטריטס-קאַרטל בין איך אַריין אין דעם גרויסן ליכטיקן לייען-זאַל. איך האָב מיך אויסגעזוכט אַ פּלאַץ לעבן אַן אָפענעם פענצטער מיט דער אויסזיכט אויף דעם בולוואַר „אונטער דען לינדען״. אַ זומערדיקע, „יום-טובדיקע״ זון האָט

געלויכטן אין דרויסן. עס איז מיר טאַקע געווען גאָר יום־טובדיק אויפן האַרצן...

וואָס פאַר אַן אונטערשייד צווישן די צוויי געלערנטע: דעם הויכ־מוטיקן, גדלנותדיקן „דאָקטאָר א. בערלינער", וואָס קוקט אויף דיר אי־בערן אַקסל, שטייענדיק מיטן רוקן צו דיר, און דעם גרויסמוטיקן, ליב־פריינטלעכן פּראָפעסאָר שטראַק, וואָס באַגייט זיך מיט דיר אַזוי מענטש־לעך־וואַרעם, ווי צו זיינעם אַ גלייכן: דער שמאַי־טיף און דער הילל־טיף אין דער געלערנטער וועלט.

איך האָב גענומען אַרבעטן אין דער ביבליאָטעק און באַזוכן שטראַקס לעקציעס. אין יעדע קורסן איז ער געווען דער טיפער געלערנטער, דער גרינטלעכער קענער פון דער העברעאישער שפּראַך און פון דער אַלט־העברייאישער, ווי אויך דער שפּעטער יידישער קולטור־געשיכטע. אויך אויף אַ פּאָר אַנדערע לעקציעס אין דער אוניווערסיטעט האָב איך געקאָנט זיין אַ צוהערער. איך האָב אויסגעקליבן אַדאָלף באַסטיאַנס „אַלגעמיינע עטנאָלאָגיע" און עבינהאַוזעס „עסטעטיק". מיט וואָס עס האָט מיך פון העלער הויט פאַראינטערעסירט אַזאַ, אייגנטלעך, דעמאָלט גאָר פרעמדער ענין פאַר מיר, ווי די „עסטעטיק", געדענק איך איצטער ניט. אָבער באַסטיאַנס „עטנאָלאָגיע" איז געלעגן דירעקט אויף דער ליניע פון מיינע טעאָרעטישע אַרבעטן אויף דער „נאַציאָנאַלאָגיע", ווי איך האָב אָט דעם וויסנס־צווייג אַ נאָמען געגעבן נאָך אין פּעטערבורג. און דערצו — דער נאָמען באַסטיאַן. דאָס איז דאָך דער זעלבער אַדאָלף באַסטיאַן, וועמעס ווערק „דער מענטש אין דער געשיכטע" איז מיר רעקאָמענדירט געוואָרן פון סלאָבימסקין, וואָס איך האָב שוין גרינטלעך געשטודירט אין וויטעבסק, אַריינגעמענדיק אין זיך די שפע פון דעם פאַקטישן מאַטע־ריאַל און פון די באַלייכטנדיקע אַלגעמיינע געדאַנקען, אָבער אויך מיט שווערקייט דורכקריכנדיק די לאַנגע, האַלפּערנדיקע זאַצן.

באַסטיאַנס קורס האָב איך באַלד געמוזט פאַרלאָזן. שוין ביי דער ערשטער לעקציע, וואָס איך האָב באַזוכט, איז געווען זיכער, אַז איך וועל ווייניק וואָס וויכטיקעס אַרויסטראָגן פון אים. אין אַ גרויסער, גראַמער אוידיטאָריע פאַר אַ פּאָר הונדערט סטודענטן זיינען געזעסן אויף די פאָ־דערשטע בענק זיכער ניט מער ווי אַ צענדליק יונגעלייט. פון די אַנ־דערע בענק האָט געגענעצט אַ שטומע וויסטעניש. איך האָב מיך אַוועק־געזעצט אויף אַ ליידיקער פאָדערשטער באַנק.

עס איז אַריין דער פּראָפעסאָר: אַן אַלטינקער, מיט אַ גרויער באָרד און אַ דאַרן פאַרמעטענעם פּנים. ניט־קוקנדיק אויף דעם וואַרעמען

זומער-וועטער, איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ דיקן שוואַרצן מאַנטל און אַ וואָלענעם שאַליק אויפן האַלדז. שפּעטער האָט מיין פאַנטאַזיע צוגע־מאָלט צו אָט דער פיגור אַ פּאָר טיפע קאַלאָשן און אַ גרויסן בלויען רעגנ־שירעם אונטערן אָרעם. עס איז באמת געווען אַן עסטעטישער פעלער, וואָס אין דערווירקלעכקייט האָבן געפעלט אָט די ביידע אַקסעסואַרן.

דעם פּראָפעסאָר האָבן די סטודענטן באַגריסט מיט אַ לייכטן שאַרן מיט די פיס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול, אויף דער קאַ־טעדער, ניט אַן־פאַס צו די סטודענטן, נאָר מיטן פּראָפיל, און האָט גענו־מען עפּעס פּרעפּלען. מיין אויער האָט געקאָנט אויפכאַפּן נאָר אַזוינע ווערטער ווי „טימבוקטו”, מאַלאַבאַר” און ענלעכע געאָגראַפישע נעמען. די סטודענטן האָבן משמעות פּאָרט פאַרשטאַנען זיינע רייד, אין וועלכע זיי האָבן זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. די ווייטער־דיקע לעקציעס האָבן מיר ניט געקאָנט געבן קיין בעסערע רעזולטאַטן, און איך האָב אויפגעהערט זיי צו באַזוכן.

אַ גאַנץ אַנדער איינדרוק האָב איך אַרויסגעטראָגן פון עבינגהאַוזן. זיינע לעקציעס זיינען געווען גלענצנדיק אין דעם פולסטן זין פון דעם וואָרט. און אויך אַ גאַנץ אַנדערע אַטמאָספערע האָט געהערשט אין דער געפּאַקטער אוידיטאָריע. שוין די פיגור פון דעם לעקטאָר — אַ הויכער, שטאַלטנער ברונעט, אָנגעטאָן אין אַ פראַק, ווי אויף אַ באַל; דער עלע־גאַנטער האַלטן זיך, שטייענדיק ביי אַן עמוד — דאָס אַלץ האָט גריילעך געפּאַסט צו דעם ענין פון זיין קורס — די עסטעטיק. און נאָך מער האַרמאָניע מיט דעם ענין איז געווען די אַרט פון זיין הסברה, דער אַנאַליז פון די עסטעטישע „איינפיהלונגען” אין די אָדער יענע דאַטן פון די דרויסנ־דיקע חושים: ליניעס, קלאַנגען, פאַרבן. עס איז באמת געווען אַן עסטעטישער תענוג צו הערן אים.

אויף איינער פון שטראַקס לעקציעס איז שטראַק צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך געבעטן קומען צו אים אַהיים, אין אַ בערלינער „הינטערן שטאָט”, געדענקט זיך, אין ליכטערפעלדע.

איבער דעם גאָרטן פון זיין זומער־הויז זיינען מיר אומגעגאַנגען אין אַן ערנסטן און לאַנגן געשפּרעך. איך בין געווען טיף איינגעליבט, אַז „יידנטום” און „קריסטנטום” זיינען ביידע, לויט זייער אינעווייניקסטן, וואָרצלהאַפטן תוך, איין און די זעלביקע זאַך. דער שטאַנדפּונקט איז אין מיינע „מישלי” געווען אַרויסגעבראַכט גאַנץ קלאָר פאַר יעדן איינעם, וואָס וואָלט זיך געוואָלט ערנסט אַריינטראַכטן אין אים. דעם שטאַנדפּונקט

האָט אויך פּראָפעסאָר שטראַק אַרויסגעשפּירט אין מיין שריפט און האָט אים, אַנטקעגן מיין פאַרטיידיקונג, שאַרף און עקשנותדיק באַקעמפּט.

„יידנטום און קריסטנטום אַלץ איינס?״ — בשום אופן ועניין ניט! זיי זיינען ווייט איינס פון דעם אַנדערן כרחוק מזרח ממערב! דאָס לעצטע וואָרט פון זיין אַרגומענטאַציע איז געווען: „אַ קריסט איז נאָר דער, וואָס גלייבט באמונה שלימה, אַז ישו איז געשטאָרבן אויפן קרייץ, איז אויף דעם דריטן טאָג ווידער לעבעדיק געוואָרן און איז אַרויף אויפן הימל״. ווער עס קאָן ניט אָננעמען אָט דעם גלויבן, קאָן ניט זיין קיין קריסט. די ראַציאָנאַליסטישע פּשטלעך האָבן ניט קיין ווערט. די פּראָבלעמען פון דעם לעבן אויף דער וועלט — די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע — זיינען, אמת, זייער וויכטיק, אָבער פאַר דעם קריסט האָבן זיי נאָר דעמאָלט אַ באַטייט, ווען זיי וואַקסן פאַר אים אַרויס פון דעם גלויבן אין ישוס איבערנאַטירלעכקייט און אומשטערבלעכקייט, ווי אַ פּערזאָן. מיט לאָגישע אַרגומענטן קאָן מען צו אַזאַ אַבסאָלוט־זיכערן גלויבן בשום אופן ניט קומען. נאָר דער, אין וועמעס נשמה קריסטוס לעבט און וועקט אין אים אויף דעם גלויבן אין זיין איבערנאַטירלעכקייט און אומשטערבלעכקייט, נאָר דער איז אַ קריסט. כל זמן „יידנטום״ וויל ניט אָדער קאָן ניט אויפנעמען אָט דעם אַלץ אַנטשיידנדיקן גלויבן, קאָן ניט זיין קיין רייד אפילו וועגן אַ נאָענטער קרובהשאַפט פון אָט די צוויי רעליגיעזע סיסטעמען!

און בעת פּראָפעסאָר שטראַק האָט אַזוי געשאָסן מיט זיינע „אַבסאָלוטע אמתן״, איז זיין פּנים געווען שטרענג און האַרט, זיין בליק גליענדיק מיט אַ פאַנאַטישן פייערל, שיר ניט מיט אַ האַס צו יעדן איינעם, צו וועמען ישו וויל ניט אַרויסווייזן זיין גענאַד, וויל ניט אַריינטרעטן אין דער נשמה און אויפפלאַקערן אין איר דעם גלויבן אין אים. אָט ווי ביי דעם אַפּאָסטל פּאָול: „מיר פּריידיקן דעם געקרייציקטן — אַ חוזק פאַר די העלענען און אַן ערגעריניש פאַר די יהודים . . . ״

אַ גאַנץ אַנדער שטראַק! ניט דער ליבער מענטש אין דעם פּערזענלעכן אויפטראַג, ניט דער אָביעקטיווער, טיפער געלערנטער אויף דער קאַטעדער און אין זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק — אַ מיטלאַלטערלעכער פאַנאַטישער קאַרדינאַל איז געשטאַנען פאַר מיר און האָט געפלאַם־פייערט אין קנאות פאַר דער קריסטלעכער מיסטיק.

מיט אַ שווערן האַרצן בין איך דעמאָלט אַוועק פון אים.

92

שאלות אָן ענטפערס

זינט איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק איז זי געוואָרן כמעט דער איינציקער אַרבעטס־פּלאַץ מיינער, וואו איך פּלעג צוברענגען גאַנצענע טעג.

אַ טייערע זאַך — די עפנטלעכע ביבליאָטעקן! דער עיקר פאַר אַזוינע פאַרשער און טעאָרעטיקער, וואָס דאַרפן שעפּן זייער רוי־מאַטע־ריאַל ניט דירעקט פון דער נאַטור, ניט אין די לאַבאָראַטאָריעס און אויך ניט פון דעם אוממיטלבאַרן מענטשלעכן לעבן, נאָר פון יענע אוצרות מענטשלעכן וויסן און מענטשלעכן שאַפן, וואָס זיינען שוין אַריינגעטראָגן געוואָרן אין די גייסט־שפּייכלערס, אָפענע פאַר יעדן איינעם. געניס מאַרך־שפּייז וויפיל דיין האַרץ גלוסט, וויפיל דיין מוח פאַרלאַנגט. גראָב זיך טיפער אַריין אין יעדן פּראָבלעם, וואָס האָט דיך פאַרכאַפּט. און אויב דו געפינסט, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק האָט נאָך ניט אַרויסגע־בראַכט יענעם ענטפער, וואָס קאָן דיך שטעלן צופרידן, ווייסטו, אַז אין די שפּייכלערס ליגן נאָך אָנגעזאַמלט האַלב־פאַרטיקע פּראָדוקטן, פון וועל־כע דו וועסט אפשר זיין ביכולת אַליין אַרויסצודיסטילירן דעם ענטפער.

אַ טייערע זאַך — די עפנטלעכע ביבליאָטעקן — מיינע אמתע הויך־שולעס און אוניווערסיטעטן! שוין אין דער פּעטערבורגער קייסערלעכער ביבליאָטעק האָב איך געהאַט דעם פאַרגעפיל, אַז דער וואָס האָט נאָר אַ לעק מאַרך אין זיין שאַרבן און דאַרף ניט אָנקומען, לויט זיין ספּע־ציאַליזירטקייט צו קיין עקספּערימענטן און וויסנשאַפטלעכע אָבסערוואַ־ציעס אין דער נאַטור, נייטיקט זיך אויך ניט אין די אָפיציעלע לערן־אַנשטאַלטן און די אָפיציעלע פּראָפעסאָרן.

דאָס אייגענע האָב איך געשפּירט אין דער בערלינער ביבליאָטעק. אויך דאָ קאָן מען אויסקומען אָן די פּראָפעסאָרן, אפילו ווען זיי זאָלן זיין אַזוי גלענצנדיק און מאַגנעטיש, ווי דער פּראָפעסאָר עבינגהאַוז אין זיין „עסטעטיק" — דער ערשטער מכשף אויף דער קאַטעדער, מיט וועלכן איך האָב מיך דעמאָלט באַקענט.

ס'איז אמת: אַ גוטער פּראָפעסאָר לערנט ניט נאָר דעם ענין גופא, נאָר אויך ווי אַזוי צו געפינען די וועגן, וואָס פירן צו דער אויספאָרשונג פון דעם ענין, און די מעטאָדן ווי אַזוי צו באַהערשן דעם שטאָף. דאָס פאַרשפּאָרט אַ סך בלאָנדזשעענישן און איבעריקע זוך-אַרבעט. אָבער אויך אַן דעם פּראָפעסאָרס הילף קאָן מען — נאָך אייגענע בלאָנדזשענישן און גרייזן — אַרויף אויף אַ גוטן וועג, אַן אַליין אַרויסגעפונענעם.

דו ביסט פון די „ותיקין"-לייט. קומסט אין דער ביבליאָטעק גאַנץ פרי. אָבער שוין גייען מיט דיר אינאיינעם צו דער טיר נאָך אַ פּאָר „מנינים" מענטשן. און ווען איר זייט אינעווייניק, ערשט עס זיצן שוין צעוואָרפן איבער דעם גאַנצן זאַל נאָך אַן אַנדער פּאָר מנינים. דיין געווינלעכער פּלאַץ איז נאָך ניט פאַרנומען. דו לייגסט אַוועק דיין פּאָרט-פעל אויפן טיש ביי דיין פּלאַץ און גייסט גלייך ברענגען צוריק די ביכער פון נעכטן און באַשטעלן נייעם מאַטעריאַל. און ווען דו קומסט צוריק אויף דיין פּלאַץ, ערשט דער גרויסער זאַל איז שוין כמעט אַ דריטל אָנגעפילט. דו ביסט פאַרטאָן אין דיין אַרבעט, ווייסט ניט פון קיין מידקייט און קיין הונגער.

צייטנווייז וואַרפסטו זיך צוריק אין דיין שטול, קוקסט ערגעץ-וואוהין פאַרטראַכט, און כאַפּסט זיך פאַר דער פּען, צי דער בליי-פּען, און שרייבסט וואָס האַסטיק אַריין אין דיין נאָטיץ-העפט. און וואַרפסט זיך ווידער צוריק און ווערסט ווידער פאַרטראַכט און דו מערקסט ניט, אַז עס איז שוין געוואָרן טונקל. פּלוצלונג ווערסטו אויפגעוועקט פון אַ ים-ליכט, עלעקטרישן ליכט, ווי פון אַ שטילן שאָס פון אַ שטילן האַרמאַט. דו קוקסט זיך אַרום, ערשט דער גאַנצער זאַל איז אָנגעפּראָפט מיט מענטשן, פּאַרזונקענע אין דער „גייסטיקער סובסטאַנץ" אַזוי ווי דו: סאָלדאַטן, אָפיצירן און אפשר אויך גענעראַלן פון איין איינציקער אַרמיי — אַט דער וואָס פירט דעם גייסטיקן קאַמף פון דער מענטשהייט אין אַלע זיינע ריכטונגען און פאַרצווייגונגען, אַ קאַמף, פּונקט אַזאַ וויכטיקן, ווי דער קאַמף מיט דער נאַטור, וואָס ווערט געפירט אויף די פעלדער, אין די גערטנער און אין די וואַרשטאַטן, אַ קאַמף זיכער אַ הייליקן, על כל פּנים ניט אַזאַ אומווירדיקן, מנובלדיקן און בלוט-דאָרשטיקן, ווי דער קאַמף אויף די שלאַכטפעלדער, פון וועלכן די אָפיציעלע היסטאָריקער מאַכן אַזאַ וועזן.

און דו ביסט איינער פון אַט דער אַרמיי, אין דעם גייסטיקן קאַמף: אַ סאָלדאַט, צי אַן אָפיציר, צי אַ גענעראַל — וועמעס דאגה דער טיטל און דער ראַנג?

מיין פּלאַץ אין דער קעניגליכער ביבליאָטעק אין בערלין איז געווען לעבן אַ פענצטער, מיט דעם אויסבליק אויף דעם שיינעם בולוואַר „אונ־טער דען לינדען". איינמאָל אין אַ פאַרמיטאָג האָב איך פאַרטראַכטער־הייט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. אַ קאַוואַלקאַדע אוניפאָרמירטע רייַ־טער — זעקס־זיבן זייערע — האָט צוגעגאַלאָפּירט און זיך אָפּגעשטעלט פונקט אַנטקעגן אונדזער ביבליאָטעק. צווישן די רייטער — אַ יונגער מאַן מיט בלאָנדע וואָנצעלעך.

— אונדזער יונגער קייזער! — האָט מיר אַ פּרעפל געטאָן מיין שכן פון לינקס. אויך אַ פּאָר אַנדערע „שכנים" פון אונדזער טיש האָבן גע־וואָרפן אַ האַסטיקן בליק אויף דער גרופּע רייטער און ווידער אַריינגע־טאָן זייערע אויגן אין די ביכער.

אַ מאָדנער געפיל האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב ניט געקאָנט אָפּרייסן מיין בליק פון „אונדזער יונגן קייזער", וואָס האָט עפּעס גערעדט צו די אַנדערע רייטער און אונטער וועמען זיין פערדל האָט זיך אומרו־איק געדרייט, אָט ברענגענדיק דעם קייזערס פּנים דירעקט אַנטקעגן מיין בליק, אָט ווענדנדיק אים צו די רייטער. ערשט ווען די קאַוואַלקאַדע איז אַוועק, בין איך געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער, שוין ניט וועגן דעם ענין, וועלכן איך האָב געשטודירט.

„קייזער ווילהעלם דער צווייטער" איז דעמאָלט נאָך געווען אין די פּליטער־וואַכן, צי פּליטער־חדשים, פון זיין קיניגן, און גערעדט האָט מען, אַז ער איז ניט אַזאַ רעאַקציאָנער, ווי זיין קאַנצלער ביסמאַרק. פונדעסטוועגן איז ער דאָך געווען איינער פון „מיינע שונאים" . . . מייַנער אַ „בלוט־שונא" — אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן מיט ליבלעכע וואָנצעלעך (זיי זיי־נען דעמאָלט נאָך ניט געווען טייוולאָניש צוגעשפּיצט אַרויף, ווי צוויי שפּיזן). פּאָרט ער זיך אַרום פּראַנק און פריי מיט זיינע קאַמעראַדן איבער „זיין" בערלין. ניטאָ קיין פּאָליציי, וואָס זאָל לויפן אויף אָפריער און מאַכן אַ וואַרע און האַלטן דעם עולם אויף אַ היפשער דיסטאַנץ פון „זיין מאַיעסטעט". ניטאָ קיין עולם, וואָס זאָל זיך רייסן קוקן אויף אים און שרייען „הוראַ!". און ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז ווער עס איז פון די הונדערטער טויזנטער רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן — אַן אַרבעטער צי אַן אינטעליגענט — זאָל זיך פּלוצלונג אונטערגנבענען און אַ וואַרף טאָן אַ באָמבע און פאַרוואַנדלען דעם קייזער מיט זיין גאַנצער סוויטע, און מסתמא אויך זיך אַליין, אין אַ מאַסע בלוטיקע פּיצלעך פלייש.

דעם אמת גערעדט, איז מיר זייער געפעלן געווען, וואָס אין בערלין זיינען טעראָריסטישע אַקטן אוממעגלעך; וואָס קיינער גרייט זיך ניט

צו זיי און קיינער טראַכט ניט וועגן דעם. געוויס איז שוין דעמאָלט, ווי אויך נאָך פריער אין רוסלאַנד, געווען פאַר מיר קלאָר, אַז דער טעראָריזם איז באַרעכטיקט — ווי אַ כלי־זיין אין דעם פּאָליטישן קאַמף, און נאָר אַנטקעגן דעספּאָטישע הערשער, וואָס פאַרגוואַלטיקן די פרייהייט פון דער פּערזאָן, וואָס הענגען מענטשן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אַ פּראָקלאַמאַציע, אָדער וואָס שטערן בכלל דער פרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע פון אידייען און אידעאַלן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אונטער דער צאַרישער הערשאַפט אין רוסלאַנד.

אָבער איז דען אין דעם לעצטן פּרט אַ סך בעסער אין דייטשלאַנד? וויפיל סאָציאַלדעמאָקראַטן ווערן פאַרפאָלגט פאַר אַריבערשמוגלען איבער דער גרענעץ די שריפטן פון דער ריין־פרידלעכער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע! וואו איז די גרענעץ — די מאָראַל־פּאָליטישע גרענעץ — וועלכע מען טאָר ניט אַריבערטרעטן אין דעם טעראָריסטישן קאַמף? מוז די פאַרגוואַלטיקונג פון דער ריין פרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע, פון דער רעדע־ און פאַרזאַמלונגס־פרייהייט, זיין געשיצט מצד אַ קעמפער פאַר פרייהייט, אויב זי, אַט די פאַרגוואַלטיקונג, ווערט דורכגעפירט ניט פון אַן איינצלנעם דעספּאָט, נאָר פון אַ גאַנצן פאָלק, דורך דער מאַיאָריטעט פון זיינע פאַרטרעטער אין אַ פּאַרלאַמענט?

האָט ניט יעדע פּערזאָן, וואָס ווערט פאַרגוואַלטיקט אין איר פרייהייט, פרידלעך צו פאַרשפּרייטן אירע אידייען — האָט זי ניט אַ כשרן מאָראַלישן רעכט צו ווערן זיך, צו באַשטראָפן די באַדריקער מיט די שאַרפסטע מיטלען, וואָס זי קאָן געברויכן? אָדער איז עס טאַקע פון אַ מאָראַלישן שטאַנדפּונקט גאָר קיין שאלה ניט? דער יושר איז אפשר אינגאַנצן אויף דער זייט פון דער פּערזאָן. די פראַגע איז נאָר דעמאָלט, צי עס לוינט זיך פּאָליטיש צו פירן אַ ריין רעוואָלוציאָנערן קאַמף — זאָל זיין אַ טעראָריסטישן — דאָרטן, וואו עס איז אָפן דער וועג פאַר אַ ריין פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף, אין אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג מיט אַן אַלגעמיינעם וואַלרעכט?

וואָס איז דער ווערט פון אַ דעמאָקראַטיש־פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים? האָט ער אַן אַבסאָלוטן ווערט אין זיך גופא?

אין די פראַגן וועגן דעם ענין פון פּאָליטישער פרייהייט זיינען מיר — איך מיין די נאַראָדאָוואָלצן פון מיין דור און פון מיין ריכטונג — זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט די ליבעראַלן גראָד אין דעם פּונקט פון דעם „אַבסאָלוטן ווערט". די סאָציאַליסטן פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ" ביז צו דעם אויפקום פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" זיינען געווען אויסגע־

שפּראָכענע קאָנסעקווענטע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן דעם פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים געלייקנט אַבסאָלוט, ווי יעדע פאָרם פון אַ שטאַטלעכער איבער־הערשאַפט. דערנאָך האָבן די נאַראָדאָוואָלן אויפגעהויבן אַ ריין פּאָליטישן קאַמף, מיט דער פאָדערונג: „לאָזט אונדז פרידלעך פּראָפּאַגאַנדירן אונ־דזערע סאָציאַליסטישע אידעאַלן". שפּעטער איז די באַרעכטיקונג פון דעם פּאָליטישן קאַמף געזוכט געוואָרן אין דער אידייע פון דעם „פּאָלקסווילן". רופט צונויף אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג! האָט דער „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט" געפאָדערט אין זיין בריוו צו אַלעקסאַנדער דעם דריטן. אוי בדאָס פאָלק וועט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זיך אַרויסזאָגן פאַר דעם צאַרישן רעזשים, גיבן מיר אויף דעם טעראָריסטישן קאַמף.

נאָך שפּעטער — שוין אין די יאָרן, ווען איך האָב מיך באַוואוסט־זיניק באַטראַכט פאַר אַ „נאַראָדאָוואָל" — איז דער פּאָליטישער קאַמף, ווייניקסטנס ביי אַ טייל נאַראָדאָוואָלן, צו וועלכן איך האָב מיך געציילט — באַרעכטיקט געוואָרן מיט דעם ציל — צו פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט, כדי תיכף אָפּצושאַפן ניט נאָר דעם צאַריסטישן רעזשים, נאָר אויך דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים און ערשט דערנאָך צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, כדי אויסצואַרבעטן די אַלגעמיינע יסודות פון אַ נייעם סאָציאַליסטישן לעבן.

דער רוסישער סאָציאַליזם האָט ביז אַהער, דאָס הייסט ביז טיף אין די אַכציקער יאָרן, ניט באַטראַכט די פּאָליטישע פרייהייט, כנוסח מערב־איראָפּע, ווי אַ ווערט אין זיך גופא. אָדער — האָבן מיר געמאַכט אַ טעות אין חשבון? זיינען אפשר די ליבעראַלן גראָד אין אָט דעם פּונקט געווען גערעכט?

אַזעלכע און ענלעכע פראַגן פלעגן אָפט אויפקומען ביי מיר אַ דאַנק דעם אָדער יענעם איינצלנעם איינדרוק, אָדער אַ דאַנק דער אַלגעמיינער ספערע פון אַ פּאָליטיש־פרייהייטלעכן לעבן, אין וועלכער מען האָט זיך באַוועגט.

פאַר אַ רוס, וואָס האָט נאָר-וואָס פאַרלאָזן די ממשלה פון „דערזשי־מאָרדאַ" (שטשעדרינס אַ טיפּ און אַ סימבאָל פון דעם רוסישן פּאָליציי־רעזשים), האָט די פרייהייטלעכע ספערע פון מערב-איראָפּע געמוזט ציען די וואָג אויף דער זייט פון יענעם אָפּשאַץ, וועלכן דער ליבעראַליזם האָט געגעבן דעם פּראָבלעם פון דער פּאָליטישער פרייהייט. אויב דאָס איז ניט געשען אין דעם קלאָרן געדאַנק, האָט זיך דאָס ביסלעכוויז איינגע־שטעלט אין דער שטימונג און אין דעם געפיל.

אין דעם געדאַנק אָבער איז דער ענין געווען זייער ווייניק קלאָר. די אויבנגעבראַכטע שאלות פלעגן אויפקומען, ווי צוגעפלויגענע, און פלעגן באַלד ווידער אַוועקפליען, ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער און ניט מאָנענדיק אים.

די גאַנצע קלאָרקייט וועגן דעם ענין איז ביי מיר אויסגעאַרבעט געוואָרן ערשט אַ סך שפעטער אין שווייצאַריע.

93

די גליקלעכע מאָמענטן פון מיין לעבן

איין מעלה האָט דאָס שטודירן אין אַן אוניווערסיטעט איבער די אַבּ־סאָלוט פרייע אַרבעטן אין אַ ביבליאָטעק. אין אַן אוניווערסיטעט גייט מען אין שפּאַן. אונטער דער פירונג פון גוטע פּראָפעסאָרן לערנט מען זיך אויס צו זיין סיסטעמאַטיש, מעטאָדיש און — דער עיקר — גע־וואוינט מען זיך איין צו דעם גאָר שווערן ענין פון צמצום, פון איינגע־גרענעצטקייט אויף באַשטימטע ענינים, וואָס זיינען היפּש אַרומגעצאַמט. די אויפגאַבע איז דערביי — באַקאַנט צו ווערן מיט אַ באַשטימטן טייל פון יענעם גייסטיקן אוצר, וואָס דער מענטשלעכער גייסט האָט שוין אָנ־געזאַמלט וועגן דעם אָדער יענעם ענין. און דאָס דאַרף געשען אין אַ באַשטימטער, מער אָדער ווייניקער ענג־אָפּגעמאָסטענער צייט. צמצום, סיסטעם און מעטאָדע זיינען די וויכטיקסטע באַדינגונגען פאַר דאָס, וואָס מען רופט איצטער דאָ אין אַמעריקע „עפישענסי", פּרוכפּערקייט און גע־רעטעניש אויף די פעלדער פון דעם ריין־וויסנשאַפטלעכן פאָרשן.

דער לאָזונג פון אַ סיסטעמאַטישן שטודירן איז דאָס אַלט־לאַטיינישע „מולטום, נאָן מולטאַ", וואָס מען קאָן איבערזעצן מיט „פול, ניט פיל". בעסער אייניקע ענינים און זיך אָנגעזאַפּט מיט זיי פול, איידער פילע ענינים און פון יעדן נאָר צוביסלעך. עס קאָן אויך מיט אַ געוויסער וואַריאַציע געזאָגט ווערן מיט די ווערטער אין פּרק: „תפסת מרובה לא תפסת": כאַפּסטו זיך פאַר פילע זאַכן, האָסטו פון קיין זאַך ניט אין אַ פולער מאָס.

ערשט ווען מען האָט אין אַן אוניווערסיטעט דורכגענומען אייניקע ענינים אין יענער פולער מאָס, וואָס ווערט פאַרלאַנגט פון דעם תלמיד, גיט מען אים, אָדער ער קלייבט אַליין אויס, אַ קליין שטיקל פעלד, גיכער אַ קליינע בייט אין אַ גאָרטן, ער זאָל עס אַליין באַאַרבעטן און צוטראָגן אויך זיין קליינעם חלק צו דעם שוין אָנגעזאַמלטן אוצר.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס אָבער מיט אַ „פריי־מאַיאָר" אין אַ רייכער ביבליאָטעק. דאָ גייט ער ניט אין שפּאַן. דאָ איז ער מער געגליכן צו

אַ „פּרא למוד מדבר״, — אַ יונג, ווילד לאָשעקל, וואָס טראָגט זיך מיט ברייט־פונאַנדערגעעפנטע נאָזלעכער איבער אַן אומבאַגרענעצטן מרחב, קערנדיק זיך און ווענדנדיק זיך, לויט דעם אייגענעם טעאָרעטישן קאַפּ־ריז, אָפּטמאָל יאָגנדיק זיך נאָך אַ געדאַנקלעכן מיראַזש, וואָס פאַרשווינדט פּלוצלונג, ווען מען מיינט, אַז אָט־אָט דערגרייכט מען אים.

די געפאַר, וואָס לויערט אויף אַזאַ מין גייסטיקן אַרבעטער, איז דער דילעטאַנטיזם, די אויבערפלעכלעכע באַקאַנטשאַפט מיט שיר ניט אַלץ אין דער וועלט און די אָרעמע דערקענטעניש פון אַ וועלכער עס איז איין־איינציקער זאַך. זעלטן ווען עס גיט זיך אויף אָט דעם וועג איין צו דערגרייכן אַ השלמה אין „פול און פיל״.

אָט די געדאַנקען זיינען מיר איצטער אַרויף אויפן זינען, ווען איך האָב געטראַכט וועגן מיינע טעאָרעטישע אַרבעטן אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק אין בערלין, מיט די טראַכטונגען און איבערטראַכטונגען וועגן זיי. איך האָב אָנגעשטרענגט מיין זכרון צו דערמאָנען זיך, וועלכע ביכער איך האָב געשטודירט און צוליב וואָס. און פּלוצלונג טראָגט ער מיר אונטער, מיין זכרון, אַ בוך, וועגן וועלכן איך האָב קיינמאָל ניט גע־טראַכט, זינט איך האָב עס צום לעצטן מאָל געהאַלטן אין מיינע הענט. אויך זיין אינהאַלט האָב איך לאַנג פאַרגעסן, הגם די אינפאָרמאַציעס, וואָס איך האָב געשעפּט פון אים, האָבן זיכער זיך אַריינגעלעבט אין דעם געוועב פון מיין וויסן. אָבער איך זע איצטער קלאָר פאַר זיך דעם פאָרמאַט פון דעם בוך, דעם דרויסנלעכן אויסזען פון זיינע זייטלעך, ווי ער ליגט אַן אָפענער פאַר מיר אויפן טיש, און ווי איך קוק אַ פאַרטראַכטער דורכן אָפענעם פענצטער אויף דעם בולוואַר פון „אונטער דען לינדען״.

דער מחבר פון דעם בוך איז איינער אַ ד״ר פּוניער, און דער ענין זיינער איז — „די געשיכטע פון פּעסימיזמוס״. און איך טראַכט איצטער: פאַרוואָס האָב איך באַשטעלט דאָס בוך? וואָס האָט מיך אַ צי געטאָן גראָד צו אָט דעם ענין? האָב איך אַליין דעמאָלט דורכגעלעבט פּעסי־מיסטישע שטימונגען? איך בין זיכער, אַז ניט. מיין דעמאָלטיקער זיין אין בערלין, — דער עיקר, נאָכדעם ווי וויערא איז געקומען צו מיר, — האָט געהערט גראָד צו די גליקלעכסטע צייטן אין מיין לעבן, אָנגעפילטע מיט די פאַרשיידנאַרטיקסטע, קאָלירפולסטע איבערלעבונגען, סיי אין דעם ענג־פּערזענלעכן „סעקטאָר״ זיינעם, סיי אין דעם איבער־פּערזענלעכן „סעקטאָר״ — דעם אַרומטראָגן זיך אין דער רחבות פון דער מענטשלעכער געדאַנקען־וועלט, ווי אויך אין דעם פאַרזונקען ווערן דאָ און דאָרט אין איינער פון אירע טיפן.

גראַד אַט דער „סעקטאַר" פּאַראַמתט טשערנישעווסקיס אויסגעשריי אין זיין „טשטאָ דיעלאַט ?" : „אַנטוויקלונג, אַנטוויקלונג ! וויפיל תענוגים פאַר דעם אַנטוויקלטן מענטשן !" אַ שלל ! איך שטעל מיר איצטער פאַר דאָס בילד פון דעם ווילנער גאון, ווי ער זיצט אין אַ צימער מיט פאַר־מאַכטע לאָדנס און „לערנט" טאָג און נאַכט אָן אָן אויפהער, ביי דעם קאַרגן ליכט פון אַ לאָמפּ, און וויל ניט וויסן פון דער גאַנצער דרויסנדיקער וועלט, אפילו ניט פון זיינע נאָענטסטע קרובים, — אַ גערייצטער, ווען מען „רייסט אים אָפּ" אומגייטיקערהייט פון זיין אַזוי רייכער וועלט אין די האַלב־טונקעלע דלד אמות פון דעם חדר־מיוחד. דאָס איז מסתמא געוועז ניט די פרומקייט אַליין, ניט דאָס וועלן מקיים זיין בשלימות די מצוה פון „והגית בה יומם ולילה". אָט דער ווילן אַליין איז מסתמא געוועז אַ פּראָדוקט פון יענעם גרויסן און טיפן תענוג, וואָס איינער האָט, ווען ער גיסט זיך איינגאַנצן צונויף מיט אַ רוחניות, מיט אַ געדאַנקען־וועלט, ווען עס אַנטפּלעקן זיך פאַר אים אירע סודות, איין סוד נאָך דעם אַנדערן, און מען שפּירט, ווי אין דעם אייגענעם געמיט הייבן אָן שלאָגן קוואַלן פון דעם אייגענעם שאַפן, וואָס רייסן זיך צו געפינען אַן אויסדרוק אין אַ קלאָר־פאַרמולירטן געדאַנק : אַ תענוג, וועלכן מען וויל ניט פאַרבייטן פאַר כל הון דעלמא.

דאָס איז דער זעלבער גרויסער און רייכער תענוג, וואָס אויך אַ קאַרל מאַרקס האָט מסתמא דורכגעלעבט, ווען ער פלעגט טעג נאָך טעג פאַר־ברענגען אין דער לאָנדאָנער קעניגלעכער ביבליאָטעק, נישטערנדיק אין די פאַרשטויבטע ביכער.

בשום אופן וויל איך מיך ניט פאַרגלייכן מיט יענע צוויי אויסטערליש־גרויסע יידישע גאונים. אָבער, „פּראָפּאָרסיאָן גאַרדעע", האָב אויך איך ניט איינמאָל אין מיין לעבן פאַרזוכט פון אָט דעם חשובען מענטשלעכן גליק. און פאַרוואָס זאָל איינער, וואָס האָט געהאַט דעם מזל איבערצולעבן די תענוגים פון דער ריין גייסטיקער וועלט, ניט וועלן, אַז יעדער איינער, זאָל קאָנען אַריינגיין אין אָט דעם גן-עדן העליון, זאָל קאָנען זיך מתענג זיין פון דעם „זיו השכינה", וואָס לייכט אין אים ? פאַרוואָס זאָל דערביי ניט אויפקומען נאָך שאַרפער דער פּראָטעסט אַנטקעגן אַזאַ געזעלשאַפט־לעכער אָרדענונג, ווי רויבט אַוועק ביי די אַרבעטאַרישע מיליאָנען די מעג־לעכקייטן צו יענעם מעגלעכן גליק ? און פאַרוואָס זאָל ביי אים ניט גע־שטאַרקט ווערן דערביי דער מוט און דער פאַרלאַנג צו קעמפן פאַר אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אין וועלכער עס זאָלן פאַר קיינעם ניט שטיין קיין באַריערן און צאַמען אויף די וועגן צו איינעמס „גן־עדן העליון" אויף

דער וועלט, אין וועלכער אַלע וועגן צו אים זאָלן שטיין פריי און אָפן פאַר יעדן איינעם?

ניין, פון אַ וועלכן עס איז פעסימיזם האָב איך דעמאָלט בשום אופן ניט געליטן. גיכער פון אַן איבערטריבענעם אָפּטימיזם. אָבער מיין פען האָט איצטער, ווען איך שרייב דעם קאַפּיטל זכרונות, דוכט מיר, אַליין מיך דערפירט צו דעם ענטפער אויף דער שאלה, פאַרוואָס מיך האָט פּלוצלונג פאַראינטערעסירט ד״ר פוניערס „געשיכטע דעס פעסימיזמוס״. דאָס האָט געמוזט שטיין גראָד אין דער נאָענטסטער שייכות מיט מיינע געדאַנקען וועגן דעם סאָציאַליזם און דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד.

אין דער היים האָט אין דעם יאָר 1888 אַלץ נאָך געהערשט דער חושך פון דער רעאַקציע. די יוגנט האָט זיך נאָך אַלץ געריסן אין וועגן, וואָס פירן אַוועק פון דעם קאַמף, וואָס גיבן ניט נאָר אַ הכשר, נאָר אַ פולע באַרעכטיקונג צו אַנטלויפן וואָס ווייטער פון אים. צו יענע וועגן האָט אין דער ערשטער ליניע געהערט דער שאָפּענהאַוער־האַרטמאַנשער פּעסי־מיזם, וואָס גראָבט אונטער דעם יסוד גופא פון דעם קאַמף פאַר אַ העכערן מענטשלעכן גליק, ווייל אין תוך איז דאָך אַזאַ זאַך ווי „גליק״ גאָר ניט בנמצא, ווייל אין תוך איז דאָס ניט מער ווי אַ פאַרפירערישער מיראַזש.

די גויט, טעאָרעטיש צו באַקעמפן אָט דעם שאַרפסטן אידייאישן פיינד פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, האָט, — ווי מיר לייגט זיך דאָס איצטער אויפן שכל, — דיקטירט דעם אינטערעס צו געווינען אַ קלאָרערע השגה וועגן דעם ענין „פעסימיזם״. באַקרעפטיקט ווערט אָט די היפּאָטעזע מיינע דורך אַ פאַר פאַקטן.

ווען וויערא האָט געדאַרפט קומען צו פאָרן קיין בערלין, האָב איך זי געבעטן, זי זאָל מיר ברענגען די רוסישע איבערזעצונג פון שאָפּענהאַוערס קלאַסישן ווערק פון דעם מאָדערנעם פעסימיזם: „די וועלט אַלס ווילע אונד פאָרשטעלונג״. משמעות, איך האָב מיך דעמאָלט נאָך ניט געקאָנט פאַר־לאָזן אויף מיינע קענטענישן אין דער דייטשער שפּראַך, איך זאָל קאָנען איינבייסן דעם דייטשן אָריגינאַל.

און נאָך אַ פאַקט. מיין ערשטער „עפנטלעכער״ אַרויסטריט אין שווייַ־צאַריע איז געווען מיט אַ רעפעראַט וועגן דער יונגער רוסישער פּאָעזיע פון נאַדסאָן, מינסקי און מערעזשקאָווסקי, אַ פּאָעזיע, אַ דורכגעזאַפּטער מיט דעם גייסט פון דעם פעסימיזם. מיר וועט מסתמא אויסקומען צו רעדן שפּע־טער אַ ביסל מער וועגן יענעם אַרויסטריט, וואָס איז געשען אין דעם זעלביקן יאָר 1888. דאָ נאָר — די באַמערקונג, אַז איך האָב מיך געמיט אין אָט

דעם רעפּעראַט אויפצודעקן די פּסיכאָלאָגיע פון דער דעמאָלטיקער רוסי־שער יוגנט און האָב געברויכט, ווי אַ שליסל צו איר די ספּעציעלע באַדינגונגען פון דעם רוסישן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

וואָס מער איך פאַרזינק מיך אין די זכרונות וועגן מיין דעמאָלטיקן לעבן אין בערלין, אַלץ קלאָרער ווערט פאַר מיר, אַז מיין נאָמאַדישער אַרומוואַנדלען אין דעם מרחב פון דער מענטשלעכער געדאַנקען־וועלט איז פאָרט ניט געווען קיין קאַפּריז פון אַ „פרא למוד מדבר”. דאָס איז געווען אַ נישטערן איבער די פאַרשיידנסטע ראַדיאוסן פון מיין האָריזאָנט. זיי אַלע האָבן ווי שטראַלן זיך געצויגן פון דער צענטראַל־זון, וואָס האָט באַהערשט מיין גאַנצן לעבן, וואָס האָט אויך באַשטימט זיין גאַנג און אויסגעמאַכט זיין אינעווייניקסטן זין: די צענטראַל־זון פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

זיכער זיינען אין בערלין פאַרזייט געוואָרן די קערנדלעך פון מיין שפּעטערדיקן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן וועלט־באַנעם, ווי אויך די קערנדלעך פון מיינע ריין־טעאָרעטישע אַרבעטן: דער עיקר וועגן דעם אויפקום און דעם ריכטיקן באַטייט פון דעם מאַרקסיזם.

94

נאָך אַ קאַפּיטל זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט

דעם זומער 1888, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין בערלין, מוז איך צורעכענען צו די וויכטיקסטע פעריאָדן פון מיין לעבן. אין יענער צייט זיינען איינגעפלאַנצט געוואָרן קערנדלעך, פון וועלכע עס זיינען אַרויסגע־וואַקסן אַ היפּש ביסל פון יענע טעאָרעטישע אַרבעטן, וואָס האָבן מיך נאָכדעם יאָרן־לאַנג באַשעפטיקט. צווישן די קערנדלעך זיינען אויך געווען אַזוינע, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו די פּראָבלעמען פון דעם סאָציאַל - רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד און צו די אויפגאַבן פון דעם יידישן סאָציאַליזם.

ספּעציעל בנוגע רוסלאַנד האָבן זיי, — איך מיין נאָך אַלץ טאַקע יענע קערנדלעך, — שפּעטער אַרויסגעבראַכט יענעם סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן איינשטעל, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פאַר דעם פּראָגראַם פון די ערשטע „סאָציאַליסטן - רעוואָלוציאָנערן", ווען זיי האָבן זיך אין דעם יאָר 1893 אָרגאַניזירט, אויך דורך מיין באַטייליקונג, אין אַ באַזונדער „פאַרבאַנד" („סאָיוז"). דער פאַרבאַנד איז אַרויף אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג, — אַ פאַר־שיידענעם סיי פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", סיי פון דער מאַרקסיסטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. די נייע ריכטונג האָט דורך שווערע אידייאישע קאַמפן, סיי אין אויסלאַנד, סיי אין רוסלאַנד, זיך סוף־סוף דערשלאָגן צו דער מדרגה פון אַ באַדייטנדיקער היסטאָרישער קראַפט, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען: „די פּאַרטיי סאָציאַליסטן - רעוואָלוציאָנערן".

אַ צענטראַלע ראָלע אין דער געדאַנקען-וועלט פון דער פּאַרטיי האָט געשפּילט איר שטעלונג צו דעם אַזוי אָנגערופענעם „מאַרקסיזם". מיין ער־שטער עפנטלעכער אַרויסטריט אין שווייצאַריע, אונטער דער פאָן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", איז געווען אין דער פאָרם פון אַ העפטיקן פּאָלעמישן אָנפאַל אויף דער מאַרקסיסטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דאָ וויל איך אָנמערקן יענע אומשטאַנדן, וואָס האָבן מיך שוין אין בערלין גענומען פירן צו אַן אַנטי־מאַרקסיסטישן איינשטעל.

אין רוסלאַנד איז מיר ניט געווען באַקאַנט קיין איין סאָציאַליסט, וואָס זאָל זיך ניט האָבן באַטראַכט פאַר אַן אָנהענגער פון קאַרל מאַרקס. די

סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, די רוסישע, — סיי די לעגאַלע, סיי די אומ־לעגאַלע, — האָט מיט קיין וואָרט ניט אָנגעטייט, אַז צווישן איר און דעם „מאַרקסיזם" הערשן וועלכע עס איז ערנסטע חילוקי־דעות. מיר האָבן גע־האַט אַ גאַנץ פאַלשע, אָדער, אויב איר ווילט, אַ זייער איינזייטיקע און אױ־בערפלעכלעכע פאָרשטעלונג וועגן דעם ענין. אויף וויפיל איך קאָן מיך דערמאָנען, איז ביז צו פּליעכאַנאָווס אַרויסטרעטן, ווי אַ „מאַרקסיסט", קיינעם ניט אַרויף אויפן זינען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אַבסאָלוט נייער „וועלט־אָנשויאונג", מיט אַן אין זיך איינגעשלאָסענעם „וויסנשאַפט־לעכן" סיסטעם, וואָס שטעלט זיך אַוועק אין אַ קעגנזאַץ צו אַלע הערשנ־דיקע וועלט־אָנשויאונגען און ריכטונגען אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנ־קען־וועלט.

אָבער אויך אין פּליעכאַנאָווס רוסישע אַרבעטן, וואָס זיינען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן ביז צום סוף זומער 1888, וואו דער „מאַרקסיזם" איז שוין פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרן, ווי אַ באַזונדער פּאַן פאַר דער רוסישער רע־וואָלוציאָנערער אינטעליגענציע, איז מיט קיין וואָרט ניט גערעדט געוואָרן וועגן אַ באַזונדערער מאַרקסיסטישער וועלט־אָנשויאונג — ווער רעדט נאָך וועגן אַ „פּראָלעטאַרישער". קיין וואָרט ניט וועגן אָט די נייעסן — ניט אין זיין „סאָציאַליזם און דער פּאָליטישער קאַמף", ניט אין זיין „אונדזערע חילוקי דעות" („נאַשי ראַזנאָגלאַסיאַ").

נאָך מער: אין דער געשיכטע פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד האָט געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע דער קאַמף צווישן די „באַקוניסטן", — די אָנהענגער פון דעם אַנאַרכיסט באַקונין, — און די „לאַווריסטן", — די אָנהענגער פון פּעטער „לאַוראָוו". אָט דער אידייאי־שער קאַמף אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער וועלט איז געווען אַ מאָ־דיפיקאַציע פון יענעם אידייאישן קאַמף, וואָס האָט דעם מערב־איראָפּעאישן סאָציאַליזם צעשפּאָלטן אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן: די אַנאַרכיסטישע „באַקוניסטן" און די „מאַרקסיסטן". לאַוראָוו, דער טעאָרעטישער פירער פון דער רוסישער יוגנט אין די זיבעציקער יאָרן, איינער פון די נאָענטסטע פריינד פון מאַרקסן און ענגעלסן, איז אין יענעם מערב־איראָפּעאישן אי־נעווייניקסטן קאַמף געשטאַנען אויף דער זייט פון די מאַרקסיסטן אַנטקעגן די באַקוניסטן. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס אין יענער צייט, ד"ה, ביז כמעט דעם סוף פון די אַכציקער יאָרן, זיינען פאַר רוסלאַנד „מאַרקסיזם" און „לאַווריזם" געווען היינו הך. אַזוי אַרום איז די הערשנדיקע ריכטונג אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט אויך אין רוסלאַנד געווען די „מאַרקסיסטישע".

וואָס האָבן מיר, אָט די אַלע רוסישע, אַזוי־צו זאָגן, „מאַרקסיסטן" פאַרשטאַנען פון דעם מאַרקסיזם ? אין וואָס האָבן מיר געזען דעם גרויסן אויפטו פון קאַרל מאַרקס ? זיכער : אין זיין וויסנשאַפטלעכער באַגרינדונג פון דעם סאָציאַליזם. אָבער, וואָס האָבן מיר געמיינט, ווען מיר האָבן גע־רעדט אָדער געטראַכט וועגן יענער „וויסנשאַפטלעכער" באַגרינדונג ? בשום אופן ניט אַ באַזונדער „מאַרקסיסטישן", צי „דיאַלעקטיש־מאַטעריאַ־ליסטישן", צי גאָר „פּראָלעטאַרישן" וועלט-באַנעם.

אין דער ערשטער ליניע איז דער סאָציאַליזם פאַר אונדז אַלעמען געווען אַ סאָציאַל־עטישער אידעאַל. און געמיינט האָבן מיר, אַז דאָס איז ער אין דער ערשטער ליניע, ד"ה, אין דעם ריכטיקן עצם, געווען אויך פאַר קאַרל מאַרקסן. מאַרקסעס אויפטו איז לפי דעם באַשטאַנען דערינען, וואָס ער האָט אונטערגעבויט אונטער דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אַן עקאָנאָמיש וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט ; וואָס ער האָט אין זיין הויפּט־ווערק, „דאָס קאַפּיטאַל", דערלאַנגט אַ טויט-קלאַפּ דער בורזשואַזער פּאָליטיש־עקאָנאָמי־שער וויסנשאַפט, אַנאַליזירנדיק די יסודות פון דעם קאַפּיטאַליסטישן רע־זשים און אויפווייזנדיק, ווי אַזוי און פאַרוואָס עס קומט פאַר די עקספּלואַ־טאַציע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און ווי אַזוי און פאַרוואָס אָט די עקס־פּלואַטאַציע מוז אין אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזשים אַלץ מער און מער שטייגן, אַריינוואַרפנדיק אַלץ גרעסערע מאַסן אין אַן אַלץ טיפערן אָפּגרונד פון עלנט, נויט און מאָראַלישער פאַרווילדערונג, וועגן וועלכער מאַרקס האָט ניט געקאַרגט מיט ביישפּילן פון דעם לעבן אין דער קאַפּיטאַליסטישער ענגלאַנד.

דער רוסישער מאַרקסיזם ביז צו פּליעכאַנאָווס אַרויסטריט האָט דער־פון געצויגן דעם סאָציאַל־עטישן שלוס : מען מוז וואָס גיכער אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. און אָפּשטעלן אים מוז מען בפירוש דורך אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

זיכער האָט קאַרל מאַרקס אין דעם „קאַפּיטאַל" געהאַט אַ גאַנץ אַנדער אויספיר : דאָרטן איז געווען די רייד ניט וועגן דעם סאָציאַל־עטישן „מען מוז", נאָר וועגן דעם געשיכטס־פילאָסאָפישן „עס וועט". די אַנט־וויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם וועט בלי ספק, אומפאַרמיידלעך פירן דערצו, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט אויף די העכסטע שטופן פון זיין אַנט־וויקלונג אויפגעריסן ווערן און פאַרביטן ווערן אויף אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. און ווען דאָס וועט געשען, וועט זיך דעמאָלט אַרויסווייזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט־אָרדענונג האָט דורכגעמאַכט דריי אַנטוויקלונגס־פּעריאָדן : דעם ערשטן פּעריאָד, פון קליינע, זעלבסטשטענדיקע אַרבעטאַרישע

באַלעבאַטישקייטן; דעם צווייטן פעריאָד, וואָס איז אַן „אָפּלייקענונג" (אַ „נעגאַציע") פון דעם ערשטן, ווייל ער צעשטערט די קליינע זעלבסטשטענדיקע פריוואַט-באַלעבאַטישקייטן און פאַרוואַנדלט זיי אין קאָלאָסאַלע פריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, וואָס נעמען אַוועק דאָס גאַנצע אייגנטום אויף די געצייג און די פּראָדוציר־מיטלען ביי די אַרבעטאַרישע מאַסן און קאָנצענטרירן זיי אין ווייניקע, פריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע הענט. דער דריטער פעריאָד, דער סאָציאַליסטישער, ווען ער וועט זיין אַריינגעטראָטן אין לעבן, וועט מיט זיך פאַרשטעלן די „אָפּלייקענונג" פון דער „אָפּלייקענונג" (די „נעגאַציע פון דער נעגאַציע"). ער וועט ווידער אַרויסברענגען די פאַראייניקונג פון דעם אַרבעטער מיט זיינע פּראָדוציר־געצייג און מיטלען, אָבער שוין אויף אַ העכערער שטופע: ניט אויף דעם באַזיס פון פריוואַט־אייגנטום, נאָר אויף דעם באַזיס פון געזעלשאַפטלעכן אייגנטום, ד"ה, פון סאָציאַליזם.

האָבן מיר אַט דעם אויספיר, דעם דיאַלעקטישן און געשיכטס־פילאָסאָפישן, גאָר ניט געמערקט, בעת מיר האָבן געשטודירט „דאָס קאַפּיטאַל"?

אי יע געמערקט, אי ניט געמערקט.

קודם ווערט דער דיאַלעקטיש־געשיכט־פילאָסאָפישער פּועל־יוצא אַרויסגעזאָגט צום סוף פון דעם ווערק אין אַ פּאָר בלעטלעך, צי גאָר שורות. עס איז אַ געשיכטס־פילאָסאָפישע באַלייכטונג פון אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך שוין היפּש אַנטוויקלט אין מערב-אייראָפּע, — אין איין לאַנד מער, אין איין לאַנד ווייניקער. דער לאָגישער תמצית דערפון איז, אַז ווען אַ לאַנד איז שוין אַרויף אויף דעם וועג פון אַ שטאַרקער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וועט דאָס לאַנד געשלעפּט ווערן ביז אַט צו דעם דיאַלעקטישן סוף. אין דעם „קאַפּיטאַל" איז אָבער אין ערגעץ ניטאָ ניט קיין שאַרף־קלאָרער אַרויסזאָג, און נאָך ווייניקער אַ באַוויז, אַז אַלע לענדער מוזן אומפאַרמיידלעך אַרויפגיין אויף דעם זעלביקן וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

רוסלאַנד איז אין די זיבעציקער יאָרן בפירוש נאָך ניט אַרויף אויף יענעם וועג. איז ממילא געווען נאַטירלעך פאַר דעם רוסישן סאָציאַליסט, ער זאָל מאַכן דעם אויספיר, אַז די אויפגאַבע פון דעם סאָציאַליזם אין רוסלאַנד באַשטייט דערין, וואָס גיכער דורכצופירן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. אַט די רעוואָלוציע דאַרף פאַרשפּאָרן רוסלאַנד דעם יסורים־וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואו דאָס פאָלק ווערט צוגעשלאָגן צו דעם קרייץ מיט אַ בלוטיקער דערנער-קרוין אויף דעם קאָפּ, וואו ער שטאַרבט עקאָנאָמיש און שטייט דערנאָך אויף און הייבט זיך אויף

אין די הויכע הימלען, — אין די הימלען פון אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט.

און עס זיינען געווען נאָך אַנדערע טעמים פאַרוואָס מיר האָבן דעם אייגנטלעכן „מאַרקסיזם״ ניט געמערקט אין דעם „קאַפּיטאַל״ און פאַרוואָס יעדערער פון אונדז האָט געהאַט אַ רעכט צו רעכענען זיך פאַר אַ „מאַרק־סיסט״. דעם „טעות אין פשט״, אין וועלכן מיר האָבן געלעבט בנוגע דעם מאַרקסיזם, האָב איך ערשט גענומען שפּירן אין בערלין.

95

דער מאַרקסיזם טרייבט צו ריינער פילאָסאָפיע

אין בערלין איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן דער „טעות אין פשט", וועלכן די רוסישע סאָציאַליסטן פון מיין דור, וגם אני בתוכם, האָבן געמאַכט וועגן דעם מאַרקסיזם. הגם מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט גערופן „מאַרק־סיסטן", האָט אָבער יעדערער פון אונדז געהאַט אַ רעכט צו באַטראַכטן זיך פאַר אַן אָנהענגער פון דער מאַרקסיסטישער שיטה, ווייל מיר האָבן אין די אונדז באַקאַנטע ווערק פון קאַרל מאַרקס געזען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די באַגרינדונג פון אונדזער סאָציאַל־עטישן אידעאַל מיט די מיט־לען פון דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, ווי אויך די אויפקלערונג וועגן די נויטווענדיקסטע יסודות פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אָבער אונדזער „מאַרקסיזם" און דער אמתער מאַרקסיזם זיינען אין תוך געווען צוויי געדאַנקען־וועלטן, וואָס שליסן איינע די אַנדערע אויס. בפרט איז דאָס געווען אמת בנוגע צו יענער נאַראָדאָוואָלישער געדאַנקען־וועלט, וואָס איז געווען די הערשנדיקע פאַר מיין דור רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, און דער עיקר איז דאָס געווען אמת בנוגע יענער נאַראָדאָוואָלישער ריכ־טונג, צו וועלכער איך האָב מיך צוגעציילט.

דער אמתער מאַרקסיזם האָט געלערנט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אַנט־וויקלונג קאָן ניט „אַריבערגעשפּרונגען" ווערן אין קיין לאַנד (סיידן, אפשר נאָך דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וואָס וועט פאַרקומען אין די אַנט־וויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער). מיר אָבער האָבן געשטרעבט דערצו, רוסלאַנד זאָל אויסמיידן דעם יסורים־וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנט־וויקלונג.

דער אמתער מאַרקסיזם האָט געזוכט איינצושאַרפן אין באַוואוסטזיין, אַז מיט פּאָליטישע „מאַכט־פאַרכאַפּענישן" מאַכט מען ניט קיין געשיכטע. סיידן די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג אַליין טרייבט לסוף צו אַזאַ מאַכט־פאַרכאַפּעניש. מיר אָבער האָבן געלייגט אונדזערע האָפענונגען גראָד אויף דעם מאָמענט פון „פאַרכאַפּן די מאַכט" דורך דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָ־נערער פּאַרטיי, וואָס זאָל באַפרייען רוסלאַנד פון דער נויט „איבערגע־

קאָכט צו ווערן אין דעם קאַפּיטאַליסטישן קעסל" און זאָל העלפן דעם פאָלק צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

דער אמתער מאַרקסיזם זעט ניט קיין אַנדער וועג פון דער געשיכטע צום סאָציאַליזם, ווי נאָר דורך דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף אַנטקעגן דער בורזשואַזיע. דער פּראָלעטאַריאַט איז דער „אתה־בחרתנו"־קלאַס פון דער געשיכטע. מיר האָבן אין רוסלאַנד געהאַט אַ „זנב הלטאה" פון דער בורזשואַזיע און אַ „זנב הלטאה" פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און אויך אויף אים האָבן מיר געקוקט פון אויבן אַראָפּ. אונדזער „אתה־בחרתנו"־קלאַס איז באַשטאַנען אין דער ערשטער ליניע פון דער מחוץ־לקלאַסיקער אינטעליגענציע און דער עיקר פון דער אַרבעטאַרישער פּויערימשאַפט, וואָס דאַרף אַנגעפירט ווערן — ביי דעם סאָציאַליסטישן איבערבוי — פון די באַוואוסטזיניק־סאָציאַליסטישע אידעאַליסטן.

גיט־צו צו אָט די דריי הויפּט־פּונקטן נאָך מיין אייגענעם יידישן פּעקל! מיין גאַנצער יידישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם איז געווען געבויט אויף דער זיכערקייט פון אַ נאָענטן אַגראַר-סאָציאַליסטישן איבערקער, וואָס זאָל לגמרי אָפּשאַפן דעם גאַנצן ענין פון האַנדל און געלט. אויב אָבער דער אמתער מאַרקסיזם איז די שטים פון דער וויסנשאַפט; אויב רוסלאַנד מוז דורכמאַכן אַ קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, פאַלט פונאַנדער מיין גאַנצע „פּאַסטראַיקע".

און אַרום אָט די פראַגן פּרוכפּערן זיך נאָך אַ גאַנצע מחנה נאָך אַנדערע פראַגן. קאָן די „אינטעליגענציע" שפּילן אַ באַשטימענדיקע ראָלע אין דעם געשיכטלעכן פּראָצעס? וואָס איז די היסטאָרישע קראַפט פון דער מענטשלעכער גרויסער פּערזענלעכקייט, פון די אַזוי־אָנגערופענע „העלדן"? וועלכן באַטייט און וועלכע היסטאָרישע האָפט האָבן די מענטשלעכע באַוואוסטזיניקע אידייען און אידעאַלן בכלל, די מאָראַלישע אידעאַלן בפרט? וואָס איז די ראָלע פון דעם „קריטישן דענקען" און פון דער מאָראַלישער התחייבות צו דינען דעם פאָלק, אויף וועלכע דער „מאַרקסיסט" לאַווראָוו האָט געלייגט אַזויפיל וואָג אין זיינע געשיכטלעכע טעאָריעס און אין זיין סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע?

גאַנץ אָדער האַלב־באַוואוסטזיניק האָבן מיר געהאַט אונדזערע ענטפערס אויף אָט די אַלע פראַגן, אָדער לפּחות איז אונדז געווען קלאָר די געדאַנקלעכע ריכטונג, אין וועלכער די ענטפערס דאַרפן געזוכט ווערן. אויב דער אמתער מאַרקסיזם איז דער הוילער אמת דאַרפן אַלע אונדזערע ביזאהעריקע ענטפערס פּשוט אויסגעקערט ווערן מיט אַ בעזעם, ווי טרוקענע בלעטער, לאַנג אַראָפּגעפאַלענע פון דעם מענטשלעכן עץ־הדעת. זיי

מוזן דאָס אין דעם נאָמען פון דער וויסנשאַפט און אירע היסטאָרישע „געזעצן".

דער מאַרקסיזם איז „דאָס לעצטע וואָרט פון דער וויסנשאַפט". אַ ווערטעלע צו זאָגן . . . עס איז דאָך אָבער ניט גענוג צו זאָגן! וואו איז דער זאָג באַוויזן געוואָרן? און ווי אַזוי?

אָט דאָס איז געווען די צענטראַלע פראַגע, וואָס איז אויסגעוואַקסן פאַר מיר, אויף וועלכער איך האָב געמוזט זוכן אַן ענטפער אין די שווין־פאַראַנענע קוואַלן און ברונעמער פון דער מאַרקסיסטישער געדאַנקען־ריכטונג.

אָבער אין אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט געפינען אין בערלין פון מאַרקסעס און ענגעלסעס שריפטן, ווי אויך אין די ווערק פון דער מאַרק־סיסטישער ריכטונג, האָב איך ניט געפונען קיין שמץ פון אַ וויסנשאַפט־לעכן באַוויז ניט פאַר דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון דער מאַרקסיסטישער געשיכטס־וויסנשאַפט, — אַז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר און דער קלאַסן־קאַמף זיינען די אויבער־האַרן פון דעם געשיכטלעכן פראָצעס, — ניט פאַר די ספּעציעלע געזעצן פון אונדזער געשיכטלעכן פעריאָד, לויט וועל־כע דער קאַפּיטאַליזם איז אַ ניט אויסצומיידנדיקער עטאַפּ אין דער גע־זעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס אַלע לענדער מוזן אויך דורכמאַכן, און אַז נאָר דורך אָט דעם עטאַפּ ווערט דער היסטאָרישער פּראָצעס געטראָגן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליזם.

און ווען איך זאָג: „אַ וויסנשאַפטלעכער באַוויז" מיין איך דאָס אין דעם זין פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט: אין דעם זין פון עמפּי־רישער, אינדוקטיווער פאָרשונג, וואָס אַנאַליזירט די געגעבענע פאַקטן, כדי פון זיי אַרויסצודעסטילירן די „געזעצן". ניט געווען, — און נאָך עד היום ניטאָ, — קיין אין אַלגעמיינע געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס זאָל אויף אַ ריין־אינדוקטיוון וועג פאַראַמתן די מאַרקסיסטישע מסקנות. ניט געווען, — און נאָך ניטאָ עד היום הזה, — קיין ערנסטע מאָנאָ־גראַפיע פאַר אַ גאַנצער עפּאָכע, — פאַר אַ ברייט־שניט פון דעם היסטאָ־רישן פּראָצעס, — צי וועגן אַ וועלכער עס איז ניט עקאָנאָמישער זייט זיינער, — פאַר אַ וועלכן עס איז לענג־שניט זיינעם, — וואָס זאָל קאָנען מאַכן דעם איינדרוק פון אַ פאַרטיפטער היסטאָרישער פאָרשונג, — אַזאַ איינדרוק, וועלכן מיר באַקומען, צ"ב, פון באָקלס אַריינפיר אין דער „גע־שיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד", אָדער פון ספּענסערס „אויפ־קום פון די פּאָליטישע אינסטיטוציעס" אין זיין סאָציאָלאָגיע. ניט געווען אפילו קיין פּרוּאוו, סיסטעמאַטיש און גרינטלעך צו באַשרייבן אַלע טיילן

פון דעם מאַרקסיסטישן בליק און קלאָר אַרויסצוברענגען די שייכותן צווישן די טיילן.

דער תוך פון דער מאַרקסיסטישער געשיכטס-פילאָסאָפיע איז איבער־געגעבן געוואָרן פון מאַרקסן אַליין אין אַ פאָרוואָרט צו זיין בוך „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע״, — וואָס איז אַ ריין־עקאָנאָמישע און ניט קיין געשיכטס־פילאָסאָפישע שריפט. אין דעם פאָרוואָרט גיט ער איבער אין צונויפגעפּרעסטע זאַצן די וויכטיקסטע טעזן פון זיין היס־טאָריע־סאָפישן „אני מאמין״, באַמערקנדיק, אַז זיי זיינען דער „שטאַנד־פּונקט״, פון וועלכן ער באַטראַכט די געשיכטלעכע פּאַסירונגען.

וואָלט דאָס געווען אַן אַנדער געלערנטער, וואָלט מען זיך דערמיט ניט געדאַרפט איבעריקס רעכענען. אַ „שטאַנדפּונקט״ ? נו — מילא. יעדערער מעג זיך האָבן זיין שטאַנדפּונקט. מיר האָבן אונדזערן. „און דאָמיט פּאַסירט״. אָבער דאָס איז קאַרל מאַרקס, אויך פאַר אונדז די גרעסטע אויטאָריטעט אין דעם וויסנשאַפטלעך־סאָציאַליסטישן געדאַנק. און כמעט די גאַנצע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע וועלט באַטראַכט דעם „שטאַנד־פּונקט״, ווי דאָס לעצטע וואָרט פון דער וויסנשאַפט. דאַרף מען אויסגע־פינען, ווי אַזוי איז ער צו דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט געקומען.

וואָס מער איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט דעם ענין, אַלץ פעסטער האָט זיך גענומען איינשטעלן ביי מיר דער געדאַנק, אַז מאַרקס איז געקומען צו זיין טעאָריע ניט אויף דעם וועג פון אינדוקטיווער פאָרשונג, — דעם וועג, אויף וועלכן דאַרווין, צ״ב, איז געקומען צו זיין טעאָריע פון עוואָ־לוציע. דער מאַרקסיסטישער וועג האָט געמוזט זיין אַ דעדוקטיווער, אַרויסברענגענדיק לאָגיש, — פון געוויסע גרונט־פּרינציפּן אַ זייער קאָמ־פּליצירטן טעאָרעטישן בנין. אָבער — פון וועלכע וויסנס־צווייגן האָט מאַרקס געשעפּט יענע גרונט־פּרינציפּן ? די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור פון יענער צייט האָט אויף אָט דער פראַגע ניט געהאַט קיין שום ענטפער. אָבער אַלץ מער און מער האָבן זיך גענומען ווייזן סימנים, אַז גאָר אַ וויכטיקע ראָלע אין יענע וויסנס-צווייגן האָט געמוזט שפּילן — אַלגעמיינע פילאָסאָפיע.

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין שוויי־צאַריע, איז אַרויס ענגעלסעס בוך „לודוויג פייערבאַך און דער אָפּשלוס („אויסגאַנג״) פון דער דייטשער קלאַסישער פילאָסאָפיע״, וואו עס ווערט באַוויזן, אַז דעם „אָפּשלוס״ האָט געבראַכט ניט פייערבאַך, נאָר קאַרל מאַרקס.

אָבער שוין אין בערלין איז, ווי איך האָב אויבן באַמערקט, פאַר מיר געוואָרן אַלץ מער און מער קלאָר, אַז מען קאָן זיך ניט פונאַנדערקלייבן

אין דעם זין, באַטייט און טעאָרעטישן ווערט פון דעם מאַרקסיזם, וואו מען ווערט ניט פריער גוט באַקאַנט מיט די אַלגעמיין־פילאָסאָפישע פּראָבלעמען פון דעם מענטשלעכן געדאַנק בכלל און פון דער פילאָסאָפישער אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד בפרט.

איז דאָס געווען אַ נייער, זייער וויכטיקער מאָמענט, וואָס האָט מיך געטריבן זיך אַריינצואוואַרפן אין אַ וויסנס־צווייג, — די אַלגעמיינע פילאָסאָפיע און איר געשיכטע, — פאַר וועלכן איך האָב פריער געהאַט גאָר אַ קנאַפּן אינטערעס. און ווי אַ צענטראַל־פיגור אין דער געשיכטע פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק האָט זיך מיט אימפּעט און קראַפט פאַר מיר אַרויסגערוקט — די פילאָסאָפיע פון עמנואל קאַנט.

צו קאַנטן האָט געטריבן דער פּראָבלעם פון דעם שאָפּענהאַוערשן פּעסימיזם, וואָס זיין פיינטלעכע שייכות צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איך האָב באַריכטעט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל: האָט דאָך שאָפּענהאַוער זיך גערעכנט פאַר דעם אמתן אויסטייטשער פון קאַנטס געדאַנקען־גאַנג. צו קאַנטן האָט געטריבן די אַלגעמיינע פראַגע וועגן דעם וועג צו אַ זיכערער מענטשלעכער דערקענטעניש. צו קאַנטן האָבן געטריבן די פראַגן וועגן דעם ווערט און דעם באַטייט פון ריין־רעליגיעזע איבערלעבונגען, מיט וועלכע איך האָב אין בערלין, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, געמאַכט, אַזוי צו זאָגן, אַ „פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט“. צו קאַנטן האָט לסוף געטריבן דער פּראָבלעם פון דעם מאַרקסיזם, ווייל קאַנט איז געווען דער פאָטער פון דעם גאַנצן נייעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער דייטשער פילאָסאָפיע, וואָס האָט שטאַרק געמוזט משפיע זיין אויף דעם אויפקום פון מאַרקסעס געשיכטס־פילאָסאָפישער שיטה.

דאַרף מען זיך אַ נעם פאַר קאַנטן, און טאַקע כדבעי. איז דאָס — פּאָלג מיך אַ גאַנג. אָבער קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען.

96

„איין מענטש איז אַזויפיל ווערט, ווי די גאַנצע וועלט"

אַז דער „מאַרקסיזם" האָט „זיך גענומען" פון דער פילאָסאָפישער אַנטוויקלונג איז פאַר מיר געוואָרן אַלץ מער און מער קלאָר. אָבער — ווי אַזוי? צו פאַרענטפערן אָט די פראַגע האָב איך געדאַרפט „גראָבן נייע ברונעמער", ווייל אין דער מיר באַקאַנטער ליטעראַטור איז ניט געווען קיין שום אָנדייט אויף דעם ענין.

די סאָציאַל-פּראָגרעסיווע וועלט אין דייטשלאַנד האָט באַטראַכט דעם „מאַרקסיזם", ווי אַ ריין וויסנשאַפטלעכן אמת, ווי, זאָגן מיר, דעם קאָפּערניקאַניזם אין דער אַסטראָנאָמיע, און האָט זיך אַזוי ווייניק געאינטערעסירט מכוח די וועגן, ווי אַזוי מאַרקס איז צו אים געקומען, פונקט ווי מיר, די עמי־הארצים אין דער געשיכטע פון דער אַסטראָנאָמיע, אינטערעסירן זיך ווייניק מיט דער פראַגע מכוח יענע וויסנשאַפטלעכע חשבונות, וואָס האָבן געפירט קאָפּערניקוסן צו דעם רעוואָלוציאָנערן איבערקער אין דער וויסנשאַפט פון זיין צייט.

דער פאַרגלייך מיט קאָפּערניקן קאָן אָבער ביי מאַרקסן ניט געפירט ווערן. „קאָפּערניקן" גלייבן מיר אויפן וואָרט, ווייל אין אים גלייבט די גאַנצע וויסנשאַפטלעכע וועלט און קיינער פרעגט אים ניט אָפּ. אויך קאָן יעדערער זיך פאַרשאַפן זיין הויפּט־ווערק און ער וועט געפינען דעם ענטפער. אין מאַרקסעס הויפּט־ווערק, „דאָס קאַפּיטאַל", איז אָבער ניטאָ קיין ענטפער אויף דעם געשיכטס־פילאָסאָפישן מאַרקסיזם, נאָר דווקא די נאָך שאַרפער אַרויסשטאַרצנדיקע שאלה. בלייבט ניט קיין אַנדער וועג: מען מוז זיך אַריבערטראָגן אין דער גייסטיקער ספערע, אין וועלכער קאַרל מאַרקס איז אויסגעוואַקסן, נאָכגיין מיט אים שריט נאָך שריט אין זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג און אויסגעפינען: פאַרוואָס און ווי אַזוי. ערשט דעמאָלט וואָלט געקאָנט אַרויסגעטראָגן ווערן אַ באַגרינדעטער משפט, וואָס מען קאָן אָננעמען דערפון (אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, דעם שטרענג-וויסנשאַפטלעך געפירטן אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפטס-פאָרם) און וואָס מען מעג אָפּוואַרפן ווי אַ פּריוואַטע סברה פון אַ געלערנטן.

בערלין, מיט איר רייכער קעניגלעכער ביבליאָטעק און אונטער די

גינסטיקע באַדינגונגען פון מיין אַרבעט אין איר, וואָלט באמת געווען דער פּאַסיקסטער פּלאַץ פאַר אַזאַ נייער וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג. מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, און סוף זומער האָב איך געדאַרפט פאַרלאָזן בערלין און זיך אַריבערפּעקלען אין אַ גאַנץ אַנדער אָרט און אַ גאַנץ אַנדער ספערע, דורכאויס ניט אַזוי גינסטיק פאַר אַזוינע ריין־טעאָרעטישע פאָרשונגען.

די „מעשה״ גופא, וואָס האָט זיך געמאַכט, וועל איך נאָך דערציילן. אָבער איידער איך פאַרלאָז בערלין, מוז איך דאָ אָנמערקן וויכטיקע פראַגן, אין וועלכע בערלין האָט מיך געטריבן צו רעווידירן מיין דאָגמאַטיש, נאָך פון דער רעוואָלוציאָנערער קינדהייט אָן, אָנגענומענעם „נאַראָדאָוואָלנטום״.

די ערשטע פראַגע איז געווען די שטעלונג צו דעם פּראָלעטאַריאַט, דער לוין־אַרבעטערשאַפט, צו דעם פּראָלעטאַרישן מהות מענטש און זיין ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אין אָט דעם פּרט איז ביי מיר געווען אַ היפּש ביסל וואָס צו רעווידירן. לויט מיין איינגעגלייבטקייט אין מיכאַילאָווסקיס וועלט־באַנעם, איז דער לוין־אַרבעטער, ווייל ניט קיין גאַנצער מענטש, נאָר אַ שטיקל מענטש, אַ ספּעציאַליזירטער אין איין איינציקער מלאכה, און מער אַ שרייפל אין אַ מאַשין, איידער אַ גאַנצער אינדיווידו, — אַזאַ מהות מענטש דאַרף, לויט מיכאַילאָווסקין, אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ סך אַ נידעריקערן פּלאַץ, איידער דער רוסישער פּויער, וואָס לעבט און ווירקט ווי אַ גאַנצער, פול־אַנטוויקלטער און כמעט ווי אַן אַלזייטיק־אַנטוויקלטער מענטשלעכער יחיד.

ווערט מען אָבער באַקאַנט מיט דעם ווירקלעכן מהות פון דעם מערב־אייראָפּייאישן פּראָלעטאַריאַט, ווי איך האָב אים געזען אין בערלין, לאָזט ער זיך ניט אַוועקשטעלן אויף אַ נידעריקערן פּלאַץ, איידער דער רוסישער פּויער, וואָס וועגן אים האָב איך, אגב, געהאַט ניט קיין סך דירעקטע איינדרוקן פון דעם לעבן, נאָר מער אַבסטראַקטע באַגריפן, לויט דער טעאָריע. אָבער אויף אַזוי פיל האָט אויך מיין גייסטיק אויג געקאָנט אָפּשאַצן, אַז ווי אַ באַוואוסטזיניקער קעמפער פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט שטייט דער מערב־אייראָפּייאישער פּראָלעטאַריער הימל־הויך איבער דעם רוסישן „מוזשיק״.

אָט די סתירה לאָזט זיך גאַנץ גוט פאַרענטפערן מיט מיכאַילאָווסקיס טעאָריע גופא. עס זיינען דאָ, לערנט ער, צוויי טיפּן פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס: איינער געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון געזעלשאַפטלעכן אַרבעט־פונאַנדערטייל, וואו יעדער יחיד ווערט אַ טייל־מענטש (אַ

שניידער, אַ פּראָפעסאָר וכו׳); דער אַנדער טיפּ איז געבויט אויף דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון יעדן יחיד צו אַ „פּאָלנעם מענטשן״, ווי מען דריקט זיך אויס אין יידיש. אָבער אַ חוץ די טיפּן זיינען נאָך דאָ די מדרגות פאַר יעדן טיפּ. דער צווייטער טיפּ איז אַ העכערער און ער הערשט נאָך אין אַלטן דאָרף־לעבן בכלל, אין דעם רוסישן דאָרף בפרט. אָבער די פּויערים שטייען אויף אַ זייער נידעריקער מדרגה פון זייער טיפּ. דער ערשטער טיפּ, — פון דער מאָדערנער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע, — איז אין עצם אַ נידעריקערער, אָבער די אַרבעטער שטייען אויף אַ זייער הויכער מדרגה פון אָט דעם נידעריקן טיפּ.

אַז דער צווייטער טיפּ איז אַ העכערער, האָט אויך קאַרל מאַרקס צו־געגעבן סיי אין זיין „קאַפּיטאַל״, סיי ספּעציעל אין זיין פּאָלעמישן בריוו אַנטקעגן מיכאַילאָווסקין. די אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון דעם יחיד וועט מוזן הערשן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. האָבן מיר זיך ניט וואָס צו קוואָפּען אויף דעם מערב־אייראָפּייאישן טיפּ, מיט זיין הויך־שטיי־ענדיקן פּראָלעטאַריאַט. דער טיפּ איז וויכטיקער, איידער די טרעפּן פון זיין אַנטוויקלונג. בלייבט טאַקע אומבאַרירט אונדזער נאַרדאָוואָלישער בליק, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע דאַרף זיין ניט צו דערלאָזן, אַז דער רוסישער דאָרף זאָל זיך פּראָלעטאַריזירן, און זען וואָס גיכער, דורך „פאַרכאַפּן די מאַכט״, דורכצופירן דעם סאָציאַליזם, אין וועלכן דער העכערער טיפּ פון מענטשלעכן פּראָגרעס וועט אויך קאָ־נען אויפגעהויבן ווערן צו אַלץ העכערע מדרגות.

אָבער גראַד אין דעם ענין פון „פאַרכאַפּן די מאַכט״ האָט דער דייטשער סאָציאַליזם אַריינגעוואָרפן אַ היפּש ביסל ספקות, וואָס האָבן געטריבן צו אַ נייעם איבערקלער. די בערלינער אַרבעטער האָבן אַלע זייערע האָפענונגען געלייגט אויף דער דעמאָקראַטיע אין איר פּאַרלאַמענ־טאַרישער פאָרם. דער מאַרקסיזם האָט ניט אָפּגעוואָרפן די „מאַכט פאַר־כאַפּניש״, אָבער נאָר בתנאי, זי זאָל געשען פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס און אויך פון אים נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט שוין זיין די „אומגעהויערע מאַיאָריטעט״ פון דער באַפעלקערונג. ביז יענער צייט — דעמאָקראַטיע. איז אפשר דער דעמאָקראַטישער וועג דער ריכטיקערער? אויב אין רוסלאַנד זאָל די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אויסקעמפן אַ פרייהייטלעכע דעמאָקראַטיע, מיט אַ גלייכן וואַל־רעכט, ווי אין דייטשלאַנד, דעמאָלט ווערט די רוסישע פּויערימשאַפט, די טרעגערין פון דעם העכערן טיפּ, גלייך דער באַלעבאָס איבערן לאַנד. די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, ווי אַ מינאָריטעט, וואָס פאַרכאַפּט די מאַכט, דאַרף דעריבער ניט האָבן קיין

אַנדערע אויפגאַבן, ווי נאָר דורכצופירן אַ פרייהייטלעכן דעמאָקראַטישן רעזשים. דעם סאָציאַליזם וועט זי קאָנען אויסקעמפן ניט ווי אַ מינאָריטעט, נאָר ווי די אָנפירערין פון דער גרויסער, דער מאוימדיק-גרויסער פויערימשער מאַיאָריטעט.

און נאָך אַ דריטער „אני מאמין" פון מיין נאַראָדאָוואָלישן גלויבן האָט געפאָדערט: „קלער מיך נאָך אַמאָל דורך!" עס האָט מיך תחילת געוואונדערט, וואָס די דייטשע אַרבעטערשאַפט טרייסלט זיך אָפּ פון יעדן טעראָריסטישן קאַמף, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זי האָט גאַנץ היפש געליטן אונטער דעם אַנטי־דעמאָקראַטישן סאָציאַליסטן־געזעץ. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס גראָד אַ טעראָריסטישער אַטענטאַט האָט געגעבן ביסמאַרקן די מעגלעכקייט דורכצופירן דעם סאָציאַליסטן-געזעץ. ווייטערע אַטענטאַטן וואָלטן אים נאָך מער פאַרשאַרפט. די איינציקע קאַמף־מיטלען זיינען געבליבן די האַלב־לעגאַלע און אומלעגאַלע פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע מיט דעם איינציקן אויסבליק ווידער צו דעראָבערן די מעגלעכקייט פון אַ פרייער, לעגאַלער אַגיטאַציע, אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אין אַ פרייהייטלעך־דעמאָקראַטישן רעזשים. דעראָבערן זי קאָן מען אָבער נאָר דורך די דעמאָקראַטישע וואַלן, דורך דעם „שטים-צעטל", וועלכן דער „סאָציאַליסטן-געזעץ" האָט ניט אַוועקגענומען ביי דער אַרבעטערשאַפט.

דער וועג פון פרידלעכער אונטערערדישער פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע איז אָבער אויך ניט אויסגעשלאָסן אין רוסלאַנד. דעם זעלבן וועג האָבן אויך אויסגעקליבן די טאָלסטאָיאַנער פאַר דעם זעלבן סאָציאַליסטישן ענדציל. וואו איז דעמאָלט די מאָראַלישע באַרעכטיקונג פאַר אַ בלוטיקן טעראָריסטישן קאַמף מיט אַזוי פיל קרבנות?

איך האָב דעמאָלט קיין אַנדער באַרעכטיקונג ניט געקאָנט געפינען, ווי נאָר אין דעם שטאַנדפּונקט פון „מיין רעכט". „איך" האָב אַ רעכט פרידלעך צו פריידיקן „מיינע" אידייען. צו רופן „מיינע" מיטמענטשן צו גיין אויף „מיין" וועג, ניט צווינגענדיק זיי, געווינענדיק מיט גוטן זייער ווילן, צו גיין אויף אים. אויב איינער שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן אָט דעם אַבסאָלוטן רעכט „מיינעם", האָב איך פון „מיין" זייט אַ רעכט אַראָפּצוראַמען אים פון וועג, אַלץ איינס מיט וועלכע מיטלען (אַזוי האָב איך דעמאָלט געטראַכט). אפילו ווען די גאַנצע וועלט וואָלט זיך געשטעלט אַנטקעגן מיר, האָב איך אַ רעכט צו מאַכן אַ תל פון דער גאַנצער וועלט אויב איך קאָן נאָר (אַזוי האָב איך דעמאָלט געטראַכט).

אַ מאוימדיק איינזייטיקער, באמת שרעקלעכער שטאַנדפּונקט! ווי

אַזוי האָב איך געקאָנט צולאָזן אַ שטאַנדפונקט, וואָס זיין איינציקער יסוד איז דער „איך“ מיט דעם „מיין“, מיט דעם אומגעהויער פונאַנדערגעבלאָזענעם פּרינציפּ פון דער „אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט“, וואָס האָט אַ רעכט אויף אַלץ, אויב זי רירט דערביי ניט אָן די זעלביקע רעכט פון דער אַנדער „אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט“?

אַ היפּש ביסל גייסטיקע שטרעמונגען האָבן מיך געטריבן צו אַזאַ שטאַנדפּונקט. קודם דער אַלטער טשערנישעווסקישער מאָראַל־פּרינציפּ פון „ליטשנאַיאַ וויגאָדאַ“: פּערזענלעכער פּאַרטייל. זיין ריין אינטעלעקטועל־עגאָאיסטישער זין האָט זיך שוין ביי מיר היפּש אויסגעוועפּט, אָבער ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „ליטשנאַיע פּראַווא“, — דאָס רעכט פון דער פּערזענלעכקייט אויף אירע אידייען, אידעאַלן און דעם אייגענעם לעבן, לויט יענע אידעאַלן. (אַלץ טאַקע בתנאי, עס זאָלן דערביי ניט אָנגעגריפן ווערן די „ליטשנאַיע פּראַוואָס“ פון די מיטמענטשן).

דערצו איז צוגעקומען מיכאַילאָווסקיס אומגעהויער געדאַנקענרייכע טעאָריע פון „קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט“ וואָס פאַרבייט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט דעם „קאַמף פאַר עקזיסטענץ“, וואָס הערשט ביי די לעבעדיקע ברואים, — אַ טעאָריע, וואָס איך קאָן דאָ ניט דערקלערן באריכות.

אָבער נאָך אַ דריטער מאָמענט איז צוגעקומען דערצו, שוין אַ ריין־פילאָסאָפישער, אָבער פאַר מיר זייער אַ וויכטיקער: שאָפּענהאַוערס בוך: „די וועלט אַלס ווילע אונד פאָרשטעלונג“, וואָס וויערע האָט מיר געבראַכט קיין בערלין אין אַ רוסישער איבערזעצונג. דער אויספיר פון דעם בוך, וואָס האָט מיך צוגעפּירט און אַריינגעפירט אין דער קאַנטישער פילאָסאָפיע, איז, כידוע, אַזאַ: די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע שטערן און פּלאַנעטן איז, ווי אַ פאָרשטעלונג, נאָר אין „מיר“. דרויסן פון מיר איז זי — „ניטשטאָ!“ — לחלוטין און לגמרי גאָרנישט.

איז דאָס זיכער געווען אַ גרויסע אײדלקייט פון מיין זייט, וואָס איך האָב ביי אַזאַ גאָרנישטיקער וועלט ניט אָפּגעלייקנט איר „רעכט אויף עקזיסטענץ“ מחוץ פון מיין פאָרשטעלונג, אָבער בתנאי, אַז מיר ביידע: „איך“ און „וועלט“ זאָלן זיין גלייכבאַרעכטיקט. איצטער וואָלט איך אָט דעם אָפּמאַך פאָרמולירט תלמודיש: „אָדם אחד שקול כנגד כל העולם כולו“ — „איין מענטש איז אַזוי פיל ווערט, וויפיל די גאַנצע וועלט“, — אַלץ איינס, צי עס איז דאָ אַזאַ גמרא, צי ניט. אויב „די וועלט“ וויל ניט אָפּהיטן מיינע רעכט, מעג איך טאָן מיט איר, וואָס איך וויל און וואָס איך קאָן.

97

ווי אַזוי מען האָט מיך „אײדל" אַרעסטירט און „פֿרײנטלעך" אַרױסגעשיקט פֿון בערלין

אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלעך האָבן מיר געזען, אַז מײַן לעבן אין בערלין האָט אַרױסגערוקט פֿאַר מיר אַ היפּש ביסל נײַע פּראָבלעמען פֿון דעם מענטשלעכן געדאַנק, אַחוץ דער יידישער געשיכטע, דער נאַציאָנאַ־ליטעטן־פֿראַגע בכלל, — דער עיקר, אין איר שײַכות צום סאָציאַליזם, — און דער פֿראַגע וועגן דער יידישער פּראָגרעסיוו-נאַציאָנאַלער ווידער־געבורט, וואָס האָבן מיך שוין פֿריער געהאַלטן אין זייער מאַגנעטישן קרײַז.

אין דער ערשטער ליניע איז דאָס געווען די שאלה, צי איז די מאַרקסיסטישע טעאָריע וועגן דעם היסטאָרישן פּראָצעס אַ וויסנשאַפֿטלעך־באַגרינדעטע טעאָריע, אָדער ניט מער, ווי אַ פּריוואַט־טעאָרעטישער שטאַנד־פּונקט ביי אַ געלערנטן, — אַ שטאַנדפּונקט, וואָס איז ניט קיין חוב פֿאַר יעדן דענקענדיקן סאָציאַליסט, און אויב נאָר אַ טעאָרעטישער שטאַנד־פּונקט, — פֿון וואַנען האָט ער זיך גענומען ביי מאַרקסן און מיט וואָס באַגרינדעט ער אים.

איך זאָג: „אין דער ערשטער ליניע". ווי איך זע איצט יענע צײַט, וואָלט מען אין פֿלוג געדאַרפֿט דערוואַרטן, מיך זאָל אין דער ער־שטער ליניע טעאָרעטיש פֿאַראינטערעסירן דער רעליגיעזער פּראָבלעם, אַ דאַנק דעם אויסטערלישן אויפֿברויז פֿון ריין רעליגיעזע געפֿילן און דערלעבונגען, וואָס זײַנען אין מיר אַרויסגערופֿן געוואָרן, אַ דאַנק פֿיקס בראָשורן וועגן זיין גלויבן אין קריסטוס, ווי אין אַ יידישן משיח; אַ דאַנק דעם וואונדערלעך־שיינעם יעזוס-בילד, וואָס איז געהאַנגען פֿאַר מײַנע אויגן, און אפֿשר אויך, אַ דאַנק דער אויסערגעוויינלעכער אויפֿגערודערט־קייט פֿון מײַן גאַנצן נערוון־סיסטעם.

דאָס איז אָבער ניט געווען דער פֿאַל. די רעליגיעזע אויפֿשיטערונג האָט זיך ביי מיר איינגעשטילט באַלד ווי איך האָב גענומען אַרבעטן אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק. משמעות, די פּראָבלעמען פֿון אונדזער

טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן ווידער געוואונען די אויבערהאַנט איבער מיס־טישע און ריין מעטאַפיזישע זאַכן. ערשט אַ סך שפּעטער איז די רעלי־גיע אויסגעוואַקסן פאַר מיר, ווי אַן אייביקער פּראָבלעם אין דער מענטש־לעכער קולטורעלער אַנטוויקלונג. אין בערלין האָט זי זיך עניוותדיק אָפּגערוקט אַן אַ זייט, איבערלאָזנדיק „מאַרקסן", ער זאָל פאַרנעמען דעם צענטראַל־פּלאַץ אין מיינע גייסטיקע אינטערעסן.

מיט דעם פּראָבלעם פון דעם מאַרקסיזם איז געווען פאַרבונדן די אַזוי האַרבע שאלה, צי מוז ניט רוסלאַנד דורכגיין דעם קאַפּיטאַליסטישן פּאַזיס פון אַנטוויקלונג, איידער זי קאָן אַרויף אויף דעם וועג צום סאָצי־אַליזם, און צי מוז ניט דער „מקח־וממכר"־לעבן, — דער הויפּט־אומגליק פון אונדזער יידיש־נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, — נאָך לאַנגע דורות האַלטן אונדז אין זיין קלעם.

מיט דעמזעלביקן מאַרקסיסטישן פּראָבלעם איז געווען פאַרבונדן די רעוויזיע פון מיין נאַראָדאָוואָליש־מיכאַילאָווסקישן בליק אויף דעם מהות פון דעם פּראָלעטאַריאַט, דער לוין אַרבעטערשאַפט, ווי אַ באַשטימטן סאָ־ציאָלאָגישן טיפּ, וואָס איז דער טרעגער פון אַ באַשטימטן דרך אין דעם גאַנג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. דאָ האָט זיך אויך אַריינגעפלאָכטן דער ענין פון: „פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע" און „מאַכט - פאַרכאַ־פּעניש".

אָבער מיט דעם אַלעמען איז אויך געווען פאַרבונדן די פראַגע וועגן דער מאָראַלישער באַרעכטיקונג פון אַ טעראָריסטישן קאַמף, זיינע אויס־זיכטן און זיינע גרענעצן.

וויקטאָר טשערנאָוו דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז איידער ער איז נאָך באַקאַנט געוואָרן מיט מיר, האָט ער ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט פּלעכאַנאָוון, אין 1899, געהערט פון אים אַ כאַראַקטעריסטיק וועגן מיר, וועלכע איך גיב דאָ איבער, אַ ביסל געקירצט:

> „פון איין זייט איז דאָס אַ גרויסער „פילאָסאָף" און פון דער צווייטער — אַ שרעקלעכער טעראָריסט . . . ווען איך טראַכט וועגן אים, מוז איך זיך דערמאָנען אָן איינעם אַ בראַנד־מאַיאָר . . . דעם דאָזיקן בראַנד־מאַיאָר האָט איר געקאָנט פּלוצ־לונג אויפוועקן ביינאַכט אין בעט, אָדער אַ קלאַפּ טאָן אים אי־בער דער פּלייצע אין אַ מאָמענט פון פאַרטראַכטקייט—פּלעגט ער תיכף אויפשפּרינגען, ווי אַ געביסענער, און עס פּלעגט פון אים אַרויסשיסן פון זיך אַליין: „שטעל אָן די קישקע! שטעל אָן!..." אַזוי אויך מיט זשיטלאָווסקין. הייבט ער אָן צוריידן וועגן טע־

ראַר, איז שווער זיך איינצוהאַלטן ניט אויסצוזינגען: „אַך, בראַנד־מייסטער! אויף דער שרפה סאַראַ דרייסטער!" (זע דאָס „זשיט־לאָווסקי-בוך" זז. 93־94).

עס געדענקט זיך, אַז אויך אין אַן עפנטלעכן פּאָלעמישן אַרויסטריט אַנטקעגן מיר, האָט פּלעכאַנאָוו אַנגעווענדט דעמזעלביקן פאַרגלייך מיט דעם „בראַנד־מאַיאָר". צי מיין אַגיטאַציע פאַר ווידער אויפנעמען דעם טע־ראָריסטישן קאַמף אַנטקעגן דעם רוסישן צאַריזם האָט טאַקע אַ ביסל אויס־געזען „בראַנד־מאַיאָריש" אין פּלעכאַנאָווס סאַטירישער באַלייכטונג, איז ניט פאַר מיר צו באַשטימען. שפּעטער האָט די „פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רע־וואָלוציאָנערן", וואָס איך בין געווען איינער פון אירע באַגרינדער, — זיך טאַקע גענומען פאַר דעם טעראָריסטישן קאַמף. דער היסטאָרישער באַדייט פון יענער „בראַנד־מאַיאָרישער" טעטיקייט ווערט אָבער פון קיינעם ניט אָפּגעפרעגט. די פּאַרטיי האָט באַרעכטיקט דעם טעראָריסטישן קאַמף דורך צוויי מאָמענטן: ער איז אומפאַרמיידלעך, לויט דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד, און ער איז צוועקמעסיק אין אָט דעם קאַמף. (די פאָרמולירונג שטאַמט פון גערשונין).

איך קאָן דאָ נאָר פאַרזיכערן, אַז דער פּראָבלעם פון טעראָר האָט סיי פאַר מיר, סיי פאַר וויעראַן קיינמאָל ניט געטראָגן דעם קאַלט־וואַסערדיקן כאַראַקטער פון דעם „בראַנד־מאַיאָרס קישקע". ס'איז געווען אַ טיפע פראַגע מיט אַ היפּש ביסל שאַרפע שפּיצן. שוין אין בערלין האָב איך גע־נומען פילן זייער שפּיציקע שטעכיקייט. און ניט מיט „אומפאַרמיידלעכקייט" און „צוועקמעסיקייט" האָבן זיי געקאָנט אָראָפּגעשליפט ווערן. עס איז פאַר מיר דעמאָלט ניט געווען קיין ספק וועגן דער צוועקמעסיקייט פון דעם קאַמף. ריכטיקער: גראָד וועגן אָט דער זייט פון דעם פּראָבלעם האָב איך כמעט ווי גאָר ניט געטראַכט. אין ספק איז געשטאַנען זיין אומפאַרמיידלעכקייט, ניט אַזוי, לויט דעם פּסיכאָלאָגיע פון דעם רוסישן רעוואָלוציאָנער, נאָר — לויט דער פּאָליטישער סיטואַציע. אויסגעוואַקסן צו איר גאַנצער גרייס איז די פראַגע וועגן דעם מאָראַלישן רעכט פון אַ יחיד, אָדער אַ גרופּע יחי־דים, אַנצואווענדן אַזאַ אַבסאָלוט אַנטי־מאָראַלישן קאַמף־מיטל, אַפילו ווען מען קויפט אויס די אין זיך גופא אַנטי־מאָראַלישע טאַט מיט דער מסירת־נפש פון דעם אייגענעם לעבן.

ווי איך האָב דערציילט אין דעם פאָריקן קאַפּיטל, האָב איך די מאָ־ראַלישע באַרעכטיקונג דעמאָלט אַרויסגעפשטלט פון קאַנטס און שאָפּענ־האַוערס דערקענטעניש־טעאָריע, לויט וועלכער די גאַנצע דרויסנלעכע וועלט, מיט איר אומענדלעכן רוים, מיט איר אומענדלעכער צייט, מיט אַלע אירע

הימלען, שטערן, זונען און פּלאַנעטן זיינען „פאַרשטעלונגען", געבוירן אין אַ מענטשלעכער דערקענטעניש. מען דאַרף ניט נאָר פאַרשטיין אַזאַ איינ־שטעל. מען דאַרף זיך אַריינלעבן אין אים, איינזען די גאַנצע וואָג פון די באַווייזן, וואָס פירן צו אים. איך האָב פון אים געצויגן דעם פּועל־יוצא, אַז יעדער „איך", אין וועלכן די דאָזיקע דערקענטעניש קומט־אויף, דאַרף באַטראַכט ווערן, לפּחות, ווי גלייכבאַרעכטיקט מיט דער גאַנצער וועלט. רירט זי אָן זיין רעכט אויף פרידלעך צו פאַרטיידיקן זיינע אידעאַלן, האָט אויך ער אַ רעכט צו באַגיין זיך מיט איר, ווי ער פאַרשטייט און ווי ער קאָן, תמיד האָבנדיק אין זינען ניט זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן, נאָר די באַפעלן פון זיין מאָראַלישן באַוואוסטזיין.

דאָס האָט מיר דעמאָלט געגעבן אי אַ מאָראַליש־רעכטלעכן באַזיס פאַר דעם טעראָריסטישן קאַמף, אי די איינגרענעצונג פון זיין באַרעכטי־קונג. באַרעכטיקט איז ער נאָר דעמאָלט, ווען אַנדערע מענטשן שניידן אָפּ פאַר דעם „איך" אַלע וועגן פון אַ פרידלעכער טעטיקייט פאַר זיינע אי־דעאַלן, וואָס טאָרן ניט איינשליסן אין זיך די אַפּלייקענונג פון דעם אַנ־דערנס רעכט אויף אויך אַזאַ פרידלעכער טעטיקייט צוליב זיינע אידעאַלן. כל־זמן עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן די פרידלעכע וועגן, אַפילו ווען זיי זיינען פול און פיל מיט שווערע שטרויכלונגען, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אונטער ביסמאַרקס „סאָציאַליסטן־געזעץ", טאָר מען פון די פריד־לעכע וועגן ניט אַראָפּ.

דאָס איז זיכער ניט קיין מאַרקיסטישער געדאַנקען־גאַנג. אָבער אַ דאַנק אים האָט די טאַקטיק פון דער דייטשער מאַרקסיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע לסוף געפונען די פולע מאָראַלישע באַרעכטיקונג אין מיינע אויגן — נאָך אַ פּונקט, וואָס האָט מיך נעענטער געבראַכט צו איר.

די מאָראַלישע באַרעכטיקונג פון דעם טעראָריסטישן קאַמף האָט גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מיין ערשטער אַגיטאַציע פאַר דער ווידער־באַ־לעבונג פון דער נאַראָדאָוואָלישער טאַקטיק.

ווי געזאָגט, האָט בערלין געשיינט צו זיין דער בעסטער פּלאַץ פאַר אַ סיסטעמאַטישער אויסאַרבעטונג פון אַלע נייטיקע טעאָרעטישע יסודות פאַר אַן עפנטלעכן אַרויסטריט. אין וועלכער פאָרם דאָס זאָל געשען, האָב איך אין ערנסט ניט געטראַכט. עס האָט זיך גלייך געלייגט אויפן שכל, אַז דאָס זאָל זיין, ווי פריער, אין דעם פאָרם פון ליטעראַרישער טעטיקייט. דאָס מאָל אָבער ניט אין דער לעגאַלער, נאָר אין דער אונטערערדישער פּרעסע, — אַ זאַך, וואָס וואָלט גרייליך מעגלעך געווען אין בערלין גופא, ווייל איך האָב מיך דערוואוסט, אַז גרויסע דרוקערייען האָבן גוט־איינגע־

אָרדנטע רוסישע אָפּטיילן. עס פּלעגט זיך אויך דרוקן אין בערלין אַ רו־סישע צייטשריפט, מיט אַ ריין טעכנישן אינהאַלט: די באַשרייבונג פון מאַשינעס, אין וועלכע די רוסישע אינדוסטריע האָט זיך געקאָנט נייטיקן, און די אַנאָנסן פון די באַטרעפנדיקע פירמעס.

אָבער אין די פּלענער פון מיין בלייבן, — לפּחות פאַר אַ לענגערער צייט, — אין בערלין האָט זיך אַריינגעמישט די פּאָליציי. ומעשה שהיה, כך היה.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, אין סוף זומער, האָט מיך אויפגעוועקט פון בעט אַ „שוצמאַן", אַ פּאָליציסט, און האָט מיך גאַנץ העפלעך געבעטן, איך זאָל זיך אויפן שטעל אָנטאָן און גלייך גיין מיט אים אין „צירקל" אַריין. האָב איך מיך ניט געלאָזט בעטן און תיכף געפאָלגט.

אין „צירקל" האָבן מיך אויפגענומען צוויי אַנדערע שוצלייט, וואָס האָבן אויך זייער איידל מיך געבעטן וואַרטן מיט זיי אינאיינעם, ביז עפּעס איינער, וואָס דאַרף מיך זען, וועט קומען. דערוואוסט זיך, אַז איך האָב נאָך ניט געהאַט קיין פרישטיק, האָט מען מיר באַלד געבראַכט אַ זייער גוטן שוואַרצע קאַווע, מיט אַ זייער געשמאַקן ווייסן ברייטל. עס איז אַריבער אַ היפּש ביסל צייט, ביז מען האָט מיך אַריינגערופן צו דעם הויפּטמאַן אין ביוראָ. ער האָט מיך העפלעך געבעטן זיצן. אויפן טיש פאַר דעם הויפּט־מאַן זיינען געלעגן וויעראַס און מיינע דאָקומענטן. דער הויפּטמאַן האָט מיך געפרעגט, מיט וואָס איך, און „פריילין פאָן לאָכאָוו" באַשעפטיקן זיך אין בערלין.

דער זייער העפלעכער טאָן האָט ביי מיר אַרויסגערופן די זיכערקייט, אַז דאָס איז ניט מער, ווי אַ פאָרמאַליטעט, איידער מען וועט אונדז אַרויס־געבן די באַוויליקונג צו וואוינען אין בערלין. איך האָב נאָך אַמאָל געזאָגט, וואָס עס איז געווען געשריבן אין מיין פריערדיקער„אָנמעלדונג": „בע-רוף — פּריוואַט געלעהרטער". איך בין אַ שרייבער און שטודיר יידישע געשיכטע אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק. איך האָב מיך אויך מסתמא באַרופן אויף פּראָפעסאָר שטראַק, וואָס האָט מיך רעקאָמענדירט צו דער פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק. מיט פריילין לאָכאָוו דאַרף איך באַלד חתונה האָבן.

אויסגעהערט מיין לענגערע דערקלערונג, האָט ער מיר געלאָזט וויסן, אַז עס טוט אים זייער לייד, אָבער איך וועל מוזן פאַרלאָזן דייטשלאַנד. אַזוי איז דער באַשלוס פון אויבן, און ער קען ניט ענדערן: די געזעצן וועגן אויסלענדער זיינען איצטער זייער שטרענג. אָבער „פריילין פאָן לאָכאָוו" קאָן דאָ פאַרבלייבן ווי לאַנג זי וויל.

דאָס האָט מיך אַ גאָס געטאָן ווי מיט קאַלט וואַסער.

וואוהין רעכן איך צו פאָרן ? — מיר רעכענען צו פאָרן קיין שווייצאַריע, — האָב איך תיכף געענטפערט.

אויב אַזוי, וועל איך דאַרפן אונטערשרייבן אָט דאָס פאַפּיר. אַזוי פיל און אַזוי פיל צייט באַקום איך אויף צו ברענגען אין אָרדענונג מיינע אַנגעלעגנהייטן.

ער האָט מיר אַוועקגעגעבן די דאָקומענטן, און איך בין אַרויס. ווען איך האָב דערציילט גענאָסע מאַיעווסקין, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט און ווי פיין און איידל די פּרייסישע פּאָליציי באַגייט זיך מיט איינעם, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. דעם ענין פון מיך משלח זיין האָט ער דערקלערט מיט די צושטאַנדן אונטער דעם „סאָציאַליסטן־געזעץ״. אָבער די אויסטערלישע העפלעכקייט האָט זיך, רעכנט ער, גענומען דערפון, וואָס מיין נאָמען איז געווען פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון „פריילין פאָן לאַכאָוו״. אַ קליינינקייט אַביסל דער טיטול : „פאָן״. ער באַטייט דאָך די צוגעהעריקייט צו דעם אַדל־שטאַנד !

דעם זעלביקן טאָג האָב איך געטעלעגראַפירט קיין ציריך, אַז מיר ביידע פאָרן אַרויס אַהין. און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר פאַרלאָזן די שטאָט, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין מיין לעבן, — דער עיקר אין מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג.

98

עטלעכע גליקלעכע וואָכן אין מיין לעבן

מיט גאָר אַ שטאַרקן אומווילן האָב איך פאַרלאָזן בערלין. די איינציקע טרייסט איז געווען, וואָס מיר פאָרן קיין שווייצאַריע, וואוהין איך האָב לכתחילה באַדאַרפט גיין. איך האָב געהאָפט, אַז אויך אין ציריך וועל איך האָבן די זעלביקע מעגלעכקייטן דורכצופירן די ריין־טעאָרעטישע אויפגאַבן, וואָס איך האָב מיר געשטעלט. און אַ שטיקל באַגריף האָב איך שוין געהאַט, ווי שווער און נאָך גאָר ניט דורכגעטראַכטן ס'זיינען אַלע יענע וועגן, אויף וועלכע איך וועל דאַרפן גיין, ריכטיקער: וועלכע איך וועל אַליין דאַרפן אויסטרעטן. אַ דאַנק דעם אויבערשטן! קיין לאַבאָראַטאָריעס מיט עקספּערימענטן, מיט אויסגראָבן אייגענעם רוי־מאַטעריאַל דאַרף איך ניט. מיין רוי־מאַטעריאַל זיינען די שוין געדרוקטע שריפטן; און זיי קאָן מען האָבן, ווי איך האָב געגלייבט, אומעטום, אין יעדן ציוויליזירטן מערב־אייראָפּייאישן לאַנד. אין דער פרייער שווייצאַריע נאָך אַ סך גרינגער, איידער אין דעם פּרייסישן בערלין.

אויסגעלאָזן האָט זיך אַ היפּש ביסל אַנדערש. עס האָט ניט געדויערט לאַנג, און איך בין צוריק אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ העפטיקן קאַמף, — אַ שאַרפן פּאַרטיי־קאַמף צווישן די נאָך פאַרבליבענע „נאַראָדאָוואָלצן״ און די אויפקומענדיקע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט גערופן „אָסוואָבאָזשדיענצעס״, ד״ה, אָנהענגער פון דער פּליעכאַנאָווישער גרופּע „אָסוואָבאָזשדיעניע טרודאַ״ („די באַפרייאונג פון דער אַרבעט״).

אַ חוץ דעם האָט געדאַרפט געפירט ווערן אַ פּשוטער עקאָנאָמישער קאַמף מיט די אומשטענדן פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ, ד״ה, פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם ניי־אויפגעשטעלטן פאַמיליען־צעלט. און אַ חוץ אָט די צוויי „קאַמפן״, וואָס האָבן ביי מיר אָוועקגענומען אַזויפיל צייט, איז אויך געווען אַ גרויסער מאַנגל אין „רוי־מאַטעריאַל״. ניט נאָר אין די ציריכער עפנטלעכע ביבליאָטעקן, נאָר אויך אין דער גאַנצער שווייץ האָבן גראָד געפעלט יענע ביכער און צייטשריפטן, וואָס זיינען געווען נייטיק פאַר מיינע אַרבעטן.

דאָס אַלץ האָט געפּירט דערצו, אַז מיין טעטיקייט האָט אָנגענומען אַן איינזייטיקע, פּראַקטיש־רעוואָלוציאָנערע ריכטונג, בעת איך האָב מיט אַלע מיינע חושים געפילט, אַז איך וואָלט געקאָנט אַ סך מער אויפטאָן אי פאַר דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אי פאַר דעם יידיש־נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף, ווען איך וואָלט דעם גרעסטן טייל פון מיין אַרבעטס־צייט געקאָנט אָװעקגעבן דער באַגרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, — פאַרבונדן מיט די פּראָבלעמען פון אַ פּראָגרעסיוון אַלגעמיינעם וועלט־באַנעם, — דעם ברייטערן אַרומנעם פון דער נאַציאָנאַליטעטן פּראַגע און דער פאַרטיפטערער פאָרשונג אין דער יידישער געשיכטע.

עד היום שפּיר איך אָט די אומגינסטיקע אומשטענדן פאַר מיין אַרבעט, וואָס האָט געקאָנט דורכפירן נאָר אַ גאַנץ קליינעם טייל פון יענע אויפגאַבן, וועלכע איך האָב מיר געשטעלט אין בערלין, און וואָס האָבן, — איך מיין דאָ סיי די אויפגאַבן, סיי די אומגינסטיקע אומשטענדן, — אויך פון זייער זייט ניט אויפגעהערט צו פּרוכפּערן זיך. דאָס רוב „דערגרייכונגען” געפינען זיך איצטער ביי מיר אין פאַרשיידענע סטאַדיעס פון זייער אויסגעאַרבעטקייט. ווער ווייסט? אפשר וועט מיר נאָך באַשערט זיין דערפירן אייניקע פון זיי צו אַ מער אָדער ווייניקער באַפרידיקנדיקן אָפּשלוס: לאָז זיין — נאָר צו אַ קלאָרער „סטאַנציע” אויפן וועג, וואָס וועט גרינגער מאַכן פאַר אַנדערע צו דערגיין אויף אים ביז צום סוף.

נאָר — לאָמיר אין דעם איצטיקן דין וחשבון פון מיין לעבן בעסער גיין כסדר, אויף וויפיל מעגלעך כראָנאָלאָגיש. לאָמיר דעריבער זיך אומקערן צום סוף זומער 1888, ווען וויערא און איך האָבן פאַרלאָזן בערלין.

די נסיעה פון בערלין קיין ציריך איז פאַר אונדז ביידן געווען איינע פון די אָנגענעמסטע. דער עיקר — וואָס מער מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין דער בערגלדיקער דרום־ריכטונג. פאַר וויעראַן זיינען די באַרג־פּייזאַזשן ניט געווען קיין נייס. זי איז קינדווייז אויפגעוואָקסן אין דער אוראַלער געגנט אין רוסלאַנד. אָבער אויך זי האָט געשלונגען מיט די אויגן די זיך בייטנדיקע סצענעריען. פאַר מיר איז דער אַריינפאָר אין אַ נייער „פיזישער געאָגראַפיע” געווען אַ נייע דערלעבעניש. ביז צו יענער צייט בין איך אַלץ אַרומגעפאָרן אין דעם ברייטן צפון־אייראָפּייאישן פלעין, וואָס ציט זיך פון דעם דייטשן ים ביז צום אוראַל.

אפילו אין „מיינע” בערגלעד אין און אַרום וויטעבסק, — אָפּצווייגלעך פון די וואַלדאַיער בערג, — האָב איך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע הויכע און שיינע באַוואַלדונגען, מיט אַזעלכע אויסטערלישע באַרג־פאָרמען. עד היום געדענקט זיך מיר איין באַרג אַזאַ, אַן איינצלנער, וואָס האָט זיך

אַרויסגעטיילט פון דער גאַנצער קייט. ער האָט געהאַט די פאָרם פון אַ גיגאַנטישער „קלובניקע“. אונטן און אויבן אַביסל שמעלער איידער אינמיטן. מיר האָבן אונדזערע אויגן ניט געקאָנט אָפּרייסן פון אים, און עס האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס ער איז אַזוי גיך פאַרשוואונדן פון אונדזער בליק. אין אָט דער רייזע האָב איך צום ערשטן מאָל געגומען שפּירן נאַטור־שיינקייט, אָדער ריכטיקער: געגומען מיט קלאָרן באַוואוסטזיין שפּירן זי. קיין אַנדערע פראַגן זיינען גאָר ניט אַרויפגעקומען אויפן זינען, ווי נאָר: „צו וואָס איז דאָס געגליכן? ווי דריקט מען די אָדער יענע פאָרם אויס אין מענטשלעכע ווערטער?“

טעאָרעטיש בין איך דעמאָלט נאָך אַלץ געווען ווייט פון אָנדערקענען די אַבסאָלוטע אייגנאַרטיקייט פון אַן עסטעטישן באַוואוסטזיין, וואָס מוז האָבן זיין אייגענעם וואָרצל אין אַ פּסיכישן לעבן ניט נאָר פון מענטשן, נאָר אויך פון אַנדערע לעבעדיקע ברואים. טעאָרעטיש וואָלט איך מיך נאָך אַלץ אונטערגעשריבן אונטער טשערנישעווסקיס מאַטעריאַליסטישער פאָרמולע: שיינקייט איז אַ מענטשלעך לעבן, — ד"ה, אַז „שיינקייט“ איז ניט קיין זעלבסטשטענדיקער שטראָם פון אַן אייגנאַרטיקן באַוואוסטזיין, נאָר אַן אַרויסקום פון עפּעס אַן אַנדער זאַך, פון לעבנס־באַדערפעניש מיט זייערע ניצלעכקייט־חשבונות. אַזאַ בליק איז ביי מיר אין בערלין נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן, אַ דאַנק עביגהאַוזס פאָרלעזונגען וועגן עסטעטיק, וואו די ליניעס גופא און זייער ווירקונג אויף אונדזער נשמה פלעגן צוריק־געפירט ווערן צו פרימיטיווערע נשמה־דערלעבענישן, ווי „שטיין פעסט“, אָדער „איינבויגן זיך און פאַלן“, וכדומה.

וועגן דער טעאָרעטישער זייט פון דער עסטעטיק האָב איך גראָד דעמאָלט גאָר ניט געטראַכט: איך בין געווען צופיל אַריינגעטאָן אין דעם באַוואוסטזיניקן דורכלעבן שיינקייט, איך זאָל מיך האָבן קאָנען אָפּגעבן מיט דעם באַוואוסטזיניקן טעאָרעטישן באַטראַכט וועגן דעם ענין.

אָבער אויב אין די שפּעטערע יאָרן — דער עיקר אַ דאַנק דעם לעבן אין דער שווייצאַריע — האָב איך איינגעזען דעם זעלבסטשטענדיקן וואָרצל פון אַ ריין עסטעטישער שפּירונג און די אומפּרוכפּערקייט פון אַלע פּיל־פּולים און פּשטלעך צוריקצופירן זי און דערקלערן זי מיט עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט מחוץ פון דער שיינקייט־ספערע, אפילו די ריין אידעאַליסטישע פּרוואון פון אָט דעם מין, — ווי, צ"ב, ביי שאָפּענהאַוערן און העגעלן, — איז דאָס קערנדל פון אַזאַ דערהייבן די עסטעטיק, צו אַ וואָרצלהאַפטן, דורכאויס זעלבסטשטענדיקן קאַמף, — וואָס האָט אַ רעכט צו זאָגן זיין וואָרט און שטעלן זיינע פאָדערונגען אפילו אין די האַרבסטע סאָציאַלע

פּראָבלעמען, — אָט דאָס קערנדל, זאָג איך, איז געוויס פּאַרזייט געוואָרן אין מיר, בעת יענער נסיעה.

אונדזער אויפמערק איז אויך אָפט צוגעצויגן געוואָרן צו די פאַר־שיידענע אַרכיטעקטורן פון די הייזער אין די דערפער, וועלכע מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן: צו די קאָסטיומען פון די דאָרפסלייט, וואָס פלעגן אַריין אין אונדזער וואַגאָן, אָדער וועלכע מיר האָבן געזען אויף די סטאַנציעס, ביי די אָפּשטעלן; און גאָר אַ קינדישע פרייד האָט ביי אַזאַ אָפּשטעל אַרויס־גערופן אין אונדז דער אַנבליק פון די פערד־און־וועגעלעך ביי דער סטאַנציע. די פערד האָבן געטראָגן אויף זייערע קעפּ שטרויענע היט־לעך, מיט ספּעציעל־געמאַכטע לעכער, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגע־סטאַרטשעט די אויערן, אָבער אויך אונטערגעבונדענע מיט שלייפן אונטער די גאָמבעס. יעדער פערד — אַן אמתע גראַנד־דאַמע. עס האָבן נאָר געפעלט דער פעכער און דער לאָרנעט. קאָמיש און אין דער זעלביקער צייט זייער ליבלעך איז אונדז געווען זייער אַנבליק.

אָט די אַלע ריין עסטעטישע איינדרוקן, צווישן מענטשן אין וואַגאָן, דורכאויס זאַטע און צופרידענע, האָבן זיך סומירט אין אייך־איינציקן איינ־דרוק: מיר פאַרלאָזן אַן אַלטע וועלט הינטער זיך און טרעטן אַריין אין אַ גאַנץ נייער, אָבער וואונדערלעך שיינער, זוניקער וועלט.

אָט דער איינדרוק האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט, ווען מיר זיינען, האָבנ־דיק איבערגענעכטיקט אין באַזעל, לסוף געקומען קיין ציריך.

אויפן וואָקזאַל האָט אונדז באַגעגנט מיין קוזינע מאַריאַ ריינוס, וועגן וועלכער איך האָב שוין אַמאָל געשריבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך. זי האָט אונדז גלייך פון דעם וואָקזאַל גענומען צום „ציריך־זעע", כדי מיט אַ דאַמף־שיף צו פאָרן צו איר, וואו זי האָט געזומערט אין איינעם פון די דערפלעך אויף דער זעלביקער אָזערע.

שוין אויף דער דאַמף־שיף האָט מאַשע אונדז פאָרגעשטעלט דריי נייע באַקאַנטע: דעם „ציריך־בערג" אויף דער לינקער זייט וואַסער, דעם „איטלי־בערג" אויף דער רעכטער זייט, און די מיט אייז באַדעקטע גלע־טשער־בערג פון אַן אַלפּן־קייט, וואָס האָט געשטראַלט אין דער זון, גלייך אַנטקעגן אונדז, ביים עק האָריזאָנט. אָט די פּאַנאָראַמע מיט דעם ציריך־זעע אינמיטן, מיט זיינע גרינלעכע, קלאָרע וואַסערן, מיט אַ נעץ דינינקע קנייטשעלעך אויף זיי, ווי אַ וואואל אויף אַ שיינעם פּנים, זיינען זיכער געווען „עטוואָס נאָך ניכט דאַ געוועזענעס", וויניקסטנס פאַר מיר; אַ דורכאויס נייע, זוניקע, שטראַלנדיקע וועלט.

אין דעם דערפל, אויף מאַשעס אַכסניה, וואו זי האָט שוין פאַר אונדז אַנגעגרייט אַ צימער, האָבן מיר די ערשטע פאַר וואָכן פאַרבראַכט, ווי אין אַ גליקלעכן חלום. אגב, זיינען דאָס אויך געווען די „פליטער־וואָכן" פון מיין פאַר־פאַלק־לעבן מיט וויעראַן.

ווען איך קוק איצטער, דורך דעם לאַנגן קאָרידאָר יאָרן, אויף דעם פרי־האַרבסט 1888, אויף די פאַר וואָכן, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין אַ דערפל אויף דער „ציריך־זעע", דאַכט זיך מיר, אַז דאָס זיינען געווען די גליקלעכסטע וואָכן אין מיין גאַנצן לעבן.

ליבע, נאַטור־שיינקייט, פריינטשאַפט — און ניט קיין סימן פון וועלכע־עס־איז דאגות, פערזענלעכע, צי יידישע, צי אַלמענטשלעכע. אפילו מיין פעקל „פראָבלעמען" האָב איך פון דער נשמה ניט אויסגעפאַקט. ס'האָט אויסגעזען ווי דער סאָציאַליזם וואָלט שוין לאַנג געווען אַ מקוים געוואָרענער, און מענטשן לעבן אין אים אין נחת און אין פרייד, אָט אַזוי אַן ערך, ווי אין דעם „פערטן חלום" פון „וויעראַ פּאַוולאָוונאַ" אין טשער־נישעווסקיס „טשטאָ דיעלאַט ?"

די זוניקע טעג, מיט קיין ברעקל וואָלקן אויפן הימל — סיי אין דעם בוכשטעבלעכן, סיי אין דעם מליצהדיקן זין פון די ווערטער — האָבן געגומען ביסלעכווייז פאַרגיין.

ניט אָפּגעוואָרט ביזן סוף הזמן, בין איך מיט מאַשען אַריבערגע־פאָרן קיין ציריך צו זען זיך מיט יענעם חבר, וועמען „שאול פינחס" (ראַבינאָוויטש) האָט איבערגעלאָזן די ירושה פון זיינע יידיש־סאָציאַליס־טישע אַרבעטן.

דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן מיין נייע טעטיקייט אין שווייצאַריע.